STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04674

OYFN PALESTINER FRONT

Elian J. Finbert

Permanent preservation of this book was made possible
by Joel & Helen Rosen
in memory of
Sidney & Sylvia Weiss

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אויפן פאלעסטינער פראָנט

ביבליאָטעק מאַרק ראַקאָווסקי

עליאַן פינבערט

אויפן פּאַלעסטינער פראָנט

(אונטער דער הערשאַפט פון בריטישן לייב)

פון פראַנצויזיש: מ. ראַקאָווסקי

מיט אַ פאָררעדע פון
אַנרי באַרבוס

ווארשע 1929

Eljan Finbert
Na palestyńskiem froncie
Druk. Braci Wójcikiewicz
Warszawa, Pawia 10.



הקדמה

אָט איז אַ פיין בוך, וואָס ברויזט און שיינט מיט יונגער נשמה, יונג אין איר גורל און אין אירע ציִלן. דאָס אַלץ ברויזט מיט אַ גאַנצע סעריע בילדער פון דער גרויסער מלחמה.

אויפן אָריענט, אויפן צווייטן עק פונם גיגאַנטישן פראָנט, ווו די אַרמייען האָבן זיך יאָרנלאַנג איינגעגראָבן איינע קעגן דער צווייטער, ווו מענטשן האָבן זיך סיסטעמאַטיש פאַרטיליקט, דאָרט זענען זעלנער, אָפיצירן, געזעצן, דחקות און אומגערעכטיקייטן פון דער מלחמה געווען דיזעלבע, ווי אונטער די בלייענע הימלען פון צפון-אייראָפּע.

די מענטשן אין כאַקי-מונדירן, מיט מעשענע קנעפּ, מיטן דאָפּלטן צייכן פון ענגלישן איינהאָרן און לייב, וועלכע זענען ווערבירט געוואָרן אין 39 פּולק פון די „קייזערלעכע שיסער”, אַנדערש געזאָגט אין „יידישן באַטאַליאָן”, האָבן אויף די גרענעצן פון אַפריקע און אַזיע געפירט דאָסזעלבע לעבן, ווי די מענטשן אויף דער סאָמע און אויפן איזער, אין פראַנקרייך.

דידאָזיקע טראַגישע ענלעכקייט זעט מען בולט אַרויס, בעת מען לייענט דאָסדאָזיקע בוך. דער אויטאָר, וועלכער איז נאָך נעכטן געווען אומבאַקאַנט אין די ליטעראַרישע קרייזן, פאַרדינט איצט אָנערקענונג, וואָס פּאַסט פאַר אָנגעזעענע שרייבער, פאַר שרייבער מיט טאַלענט און מיט פעסטע דערהייבענע געוויסנס. זיינע פעסטשטעלונגען שניצן אונדז אויס די יסורים פון די יידישע זעלנער, צווישן וועלכע ער האָט זיך געפונען

און אויך פון די עגיפּטישע זעלנער פון דער אָריענטאַלער מלחמה, צווישן וועלכע ער האָט זיך געוואָלגערט. מיר געפינען דאָ דעמזעלבן גרויסן שקר, וועלכן מ׳האָט פאַרשפּרייט צווישן אונדז. מיר געפינען דעמזעלבן שקר און די אויסטראַכטונגען, מיט וועלכע מען האָט געשפּייזט דידאָזיקע אָרעמע לייט, כּדי צו שאַפן נייע שיס־פּונקטן, אין וועלכע די מלחמה האָט זיך גענייטיקט און כּדי מ׳זאָל זיך מקריב זיין פאַרן רום פון זיין קייזערלעכער מ א י ע ס ט ע ט. פּונקט ווי אונדז, וואָט מען אַ גע־וויסן טייל פון זיי געחנפט צוליב זייערע אינסטינקטן, אַ טייל צוליב זייער נויט, אָדער גאָר צוליב זייערע טרוימען. מען האָט ווערבירט אַרבעטער־פּעלאַכן, אָדער יידישע זעלנער מיט מליצה, מיט ווייט־גייענדיקע הבטחות. צו די יידן האָט מען געזאָגט: די ציוויליזירטע מלחמה וועט באַפרייען אייער פאָטערלאַנד, וועלכע איז אייביק אונטערדריקט און, נעמענדיק די ביקס אין דער האַנט, גייט איר רעסטאַווירן אייער הייליקע היים, וועלכע איז צעזייט און צעשפּרייט אין אַלע פיר עקן פון דער וועלט און אין אַלע דורות. אַ סך יונגע לייט, באַהערשט דורך התלהבות פון דער גרויסער נאַציאָנאַלער בענקשאַפט, האָבן מיט פרייד אונטערגעשריבן דאָס פּאַפּירל פון פרייוויליקער אַריינטרעטונג אין דער אַרמיי... דאָרט, פּונקט ווי דאָ, האָט מען געהאַנדלט מיטן אידעאַל, כּדי צו באַקומען די נייטיקע שפּייז פאַר די האַרמאַטן.

דאָרט, פּונקט ווי דאָ, האָבן די בעסטע מענטשן תּיכּף באַגריפן דעם שקר, פון וועלכן זיי זענען געווען די קרבנות. פון די אַלע הבטחות, וואָס מען האָט זיי געגעבן, כּדי אַרויס־צוקריגן זייער אונטערשריפט, איז קיין איינע נישט געוואָרן אויסגעפילט. די זעלנער אויפן מלחמה־פראָנט, ליגנדיק אין אָקאָפּעס, וועלכע האָבן דורכגעשניטן פילפאַרביקע שטראַלנדיקע דערפער פונם מדבר, האָבן געפירט אַ לעבן פון געפאַנגענע, זענען ברוטאַליזירט געוואָרן פון העסלעכע אויסגעלאַסענע אָפי־צירן, שיכּורים, וועלכע האָבן זיך דערוואָרבן די שליפעס אַ דאַנק סאַדיזם און לייב־שטראָף. ס׳האָבן נישט געהאָלפן קיין

שום אָנקלאַגעס פון די אָרעמע זעלנער, וועלכע זענען געווען פאַרלוירן אין דעמדאָזיקן גיהנום.

דאָס אַלץ איז באַשריבן אויף זייער אַ שאַרפן אופן, שטאַרק און מעכטיק, מיט אַן אָרגינעלן פרישן סטיל, מיט דרך-נעליטענער פשטות, ווי געוויסע נאַיווע פאָרמען באַהעפטן זיך צייטנווייז מיט אַ פרעכטיקער ווירטואָזיטעט פון פאָרמען און פאַרב. דאָס בוך פון אַ. פינבערט גיט איבער זיין מאָלערישע באַמערקונג, הויפטזעכלעך זיין מענטשלעכע באַמערקונג, וואָס גיסט זיך צונויף מיט דער גאַנצער סעריע ווערק, וועלכע האָבן באַצייכנט דעם פּרצוף פון דער גרויסער שחיטה איבער דער גאָרער וועלט, און וועלכע וועלן צווינגען די צוקונפטיקע דורות מען זאָל האָבן פאַר זיי דרך-ארץ. מיט זיין געשריי פון אויפ-ריכטיקייט און אמת באַווייזט ער אונדז, אַז אייגן-נעמען, גע-אָגראַפישע ערטער, נאַטירלעכע דעקאָראַציעס קענען זיך אונטער-שיידן. אָבער די מלחמה בלייבט אומעטום און תמיד דיזעלבע העסלעכע און עקלדיקע מאַכינאַציע. פונקט ווי אַלע ווערטפולע ווערק, אַזוי אויך דאָסדאָזיקע ווערק באַווייזט אונדז בולט, דורך מאָלערישע בילדער, די טראַגישע און איינטאָניקע ענלעכקייט פון מענטשלעכע אומגליקן.

אין דעם בוך זעט מען אַרויס בולט אַ ריינע מאָראַלע אידעע, און ס'איז געווונטשן, אַז עס זאָל געפינען אַן אָפּקלאַנג אין די יידישע קרייזן. דורך דער שטימע פון אַ פּערזאָן, וואָס איז זייער שטאַרק געשילדערט, דורך דער שטימע פונם קאַפּ-ראַל, משה לייבמאַן, דריקט אויס דער אויטאָר דעם באַגריף, וועלכן מען האָט צוגעטשעפעט צו די הערצער פון געוויסע-יידן: די שיינקייט און די נויטווענדיקייט פון זעלבסט-אָפּפע-רונג, אַז דידאָזיקע זעלבסט-אָפּפערונג דאַרף פירן ביז צום טויט צוליב דער יידישער באַפרייונג, כדי צו מאַכן אויפלעבן די יידישע היים, די איינציקע אין דער וועלט. דער אויטאָר פון דאָזיקן בוך איז נישט איינשטימיק מיט דעמדאָזיקן מיסטיציזם. ער האַלט, אַז דאָס ווידערואויפבוי פון אַ יידישער פּאַלעסטינע איז אַ פּוסטע הבטחה, וואָס קיינע פון די גרויסע מלוכות, וועלכע

איז פעיק מיטצוהעלפן עס צו פאַרווירקלעכן, ווען עס קיינמאָל נישט פאַרווירקלעכן.

אָבער, הויפטזעכלעך, האַלט ער, אַז דאָס איז גאָרנישט געוווּנטשן. אינם בוך ברויזט אַ דערהייבענע נשמה און אַ גרויסער גייסט, וואָס דאַרף באַלויכטן ווערן. דער יידישער אידעאַל, דערקלערט ער אונדז, איז אַ סך העכער ווי דער אידעאַל פון אַ נאַציע. די יידן דאַרפן אייניקייט און שפּייזן זייער גרויסן טרוים, נישט כדי איינצוּשפּאַרן אים אין פּאַלעסטינע, נאָר פאַרשפּרייטן אים צווישן מענטשן און באַוועגן זיי צו דערפילן די אַרבעט פון באַפרייונג און גערעכטיקייט. דערדאָזיקער פּרעכטיקער באַגריף באַלייכט די גאַנצע דערציילונג. טיף יידיש מיט זיינע אייגנשאַפטן, אינסטינקטן, מיט זיינע אַלע ציטערנישן און וויבראַציעס, דערהייבט זיך דער אויטאָר און פאַרטיפט זיך אין אַלע מענטשלעכע ריכטונגען. און מען קען זאָגן, אַז דאָסדאָזיקע זעלטענע ווערק, דורך וועלכער ער באַווייזט זיך צום ערשטן מאָל פאַר דער וועלט, באַזיצט אין זיך עטלעכע מדרגות פון אונטעררייכטונג.

אַנרי באַרביס

I

די לאַנגע שמועסן פון משה לייבמאַן, דעם קאַפּראַל פונם יידישן באַטאַליאָן, קומען מיר אַרויף אויפן רעיון, ווי אַ געזאַנג, וואָס מען זינגט קעגן אייגענעם ווילן אין ווע־מענס מעלאָדיע לויפט איבערן געדאַנק, ווי אַ כוואַליענדיקע אַראַבעסקע. איך האָב זיך עטלעכע מאָל געוואָלט באַפרייען פון דידאָזיקע געדאַנקען, אָבער זיינע באַוועגונגען, זיינע בייסנדיקע תשובות, זיין התלהבות שלייכן זיך אַריין פּאַוואָליע, פילן מיך אָן, באַהערשן מיך. דערדאָזיקער יונגערמאַן מיט שטאַרק־אויס־געשניצטע צוגן, מיט אַ פאַרעקשנטן שטערן, ריין אָפּגעראַזירט, פעסט געבויט, די נאָז קרום, מיט אַ באַפעלערישן קול פון אַ פאָלקס-פירער, איז מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן דערדאָ־זיקער היים און ער איז דאָ אומעטום, ווו ס'פאָדערט זיך אַ גוטער ווילן. זיינע פראַזן זענען אויסגעטאָקט, ריין און קלאָר, אָן שום שפּיצלעך. ער גייט גלייך צום ציל, ווי אַ פּשוטער לאַגישער מענטש, וואָס ווייסט נישט קיין שום קונצן. זיין גלויבן איז פעסט און זיין בטחון אינם גורל פון פאָלק ישראל פאַלט נישט אַרונטער אונטער קיין שום ווידערשפּרוכן. ער איז אַ גרוי־סער טרוימער. ער האָט זיך באַפרייט פון די תלמודישע פּיל־פולים, און די ביבל גיט אים דעם שווונג. אָבער דאָך, אונ־טער דער באַשיידענער ניכטערער מאַסקע ברויזט אַ נשמה, אַן אומגעדולדיקע פאַרשטעלטע נשמה, וועלכע איז גרייט ביי יעדן טרייסל אַראָפּצוואַרפן די קייטן.

דאָס האָט פּאַסירט אין קאַנטאַרע, אין אַ געוויסן אָוונט, ווען דער שאָטן באַצייכנט מיט אומבאַשטימטקייט געצעלטן און זאַמדן. פון יענעם אָוונט הייבט זיך אָן, נישט אַזוי אונדזער פּריינטשאַפט, נאָר אַ מין נשמה-דערנענטערונג. מען דאַרף דע-מאָלט נישט דורכדרינגען איינער דעם צווייטן, מען דאַרף נישט האָבן קיין אַלגעמיינע געדאַנקען, און דאַך קומט מען אין נאָענטע באַציונגען. ער איז געקומען מיר בעטן עפּעס אַ מיליטעריש ביכל, און איך האָב אים איינגעהאַלטן, נישט וויסנדיק פאַרוואָס. אפשר דערפאַר, ווייל איך בין געווען אין אַ שלעכטער שטימונג.

אים האָט מסתּם געחידושט מיין איינלאַדונג, ווייל איך בין געווען זייער איינזאַם. איך האָב נאָר געהאַט צו טאָן מיט די עלטסטע, וואָס מיינע פליכטן האָבן געפאָדערט, און מיט די זעלנער פון מיין סעקציע. מיין געצעלט איז געווען מיין מקום-מקלט. איך האָב געהאַט מיט זיך עטלעכע גוטע ביכער. משה האָט פון אַזעלכע ביכער נישט געהערט, היות אין אַמע-ריקע האָט ער געלערנט אומבאַשטימטע לימודים. זיין חקירות-דיקער גייסט האָט זיך תיכּף גענומען צו דער אַרבעט. דאָס איז געווען זיין אויסגאַנגס-פונקט. ער איז געווען שטאַרק באַ-האַוונט אין דער ביבל, האָט זי קאָמענטירט, געלייענט אויף אויסנווייניק לאַנגע שטעלן, און איז געווען פאַרוווּנדערט, נישט געפינענדיק זיי ביי מיר אויפן טיש. מיר האָבן געשמועסט. ס'איז געווען שטאַרק פינסטער. דער זאַמד האָט געלויכטן. פון דערווייטנס האָבן שאַקאַלן געבילט. קולות, געזאַנגען, אויסרופן האָבן זיך געלאָזט הערן פון אַלע זייטן.

משה האָט מיר דערציילט פון זיין קינדהייט, פון זיין דחקותדיקער אָרעמער קינדהייט אין ירושלים, נאָכדעם וועגן זיין אָפּפאָר קיין אַמעריקע, ווייל זיינע עלטערן זענען געווען אין גרויס נויט, און מען האָט געמוזט לעבן. זיין נייע ביל-דונג האָט ער באַקומען אויף נאַכט-קורסן, און געאַרבעט האָט ער אין אַן אייזן-פאַבריק, ביים שמעלצן. ער האָט מיר הויפּט-זעכלעך, מיט באַגייסטערונג דערציילט, ווי די ערינערונגען פון דערדאָזיקער שטאָט האָבן אין אים געלעבט, און הגם ער איז

געוועזן אָפּגעריסן פון דער יידישער סביבה, דאָך האָט ער אין זיינע יינגע יאָרן געפילט, אַז ער וואַקסט זיך אַלץ מער צו־נויף מיט זיין פאָלק, פונקט ווי אַ שיינער בוים, וועמענס בלעטער גיבן אַ סך שאָטן. און זיין שטימע איז געוואָרן באַגייסטערט, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער וועט זיין איינער פון די בעסטע זעלנער אין שלאַכט.

II

— דאָך האָט דיין זיידע געקעמפט און געליטן פאַר אונדז. ער איז געשטאָרבן אין פּאַלעסטינע. ער האָט דערפילט זיין חוב. ווען ער וואָלט היינט געלעבט, וואָלט ער זיך מקריב געווען. וואָסער כוח האָט אַמאָל געשטופּט די פּיאָנערן, וועלכע האָבן זיך אָוועקגעלאָזט פון שפּאַניע, כדי צו זוכן דאָס פאַרשפּראָכן לאַנד! קענסטו אָפּלייקענען זייער התלהבות? קענסטו נישט אָנערקענען זייער אידעאַל, זייער אַלטן אידעאַל, וועלכער איז פאַרבליבן, ווי אַ באַרג־געוויקס, וואָס קיינער האָט נישט געקענט אויסוואָרצלען.

— אָבער צוואָס? ווייל נישט געקוקט אויף אונדזערע אָנשטרענגונגען, אויף אונדזערע אוצרות, נישט געקוקט אויף דער בייגעוודיקייט פון אונדזער אינטעליגענץ, וועלן מיר תמיד האָבן פאַר זיך די חורבות פון אונדזער בית־המקדש, וועמענס שאָטן וועט אונדז אומעטום פאַרפאָלגן. דידאָזיקע חורבות זאָגן עדות אויף אונדזערע פאַלשע אַספּיראַציעס. מיר וועלן תמיד האָבן קעגן זיך די פאָראורטיילן, וועלכע מען פאַרוועגדעט בנוגע אַלטע ראַסן, וואָס דאַרפן דורכאויס אויסגעלאָשן ווערן. מיר זענען דער ערב־רב פון דער געשיכטע... צוואָס דאַרפן מיר עס האָבן?

— „צוואָס!". דערין שטעקט דער אומגליק; דאָס איז אַ בראַנד. אויב נישט געקוקט אויף די קללות, פאַרפאָלגונגען און פּאָגראָמען, האָבן מיר זיך נאָך אויפגעהאַלטן ביז היינטיקן טאָג, ליפערנדיק דער מענטשהייט אונדזערע גרויסע פעק ענערגיע

און אונדזערע געדאַנקען, וועלכע דערהייבן שווערע זאָפּ־טיקע זאַנגען, טאָ וואָס־זשע וועט נאָך זיין דעמאָלט, ווען אויף אונדזער אייגן באָדן וועלן זיך אויפזאַמלען אונדזערע פּאָעטן, אונדזערע געלערנטע, אונדזערע קאַפּיטאַליסטן און דאָרט ברענ־גען די פּירות פון זייער אַרבעט, פון וועלכע עס געניסן אונ־דזערע שונאים?

— מיר וועלן איינער דעם צווייטן דערשטיקן, מיין פריינט. ס׳איז אַ גאַנץ פּשוטע מעשה. מיר לעבן אין געטאָס און זענען נישט צוגעוווינט צו אַ געזעלשאַפטלעך לעבן. אדרבה, אַלץ דער־ווייטערט אונדז פון איינאַנדער: געשעפטן, אַמביציעס און אפילו אונדזער אָפּשטאַם, מיט וועלכער מיר שעמען זיך גאַנץ אָפט.

— און חוצדעם, זענען מיר צו גרויסע אינדיווידואַליסטן מיר וועלן איינער דעם צווייטן דערשטיקן, זאָג איך דיר. טו אַ קוק, וואָס ס׳קומט איצט פאַר אין פּאַלעסטינע. נאָך באַלפורס דעקלאַראַציע, וועלכע האָט צוגעגעבן אַ מין אָפיציעלע פאָרם דער יידישער פראַגע, האָבן מיר זיך צעטיילט אין גאַנצע מחנות פּאַרטייען: קאָמוניסטן, סאָציאַליסטן, א. ז. וו.., מיט וואָלן, מאַניפעסטן, שנאה, און אייטלקייט. און אָט אויף אַזאַ אופן ווילן זיי שאַפן אַ נייע מלוכה! לאָזט צורו... צערייסן, צעפּיצ־לען די כוחות! צוואָס! ס׳איז שוין בעסער צו בלייבן אויף די אַלטע ערטער, צעזייט און צעשפּרייט, און פאָרטזעצן דעם פריערדיקן אַרט לעבן.

— דו ביסט אַראָפּ פון גלייכן וועג. צו יעדן אידעאַל דאַרף מען האָבן דרך־ארץ. דו געהערסט צו דער פּאַלאַנגע, וואָס קעמפט פאַר דער רעאַליזירונג פון דעמדאָזיקן אידעאַל. ווי גרויס אפּיקורס זאָלסט נישט זיין, מוזטו דערין גלויבן, כאָטש אויף דער העלפט. דו ביסט אָנגעקומען אַלס פריי־ווילי־קער, ווו דיין אינערלעכער כוח, דיין חוב האָט דיך געשטופּט. אָבער דערדאָזיקער חוב פאַרלירט זיין שיינקייט און זיין ווערט, אויב דו וועסט אים נישט ווידמען דעם יידנטום, היות דו ביסט אַ ייד. דערדאָזיקער אומבאַשטימטער הומאַניזם, פאַר וועלכן דו

וואָלסט געוואָלט זיך מקריב זיין, וואָס קען ער דיר געבן, אויב דו באַרעכטיקסט אים מיט אַ באַשטימטן ציל. שטאַרבן, פּאַרטיי־דיקנדיק די פרייהייט איז זייער שיין, אָבער ס׳איז אַ סך שע־נער צו שטאַרבן, כדי אונדזער לאַנד זאָל ווערן רעסטאַווירט און ס׳זאָל אויפלעבן אונדזער אַמאָליקע גרויסקייט״.

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן משה? איך וואָלט געוואָלט דיך נאָכגיין. אָבער איך גלויב נישט דערין. ווען איך וועל פילן און זיך ברויזן דעמדאָזיקן געטלעכן קוואַל, ווי גרויס וועט דעמאָלט זיין מיין נחמה! צי איך זאָל וועלן, אָדער ניין, בין איך דאָך פון אייערע. איך וואַרט אויך אויף עפּעס אַן אומ־באַטירלעכע דערשיינונג. וואָסער רויז וועט פלוצלוצלונג אויפ־שפּראָצן אויף אַזאַ פּרוכטלאָזן באָדן, וואָס וועט דאָ בליען?

— דאָס פאָלק ישראל!...

מיר זענען געזעסן אויפן זאַמד, לעבן מיין געצעלט. איך געדענק אַליין נישט, זינט ווען מיר האָבן אַזוי אָפּגערעדט אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט. אין לאַגער האָט זיך געטומלט. עמיצער האָט געזונגען אַ העברעיש ליד. די פלאַ־מען פון די ליכט האָבן אויסגעצויגן זייערע שאָטנס אין די געצעלטן. מיר האָבן אויפגעהערט צו ריידן. משהס לעצטער וואָרט האָט זיך איינגעקריצט אין מיר. מיטאַמאָל האָט מען דערלאַנגט אַ סיגנאַל, מען זאָל אויסלעשן די ליכט. מען האָט אויסגעלאָשן. מיר זענען אַוועק שלאָפן.

III

איך קום צוריק אין לאַגער. מיינע פיס שפּרייזן פּאַוואָליע אין די זאַמדן, ווייך ווי שניי, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן און מיט אַ גוטן געמיט. איך האָב באַקומען דעם איינדרוק, אַז דער גאַנצער מדבר, מיט זיין ווילדער פּרוכטלאָזיקייט, מיט זיינע סודותדיקע ווינטן, מיט זיינע שאַרפע ריחות, נעמט מיך אויף, ווי אַ באַלעבאָס און ,אומבאַשטימט, פיל איך זיך ווי איינס פון זיינע קינדער.

איך שפּרייז ליכט, ווי אַ ליד, ווי אַ רויך, ווי אַן אַקאָרד. אַט שטייען גלייכע ווייסע געצעלטן, צווישן פייגנבוימער, מיט צווייגן, געבויגן אין טרויעריקע אָנשטרענגונגען. אָט דאָ, אין אַ זייט, איז מיין געצעלט, וואָס וואַרט אויף מיר, ווי די שוועל פון אַן אַלטער דאָרפס־כאַטקע. מיין געצעלט רונדיקט זיך מיט זיינע צוועלף שטיקלעך לייוונט, פיין אויסגעניית, ווי די טיילן פון מיין נשמה; עס איז לייכט, לייגט נישט קיין אַכט אויף קיין ווינטן, רעגנס, היצן, ווי מיין נשמה; מען בינדט עס צו און מען טראָגט עס איבער זייער לייכט, מען פעסטיקט עס צו אומעטום, אויף זאַמדן, ליימען, פעלזן, ווי מיין ציגיינער־ישע, פאַרשידנאַרטיקע נשמה. אָט זענען מיינע אינטימע, וואַרעמע זאַכן, מיט וועלכע כ'האָב געלעבט, זינט איך בין אַ זעלנער, וואָס וואַקסן אַרויס פונם שאָטן, ביים ציטערדיקן פלאַם פון דער ליכט און שטרעקן מיר אויס זייערע היימישע פּנימער. אָט איז מיין קליין טישל, מיינע ביכער, עטלעכע געליבטע פאָטאָגראַ־פיעס, מיין פעלד־בעט, מיין שילדקרעט... פולשטענדיקע מנוחה!, דורך דער עפענונג פונם געצעלט לייגט זיך אַ גרויסער פּאַס ליכט אויפן זאַמד, ווו ס'האַלט אין איין פינקלען. קליינע פלי־געלעך באַדעקן דעם טיש מיט זייער גליקלעכן טאַנץ אַרום דעם ליכט. דער מדבר אָטעמט אַרום מיר. שוואַכע ריחות פון ווייטע בלומען דערגייען צו מיר. משה איז היינטיקן אָוונט נישט געקומען צו מיר און נישט געבראַכט זיין וואַרעמען שמועס. איך בין איינער אַליין! איך וויל היינטיקן אָוונט לייע־נען שיר־השירים צום ערשטן מאָל. פּאָעזיע, שטילקייט!

IV

באמת, איך דערמאָן זיך וועגן דעם זיידן, דעם אידעאַ־ליסט, וואָס שלאָפט איצט אונטערן שאָטן פון איילבערטן, דאָרט אין דער שטאָט. ער האָט געלעבט אָפּגעזונדערט אויף זיין נחלה אין קדירה, זייענדיק פאַרנומען מיט זיינע פלאַנטאַציעס און מיט זיינע לאַנדווירטשאַפטלעכע עקספּערימענטן. איינמאָל

בלויז האָב איך אים געזען, בעת ער איז געפאָרן אויף אַ רייזע קיין מצרים, און ווי ס׳דאַכט זיך מיר, איז עס געווען זיין לעצטע נסיעה. אין מיין קינדערישער פאַנטאַזיע האָט ער מיר געלאָזט דעם איינדרוק פון אַן אויסטערלישער פערזאָן, וואָס יאָגט זיך צוריק אַהיים און ווען די אַרומיקע זאַכן דערעסן. זיינע באַוועגונגען האָבן אויפגעוועקט איינגעשלאָפענע טרוימען און זיין שטימע האָט אַרויסגעזאָגט ווערטער, וועלכע האָבן גע־מאַכט שמייכלען מיינע עלטערן און וועלכע זענען מיר אויך געפעלן געוואָרן, הגם איך האָב זיי זייער שוואַך משיג געווען. אין אַ צייט אַרום האָט מיר מיין מוטער דערציילט וועגן זיין לעבן און האָט מיר באַוויזן עטלעכע בריוו פון זיינע יינגע יאָרן, וואָס ער האָט געשריבן צו זיין ברודער. די געשיכטע פונם דאָזיקן לעבן און די בריוו האָב איך איינגעהיט, ווי מען פאַרהיט שיינע זכרונות, וואָס דערפרייען אייערע רעיונות און דערוועקן אין אייך פאַרשידענע ריחות פון דער פאַרגאַנגענהייט. אָבער היינט האָבן זיי פאַר מיר אַן אַנדער באַדייטונג.

V

מיינע ערשטע פאַרבינדונגען מיטן לעבן פון אַ זעלנער, ס׳אַראַ עקל, ס׳אַראַ שאַנדע!... מיט דער צייט באַקומען דידאָ־זיקע ערינערונגען אַ מער באַשטימטן כאַראַקטער. בין איך עס געווען?... וויאַזוי האָב איך זיך געקענט צוגעווינען צו דחקות און נויט?... צי וואָלט איך אַמאָל געקענט שלאָפן זייט ביי זייט מיט אומבאַקאַנטע, אָנשטאָט שטולן און טישן — ליידיקע קאַסטנס, וואַשן און פאַרריכטן וועש? ווי אַזוי האָב איך געקענט אָנ־נעמען דידאָזיקע דיסציפּלין מיט די באַליידיקונגען? מיר דאַכט זיך, אַז איך מאַך די אויסגעבויגענע ליניע פון אַן אַנדער לעבן, וועלכעס האָט זיך, אַזוי צו זאָגן, אָפּגעריסן פון מיין לעבן און וועמענס געשעענישן טאַנצן פאַר מיר, ווי שאָטנס...

ס׳איז געווען אין קאַנטאַראַ. מיר זענען דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן נילוס־טאָל, אָנהייבנדיק פון אַלעקסאַנדריע. בלאָטיקע

און שטרויענע דערפער האָבן געשמייכלט צווישן פייגנבוימער, קאַנאַלן, וואָס האָבן זיך געצויגן איבער די פעלדער האָבן זיך אָפגעשפיגלט פון דערווייטנס. ביבלישע סצענעס האָבן זיך אַנטוויקלט אינם ליכט... די נייע לאַנדשאַפטן האָבן פאַרוואַנדלט דידאָזיקע נסיעה אין אַ מין פאַסירונג. איך האָב זיך פאַרגעסן, אַז איך בין געזעסן אויפגעפרעסט אין אַ וואַגאָן פון חיות. לייכט און לוסטיק איז געווען מיין נשמה. און אויף אַזאַ אופן בין איך געגאַנגען צו מיין גורל, וואָס איך האָב זיך אַליין אָנגעצייכנט.

מיטאַמאָל זענען די גרינע קוקורוזע-פעלדער, די דערפער שיטערער געוואָרן. מיר זענען אַריין אין אַ געגנט פון געלקייט. לאַגערן האָבן זיך געצויגן לענגאויס דער אייזנבאַנליניע. מען האָט באַקומען דעם איינדרוק פון אַ ים-ברעג. אָט זענען אזיערעס און אינמיטן בערגלעך מיט אויסגעטריקנטן טשערעט, צעזייט דאָ און דאָרט. מען האָט כסדר געמיינט, אַז צווישן צוויי קליינע בערגלעך וועט אַ ליאַדע ווילע אַרויסוואַקסן אַ בלויער ים-טישטוך... קוסטעס, פונקען. דער הימל האָט זיך געבויגן אויפן מדבר, פונקט ווי ער וואָלט געהאַלטן ביים אַראָפפאַלן. די דורכזיכטיקייט פון דער לופט האָט פאַרבלענדעט. ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער אומענדלעכער, דורכדרינגלעכער ריח פון די זאַמדן איז געקומען פון אומבאַמערקלעכע גערטנער, וועלכע האָבן געדרעמלט אויף יענער זייט פונם האָריזאָנט. מען האָט אויפגעהערט צו שפילן אין קאָרטן, לאַכן און זינגען.

מיטאַמאָל איז אין דער ווייטער ציטערנישט אויסגעוואַקסן אַ גרויער שטאַנג. דאָס ליכט האָט אים צוגעגעבן אַ מין צוציונגס-קראַפט. ער האָט זיך פאַרגרעסערט און דערנענטערט. וואַקלענישן, ציטערנישן, געשרייען. קאַזואַרינעס האָבן זיך געצויגן גלייך אינדערהויך, און מיט זייערע לייכטע פיינע נאָדלבלעטער האָבן זיי פאַרשטעלט די זון. ס׳איז געווען קאַנטאַרע. נאָך ווייטער האָט זיך אויסגעשפרייזט דער סועץ-קאַנאַל, מיט זיינע גרויסע שיפן, באַלאָדן מיט פראָוויאַנט און אַמוניציע, גרייט אָפצופאָרן אין ים אַריין.

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט. מען האָט אונדז געהייסן אויסשטייגן. אַ לאַגער, געצעלטן. דאָרט ווייטער — זאַמדן. פּרימאָרגן. זעלנער אָפּגעבּרענטע, אין העמדער, זענען פאַרבייגעגאַנגען. צוליבּ דער היץ איז דער גאַנג בּיי זיי געווען אַ שווערער. די זאַמדן האָבּן געראויכערט.

מיר האָבּן אויפגעשטעלט געצעלטן. מעדיצינישע אונטערזוכונג. מיאוסע גלידער. דער דאָקטאָר טאַפּט... נאַקעטע גופים ווערן אָן שום חרפּה אַרויסגעשטעלט פאַר אַלעמענס אויגן!... מען האָט אונדז אַריינגעשטעלט אין צעטל פון די, וועלכע טויגן צום טויט.

מיר האָבּן בּאַלד דערפילט די דיסציפּלין. אַ סערזשאַנט האָט אונדז איינגעשטעלט אין גרופּן, בּאַהאַנדלענדיק אונדז זייער גראָבּ. דאָס איז געווען אַ שטענדיקער זעלנער, וועלכער האָט שוין געדינט אין אינדיע. זיינע גלייכע וואָנסעס זענען געווען בּאַשמירט מיט קאָסמעטיק. מיט טרוקנקייט האָבּן געשמעקט זיינע בּאַוועגונגען און זיין קול. די מאַסקע פונם דאָזיקן מענטשן וועט תּמיד פאַרבּלייבּן אין מיין זכרון. מיט זיין קאַלט-שטאָלענעם בּליק האָט ער מיך דורכגענישטערט, און ער האָט תּיכּף בּאַגריפּט מיין אַנגסט און מיין אפשוי.

אין דעפּאָ, ווו איך האָבּ גענומען די זעלנערישע זאַכן, האָט זיך געלאָזט הערן די ריח פון לעדער און פון דעזינפעקצירטע מלבּושים. איך האָבּ זיך בּאַהערשט, כּדי נישט פאַרבּאַנדערצווויינען זיך; איך האָבּ פאַרבּיסן מיט די ליפּן, כּדי נישט צו שרייען. דאָס גרויסע געצעלט פון „מאַרקיזע-פאַסאָן" איז אין יענעם טאָג געווען אויפגעטרייסלט פון אַ בּרענענדיקן ווינט, און די זאַמדען, וועלכע זענען אַריינגעדרונגען דורך די שפּאַלטן, האָבּן אונדז בּלינד געמאַכט. מען האָט אונדז אַלץ אַריינגעלייגט אין אַ וואָלענע דעקע און איך האָבּ עס אַוועקגעטראָגן, גייענדיק אין דער רייע נאָך די אַנדערע זעלנער. דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און דעם קערפּער בּאַגאָסן מיט שווייס. ס'אַראַ יאוש, ס'אַראַ פּוסטקייט! איך האָבּ געזוכט עמיצן אַרום זיך, וועלכער זאָל פאַרשטיין מיינע ליידן. אָבּער קיינער האָט

נישט געטראָגן דידאָזיקע אויפרעגונגען אין זיין נשמה. די זון האָט געשלאָגן אויפן מדבר מיט אַזאַ כוח, אַז ס׳האָבן זיך צוגעמאַכט די אויגן, און צווישן די ברעמען און אויגן-לעפלעך האָבן אַלע זאַכן געטאַנצט. מיינע פיס האָבן געזונקען אין זאַמד, ווי אין קאָכעדיק וואַסער. ס׳האָט מיר געצויגן צום שאָטן. אָבער דערדאָזיקער פיין וואָלט געווען פאַר מיר אַ באַלזאַם, ווען איך וואָלט, לכל-הפחות, פאַרבליבן איינער אַליין, אָן די מענטשן, וועלכע איך וואָלט גערן געליבט, נאָר וועמענס נשמה איז מיר דאָך געווען פרעמד און ווייט.

מען האָט אונדז באַשטימט אַ געצעלט. מיר זענען געווען פינף. שלאָפן אונטערן געצעלט!... אַ מין באַגינען-קעלטל האָט זיך דורכגעטראָגן אין מיין האַרץ, ווען איך האָב זיך אַמאָל דערמאָנט וועגן דאָזיקן זאָרגלאָזיקן לעבן, פול מיט פאַסירונגען... דאָס געצעלט אונטערן פרייען הימל! וויאַזוי האָב איך זיך געקענט צונויפקאָרטשען צווישן דעם מיש-מאַש? איך האָב אומזיסט דערשטיקט מיין אויפרעגונג און איך האָב זיך געצוווּנגען אָנצונעמען מיין חלק. איך האָב געליטן און זיך געשעמט, וואָס איך בין דאָרט... איך האָב זיך געפילט ווי באַשפריצט מיט בלאָטע.

איידער איך האָב זיך אַרומגעקוקט, האָט מען שוין די בעסטע פלעצער געהאַט פאַרנומען. אין פאַר מיר איז פאַרבליבן בלויז אַ קליין שטיקל אָרט ביים אַריינגאַנג פונם געצעלט, דאָרט ווו ס׳דרינגט אַריין דער ווינט און זאַמדן. נעמיינע בליקן צווייַדייטיקע בליקן, העסלעכע בליקן!... דאָך, האָב איך מוחל געווען דידאָזיקע מענטשן, וועלכע האָבן נישט געהאַט מיין געוויסן און מיין עקל... זייער לעבן איז אַזאַ; זייער לעבן האָט זיי אַזוי פאַסאָנירט, וואָס קענען זיי טאָן? זיי האָבן תיכף פאַרשטאַנען, אַז איך בין נישט פון זייערע מענטשן, און אַ וואַנט איז אויסגעוואַקסן צווישן אונדז. זיי האָבן זיך צונויפגעפרעסט ווי שאָף פון איין סטאַדע. ריחות פון שווייס, פון וועש און פון שיך! דער רויך פון פאַפּיראָסן האָט מיך געשטיקט. איך האָב באַטראַכט די ווייסקייט פונם זאַמד, וואָס האָט זיך

געגראָבן און געסקריפּעט אונטער דער משא פון מיין גוף. איך האָב געוואָלט אַנטלויפן. דורך דער עפענונג פונם געצעלט האָט דער הימל אויסגעקוקט בלוי!... איך בין געווען דער איינציקער פונם יידישן באַטאַליאָן. און דערפאַר ווייל איך בין געווען אַ ייד, האָט מען זיך באַמיט מיך צו באַליידיקן...

די שפּאַסן פון דידאָזיקע מענטשן האָבן מיר געקאָסט געזונט. ס'האָט אויסגעוויזן, אַז דידאָזיקע מענטשן קענען זיך שוין פון אַ לאַנגע צייט, אַז זיי זענען תמיד געווען זעלנער.

אַ פולשטענדיקע אויסגלייכונג! וואָס-זשע בין איך? איך בין בלויז אַ נומער, וואָס גייט אַוועק, קומט, שטעלט זיך אָפּ אונטערן באַפעל פון אַ שטימע. איך געהער נישט מער צו זיך. די אָנשטרענגונגען פון מיין געדאַנק, פון מיינע דאגות, אינטערעסירן קיינעם נישט, און אויך מיר גיבן זיי נישט קיין שום פאָרצוג. מיין מאָראַלע ווערט האָט נישט קיין שום באַדייטונג. מען וויל בלויז פון מיר: אַ פּאָר פעסטע הענט, געזונטע אויגן, פּאַסיווע געהאָרכזאַמקייט פון אַ מאַשין, הרגענען וואָס מער שונאים און שטאַרבן. אַלס באַלוינונג, וועט מען מיר קרוינען מיטן נאָמען העלד, און אויף מיין טויטן קערפּער וועט מען אָנטשעפּן אַ לענטע אָדער אַ מעדאַל...

מיין איינציקער מקום-מקלט איז געווען מיין התלהבות. ס'האָט מיר געצויגן צום ליכט. איך האָב געפילט אַ נויטווענדיקייט מקריב צו זיין מיין לעבן פאַר דער באַפרייונג פונם מענטשן. ווייל אין געדאַנק, אין דער פאַמיליע, אין לעבן איז דער מענטש באַדראָט פון פעלקער, וועלכע מען דאַרף פאַרטייליקן. אַזוי, לפחות, האָט מען אונדז איינגערעדט. אויף אַזאַ אופן האָב איך זיך אויסגעלערנט האַסן. די שנאה מיט זיין זיסן פּרצוף איז אַריינגעדרונגען אין מיין נשמה, און איך האָב זי ליב געקריגן. עלנדע האַרץ!... איך האָב זיך צוגעוווינט ליבן, האַסן, הרגענען, לעבן אין בלאָטע, וואַלגערן זיך אין אָזיערעס. עטלעכע טעג זענען דורכגעגאַנגען און איך שטרעק שוין אויס די הענט דערצו, וואָס האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַן עקל. איך האָב שוין אַפילו הנאה דערפון. אומזיסט וויל איך זיך

אויפרעגן, אָבער די רגילות טוט אומבאַוווּסטזיניק אירס: זי ציט מיך צו, צוימט מיך און באַדעקט מיך מיט איר מאַנטל.

VI

קליינע בעדוּאינערינס מיט גרויסע פאַרחלומטע אויגן, ווי ס'טאַנצן גאָלד-שטויבעלעך, ברוין ווי אָקאָרשט צייטיק-געוואָרענע טייטלען, שטייען כמעט אַ גאַנצן טאָג ביים זוים פונם טייטלבוים-וועלדל, וואַרטנדיק אויף זעלנער, וועלכע זיי פאַרקויפן פרישע פאָמידאָרן, אוגערקעס, אייער. זייער שפּראַך, באַרייכערט מיט אַ סך ענגלישע אויסדריקן, קלינגט אויסטערליש. זיי קומען פון על-אַריש. זיי קומען פונם דאָרף קעגנאיבער על-אַריש, אויפן ברעג פונם ים, על-שאַגאַר. זיי טראָגן צעפליקטע העמדער, אַמאָל שוואַרץ, אַמאָל בלוי, בראָדירט אויף די אַרבל און אויף די ברוסטן. אָבער מען פילט, אַז אונטער דידאָזיקע שמאַטעס איז פאַרבאָרגן אַ שטייפע ברוינע הויט און צאַרטע ליניעס. אַ קאַצן-עלאַסטישקייט. זייער האַלטונג און זייערע זשעסטן האָבן אַ לייכטן ריטם. די ראַסע איז פאַרבליבן ריין, אָן שום פרעמדער אויסמישונג. זיי זענען שטאָלץ און שיין. אַ גלייך נעזל, אַ רונ-דיקע גאָמבקע, אַ פּנים מיט פאַרטיפטע שלייפן, אַ קליינער פאַר-עקשנטער שטערן, אַ וואַקלענדיקער גאַנג. אינם ליכט, אויף די-דאָזיקע זאַמדן, וואָס ליגן אַרום זיי, צווישן די פאַלמעס, דאָרט, דאַכט זיך, זענען זיי ביי זיך אינדערהיים, בלויז דאָרט קענען זיי לעבן.

נישט געקוקט אויף זייערע יונגע יאָרן באַזיצן זיי אַ מין אינטואיטיוון כוח, אויסנוצנדיק אים אויפן זעלנער, וועלכער איז פאַרליבט אין זייער גוף. דער זעלנער קויפט ביי זיי פולע קערב, גיט זיי אַוועק זיין פאַרציע ברויט, צוקער און מאַרמע-לאַד, ליידיקט ביי זיי אויס זיין בייטל, פאַר אַ פּאָר לאַסקעס וואָס ער באַקומט אין זיין געצעלט, אָדער אין שאָטן פון די זאַמדן... מיט גוטן ווילן, אָדער מיט געוואַלד, האָבן זיי געמוזט אַלץ אויסשטיין פון די זיגער. צוערשט האָבן זיי זיך געוואַקלט;

געשטופּט פון הונגער, פלעגן זיי זיך אַרומדרייען לעבן די לאַגערס און, איבערגעשראָקענע, אויסשטרעקן די הענט, ווי שנאָרערקעס; נאָכדעם האָבן זיי אַלץ נאָכגעגעבן, אַבי צו באַקומען אַ ביסל שפּייז פאַר זיך און פאַר זייערע עלטערן.

אַ תענוג פאַר די אויגן און פאַר די געפילן, בעת מען באַגעגנט אַזעלכע קליינע מיידעלעך אין דערדאָזיקער איינזאַמקייט, גלייך ווי מען טוליעט זיך צו אַ פאַנאַנדערגעבליטן קוסט אויף די טרוקענע זאַמדן... ווי נאָר זיי ווערן רייף, גיבן זיי שוין אַלע הבטחות פון ליבע... ווייל זיי זענען שוין פרויען, ווייל זיי רייצן מיט זייער לייב און מיט זייערע אויגן, און די תאווה גייט אַריין אינעם בלוט, ווי אַ פייל. בעת מען טרוימט פון דידאָזיקע אָרעמס, וואָס קענען אַרומנעמען און פון די ליפּן וואָס עפענען זיך פאַר קושן, ווערט מען צעטומלט. און ס'האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ חיהשער אינסטינקט, זיך צו וואַרפן אויף דידאָזיקע מיידלעך, וועלכע ס'איז לייכט צו נעמען.

די בענקשאַפט נאָך דער פרוי איז אַ געוואַלדיקע אין דעמדאָזיקן פאַרוויסטן אָרט, און לייב רופט לייב... איך וויל אויך לאַסקעס, מען זאָל מיר גלעטן די האָר, מען זאָל מיר אַריינשושקען אין אויער... געשטאַלטן דערוועקן זיך אין מיין דמיון, געשטאַלטן, וואָס איך האָב אַמאָל אַרומגענומען, און איך פיל זיך, ווי אַ יונגער יינגל, וועלכער איז צום ערשטן מאָל אַנטקעגן געקומען זיין תאווה. בעת איך קום צוריק אין מיין געצעלט, צעחושט פונם אָנקוקן דידאָזיקע מיידלעך, שעם איך זיך פאַר מיין מענטשלעכע עלנדקייט און איך גיב זיך אַ וואָרט צו באַזיגן מיין בלוט, זיך גובר צו זיין; אָבער איך ווייס גאַנץ גוט, אַז אויפצומאָרגנס וועט דאָס טייטלבוים-וועלדל מיך ווידער צוציען, קענען מיין ווילן, און ס'וועט מיר ווידער קלאַפּן אין די שלייפן...

VII

אַרומגערינגלט מיט מנוחה און איינזאַמקייט, צווישן די

טעגלעכע וויזיעס פון נאַקעטקייט, פון שטרענגן מדבר און פונם הימל, קום איך צו זיך, איך, וועלכער האָט זיך אַליין נישט געקענט, וועלכער האָט געכאַפּט התפעלות בלויז פון אויסערלעכע עולם-הזהדיקע פאָרמען, וועלכע איך האָב באַגעגנט אויף דער וועלט.

שפּרייזנדיק איבער דידאָזיקע זאַמדן, דערוועקן זיך אין מיר ערינערונגען פון אַ פריערדיק לעבן, און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך בין אַ מיטגליד פון אַן אומבאַמערקלעכן שבט, וועלכער פירט מיך אַוועק און וואַנדערט אויס אין אַ לאַנד אָן אַ נאָמען... די אומרויקייט גייט מיר נאָך מיט שטילע טריט, פונקט ווי אַ צווייטער איך... משהס ווערטער האָבן פאַוואָליע אויסגעגראָבן אַ דורכגאַנג ביז צו מיין נשמה און איך האָרך. איך וואָלט געוואָלט דורכאויס גלויבן אין דעם אַלעם, איך וואָלט געוואָלט דורכאויס גלויבן דערין, אַריינגיין אין די שטראַלן פונם אמת. סצעפּטיציזם, לעסטערונג, ספקות פאַלן, ווי פאַרפוילטע צווייגן...

איך האָב חרטה. איך דערמאָן זיך וועגן די מיסטישע דראַנגען פון מיינע יונגע יאָרן... אָבער וואָס זאָל איך טאָן? איך קום תמיד צו פולשטענדיקער נעגאַציע, און נישט דורך וויסנשאַפטלעך-באַאַרבעטע פּרינציפּן, נישט דורך מיזאַנטראָפּיע, נישט דורך באַרימעריי, נישט דורך שוואַכקייט. דאָס איז אַן אויסדריק פון מיין גאַנצן וועזן. איך פיל נישט קיין שום נויטווענדיקייט זיך אָנצוטשעפּען אין געטלעכקייט. איך בין אַ גאָט דורך זיך אַליין. איך טראָג אין זיך מיין הייליקייט. אין מיר הייבט זיך אָן און ענדיקט זיך דער סוד. איך וויל לעבן לויט מיין גייסטיקער סטרוקטור, פולשטענדיק און פשוט.

אָבער תמיד טעאָריעס און פראַזן דערצו!... ווען וועלן מיר באַפרייט ווערן פון די שרעקלעכע קייטן, פון ווערטער און פון די כימערעס, וואָס אַנטשטייען דערפון?... ס'אַראַ קראַפט האָט דאָך אין זיך משה, ס'אַראַ שווונג!... נישט וויכטיק! פולשטענדיקע אומוויסנקייט איז אפשר דער בעסטער באַלזאַם. גאָרנישט וויסן. גיין וווהין דאָס וואַסער טראָגט, לויפן, נישט

אומקוקנדיק זיך, ווי די ברעגעס ווערן אַנטרונען! אָך, אַנגענעם זענען בלויז די אויסערלעכקייטן און די אָפּשפּיגלונגען פון זאַכן!...

גליטש זיך, מיין נשמה, גליטש זיך איבער די שטראָמען! אָבער תּמיד טעאָריעס און ווערטער דערצו!...

משה האָט מיר אויך געזאָגט: „איך לעכץ אומצוקומען, ווי אַ געטלעכער קרבן, איך לעכץ צו זיין איינע פון די קרבנות וואָס ראַטעווען אונדזער פאָלק. פאַרשטיי נאָר, ווייל פאַרשטיין די שיינקייט פון אַזאַ מין טויט... די מתיקות פון מיין טויט, וואָס העלפט פאַראייביקן אונדזער פאָלק, דאָס פאָלק מיט אַ קלאָרע שפּראַך. דו פאַרשטייסט? זיך אָפּגעבן, אָן האָפענונג באַלוינט צו ווערן, זיך אָפּגעבן גרויסמוטיק, קיינער זאָל דערפון נישט וויסן, כּדי אין אַ געוויסן טאָג, זאָל אויפן באַרג אויפלעבן דער בית-המקדש, צווישן זילבערנע איילבערטן”.

דערדאָזיקער פאַרלאַנג איז נישט מיינער. דאָך, האָב איך געמאַכט פּרוּוון צו דערגרייכן דיין שיכּרות, משה! און אויב אונדזערע וועגן גייען זיך פאַנאַנדער ביים שייד-וועג, ווער וועט האָבן די העזה טייטלען אויף מיר מיטן פינגער און אָפּלאַכן פון מיר? מיין האַרץ שפּרינגט נישט אין מיין ברוסט, ווייל אינגיכן וועט אפשר קלינגען די שעה פון דער שלאַכט. דערדאָזיקער ברען חידושט מיר און דערנידעריקט מיך; און איך בין ווי אַ מענטש, וועלכער הערט אַ שפּראַך וואָס ער פאַרשטייט נישט.

VIII

דורכן געצעלט זענען דערגאַנגען צו מיר אומבאַשטימטע גערוישן. איך בין געווען אין אַ צושטאַנד פון דעמדאָזיקן לייכטן שלאָף, ווען דער חלום ווערט צעזייט און דער לופטיקער קערן פער ווערט צעשמאָלצן. ס'האָט זיך מיר געוואָלט פאַרלענגערדי רגעס ביז אומענדלעכקייט, אָבער ס'קומען אָן די גאָלדענע שטראַלן און דרינגען אַריין דורכן געצעלט-לייוונט, און דידאָזיקע

תאווה ווערט פֿאַרוואַנדלט אין פּיין. דאָך, ווײַל איך זוך נאָך אײַנהאַלטן אַן דעמדאָזיקן טרוים, אָבער איך ווער אכזריות־דיק אָפּגעשטויסן דורך עפּעס אַ קראַפֿט און מיט מײַן גאַנצער משא ווער איך פֿאַרזונקען אין אַ תּהום... מײַנע אויגן־לעפּלעך ווערן אָנגעפּילט מיט ליכט און איך כאַפּ זיך אויף, צעבראָכן אָפּגעשוואַכט, מיט גרויס אַנגסט פֿאַר מײַן לעבן.

דאָס באַגינענדיקע ליכט האָט זיך קוים אויסגעשפּרייט אויף די פֿאַרפֿרוירענע זאַמדן. אַ באַזילבערטע העלקייט האָט געשפּרודלט פֿון אַלע זײַטן. די וואָראָבייטשיקעס האָבן נאָך גע־שלאָפֿן אין טייטלבוים־וועלדל. די שטימען, וואָס האָבן זיך דער־נענטערט, די גערוישן אין דער געוויינלעכער שטילקייט, זענען באמת געווען אויסטערליש. אפשר איז עס אַ קאַראַוואַן פֿון בע־דואינער, אָדער פֿאַרבײַגייענדיקע זעלנער?

איך בין אַרויס, איבערגעדעקט מיט מײַן מאַנטל. צווישן דער מאַסע פֿון בלויע שאָטנס, האָבן עגיפּטישע אַרבעטער גע־בראַכט צו שלעפּן פֿונם וואָקזאַל זייערע לאַגער־מאַטעריאַלן. זיי האָבן עס אַלץ אָנגעשליידערט אויף אַן אָרט פֿון אַן אַלטן לאַ־גער, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט אונדזערן און איז געווען אָפּגעטיילט מיט שטעכעדיקן דראָט. אויסטערלישע געשטאַלטן האָבן זיך געפּאָרעט און זשעסטיקולירט אויפֿן פּאַן פֿונם ברייטן האָריזאָנט, וועלכער האָט זיך, מיט זײַנע קאָלירן, קוים אָפּגע־טיילט פֿון די גלאַטע שטחים.

זיי זענען אָנגעקומען איינער נאָכן צווייטן. איינע האָבן געטראָגן אויפֿגעוויקלטע געצעלטן, אַנדערע העלצער און קאַסטנס מיט ביסקוויט, זעק אָנגעפּאַקט מיט פּאַפּירן, אויף וועלכע ס'זע־נען אָנגעצייכנט די ציפֿערס פֿון זייערע מאַטריקולן. מיט הויזן און אַ בלוזע פֿון כאַקי, נאַקעטע פֿיס, דעם קאָפּ אַרומגעבונדן מיט אַ ווײַסער אָדער בלויער טיכל, האָבן זיי אויסגעוויזן אין דאָזיקן הילוך, ווי פֿרעמדע, בעת די זעלביקע, אויף דער זון, אויף זייערע פֿעלדער, געקליידט אין זייערע ברייטע העמדער, זענען גאָר געווען ענלעך צו פּאַטריאַרכן, אָדער צו פֿאַרצײַטיקע פּאַסטוכער. זייערע באַוועגונגען און זייערע בליקן האָבן געהאַט

צטוואָס קינדערישעס און האָבן דערפילט זייער אַרבעט מיט גרויס הכנעה. געשרייען, געלעכטערס, קללות געזאַנגען. די קאַפּראַלן האָבן שלעכט באַהאַנדלט די אָפּגעשטאַנענע. זיי האָבן באַנוצט שטעקנס. מיט די שטעקנס האָבן זיי געלייגט איבער דער פלייצע און אין הינטן... און צוקוקנדיק זיך, ווי דידאָזיקע פרייע מענטשן מוזן זיך בויגן, באַקומען קלעפּ, מוזן גיין, ווו מען הייסט זיי, אָן שום טענות־ומענות, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שקלאַפן. מען האָט זיי אויף אַ געשיקטן אופן אָפּגענאַרט, דורך אַ מין כיטרער דיפּלאָמאַטיע.

ווידער ליגנס, אומעטום ליגנס. דאָס אויפהייבן אַ שטעקן אויף אַ מענטשן ווי איך, דורך אַ זעלנער, צי רעדט עס נישט גענוג איבער דערדאָזיקער מלחמה, וועלכע וויל באַפרייען נאַציעס, גרויסע און קליינע? און ס'איז מיר געווען אַ חרפה צו טראָגן דעם מונדיר מיט קנעפּ, אויף וועלכע ס'האָט געשיינט דער ענגלישער הערב, פון „אַן איינהאָרן און אַ לייב", און ביידע לאָזונגען: „גאָט און מיין רעכט" און „צום שאַנד־סלופּ דעם, וועלכער טראַכט דערפון שלעכטס".

זיי זענען דאָ אַ סך, בערך צוויי טויזנט. מען האָט זיי מסתם געבראַכט, כדי צו פאַרברייטערן דעם וואָקזאַל און כדי צו האַלטן אין אָרדענונג די אייזנבאַן. מען באַגעגנט זיי אויף דער גאַנצער ליניע, פון קאַנטאַראַ ביז לוד און אויך אין ספּעציעלע וואַגאָנען, צוגעטשעפּעט צו צוגן. זייער פּראָדוקטיווע אַרבעט און זייער ווידערשטאַנד זענען געווען די הויפּט־פאַקטאָרן, אַ דאַנק וועלכע די ענגלישע אַרמיי האָט זיך גערוקט פאָרויס. און מען קען אַפילו אָן גוזמא זאָגן, אַז דער נצחון אויפן באַרג פון גזה, וועלכער האָט אַנטשיידן די גאַנצע פּאַלעסטינער קאַמפּאַניע, וואָלט געוויס פאַרציגן געוואָרן אָן זייער הילף.

לויט זייער אויסגעטראָגענע, באַפלעקטע קליידער, לויט זייער געשיקטקייט ביים אויפשטעלן געצעלטן, ביים איינשטעלן די קאַסטנס מיט פּראָוויאַנט, ביים אויסבויען קיכן פון ציגל אָדער פון ברעטער, האָב איך דערקענט, אַז זיי זענען נישט

קיין רעקרוטן און אַז זיי האָבן שוין געמוזט אויספירן די אַר־בעט אויף אַלע פראָנטן.

דער לאַגער האָט באַקומען אַ פאָרם. דאָס זאַמד איז גע־וואָרן אויסגעקערט און פאַרגלאַטיקט דורך זעק אָנגעפילט מיט גרויסע שטיינער, וואָס מענטשן שלעפּן הינטער זיך מיט שטריק, און לאָזן איבער שפורן פון בלאַנקעדיקער ווייסקייט. אַרום די געצעלטן האָט מען אָוועקגעלייגט שטיינער, וועלכע האָבן גע־דינט אַלס אָרנאַמענטן און אַלס באַצוימונגען. מען האָט אַוועק־געשטעלט פּאַטראָלן מיט גרויסע שטעקנס, לעבן יעדן געצעלט, ווו ס׳האָט זיך נאָר געפונען עסנוואַרג און רעזערוואַרן מיט וואַסער.

איצט קומען אָן אַ גרופּע אָפיצירן, סערזשאַנטן, קאַפּראַלן, אין דער באַגלייטונג פון אָרטיקע מענטשן, מיט פּעק אויף די פּלייצעס. די אָפיצירן זענען ענגלענדער, די איבעריקע יידן, גריכן, איטאַליענער, קאָפּטן, אָדער אַלץ פאַראַמאָל: אַ געמיש־טער מזרח־טיפּ. זעלטן זעט מען אַ עגיפּטער מיט אַ העכערן ראַנג. אויב צווישן די קאָפּטן טרעפט מען יאָ, איז עס דער־פאַר, ווייל זיי זענען קריסטן.

ס׳איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. מיט מימיק האָט מען געמאָלדן, אַז זיי דערנענטערן זיך. קיין באַוועגונג, קיין שאָרך. מען האָט איבערגעריסן אַלע געשפּרעכן. כמעט אַלע זענען אַוועק אין זייערע געצעלטן אַריין און דאָרט פאַרגליווערט גע־וואָרן. מען האָט מורא פאַר די עלטסטע, מיט אַ פּחד פון אַ שקלאַף צו זיין באַלעבאָס. קיין שום סימפּאַטיע, קיין סימן פון נשמה־באַהעפטונג צווישן די, וואָס דאַרפן אָפּקומען צוזאַמען. די פינף געצעלטן פון די אָפיצירן, סערזשאַנטן און קאַפּראַלן, וואָס שטייען אָפּגעטיילט פון איינאַנדער — דאָס באַווייזט קלאָר די באַציונגען צווישן דידאָזיקע מענטשן.

די אינספּעקציע האָט זיך אָנגעהייבן. מען האָט עטלעכע מכבד געווען מיטן שטעקן און מיט קללות. מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ פייף. די מענטשן גייען אַרויס פון די געצעלטן, מען שטעלט זיך איין אין דער רייע צו צוויי, די ראַיסן און

די קאַפּראַלן אין דער שפּיץ. מען ציילט זיי, ווי דער פּאַסטוך ציילט זיין שאָף, איידער ער גייט מיט זיי אין פעלד אַריין. דער קאָמאַנדיר דיקטירט יעדער אָפּטיילונג די טאָג-אויפגאַבע און שפּעטער, לויט אַ באַפעל, הייבט זיך די גאַנצע קאָמפּאַניע אויף און לאָזט זיך אין וועג אַריין.

דער מאָרגנשטערן האָט באַשפּריצט דעם הימל, נאָכדעם הייבט זיך אויף די זון, שנעל און מאַיעסטעטיש. אין מיין לאַגער האָט מען אויך דערלאַנגט דעם סיגנאַל אויפצוהייבן זיך. מען שרייט זיך דורך פון איין געצעלט צום צווייטן. מען באַטראַכט דידאָזיקע פרעמדע און מען כאַפּט אַ לעבהאַפטן שמועס. דאָס האַרץ ווערט אָנגעפילט מיט פרייד, בעת מען זעט, אַז אַזויפיל מענטשן האָבן זיך מיטאַמאָל אויפגעהייבן, כדי צו פאַרטיידיקן די ציוויליזאַציע, וואָס געפינט זיך אין סכנה...

אַ סך זענען צופרידן מיט דידאָזיקע שכנים. זיי וועלן זיך קענען עטוואָס באַפרייען פון דער פלאָנטעריניש, צו וועלכער זיי זענען צוגעוווינט. דידאָזיקע נייע פנימער וועלן אַריינטראָגן אַ שינוי אין זייערע געדאַנקען, זיי וועלן באַקומען נייע אויסערלעכע איינדרוקן, וואָס גיט פרייד דער נשמה.

און דאָרט שלענגלען זיך די זעלנערישע רייען אין אַ געדיכטער מאַסע, אויסמישנדיק זיך מיט די גרויע זאַמדן פונם געלבן קאָליר. מען זעט, ווי רוקנס שאָקלען זיך, ווי פיס ציען זיך. אַ ליד צעבליט זיך, ווי אַ בלימעלע און דער כאָר ענטפערט אָפּ. די היץ צעפלאַקערט זיך, די בלויקייט פון הימל ווערט ווייטער. צו דער פריערדיקער מרה-שחורה קומט צו נייע מרה-שחורה. דער מדבר באַקומט זיין ערנסטן אויסזען. און ס'הייבט זיך אָן אַ טאָג פול מיט נייס.

IX

איך גריבל זיך אין די נידעריקסטע פאַרבאָרגענישן פון מיין וועזן: קיין שום אומגעדולד. קיין שום זאַך שטופּט מיך נישט צו דער שלאַכט. קיין שום איבערצייגונג, קיין שום

האָפענונג. איך האָב זיך אָנגעגעבן אַלס פּרייוויליקער, נישט צוליב ברוינזנדיקער שנאה, וואָס שטופּט איין ראַסע קעגן דער צווייטער. איך בין פון די, וואָס האָט קיינמאָל נישט געוווּסט פון קיין ראַסן־שנאה. אמת טאַקי, איך פלעג תמיד אויפדריקן מיינע פויסטן, בעת מען פלעגט אויף אַן אומגערעכטיקן אופן אָנפאַלן די מענטשן פון מיין קולט, אָדער בעת מען פלעגט מאַכן אין רוסלאַנד אויף זיי פּאָגראָמען, אין די אויגן פון דער גלייכגילטיקער אייראָפּע. דידאָזיקע אויפרעגונג פלעגט זיך דערוועקן אין מיר, נישט דורך רעליגיעזע געפילן, נאָר דורך די־דאָזיקע ברידערלעכע אומפאַרשטענדלעכע געפילן, וואָס פאַרבינדן מענטשן פון איין אומגליק.

איך האָב פיינט דעם ריח פון פולווער און דעם ריח פון בלוט. זיי דערוועקן נישט אין מיר קיין שום קריגערישע ליידנשאַפטן, וועלכע דרעמלען אין די מענטשן, ווען אבות־האָבן פאַרטיידיקט זייער אייגן לאַנד.

אָבער איך האָב נישט געקענט אַנטלויפן פון מיין עפּאָכע וועלכע איז דורכגעזאַפּט מיט מלחמה־משוגעת. דאָס גאַנצע יוגנט איז זיך מקריב. האָב איך דען געקענט געבן אַ ווידערשטאַנד? איך האָב געזען זאַכן אונטער אַן אַנדער פאָרזמע, בעסער געזעצט, מען האָט זיך באַמיט זיי פאַרצושטעלן מיר אויף אַן אַנדער אופן. איך האָב געפילט, אַז איך שטיי אויף דער גרענעץ פון אַ נייער וועלט. מען האָט געפאָדערט מוסקולן, רוקנס, אָפנהערציקע בליקן. ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז אַ סך פרינציפּן, אַ סך חלומות ווערן צעשמעטערט מיטן גערויש פונם פאַלשן מעטאַל. דער סענטימענטאַליזם, וואָס איז געווען אין דער מאָדע, האָט אָפּגעלעבט זיין צייט. ס'איז אַ גוטע רפואה פאַר מיר! אַנדערע דאגות האָבן מיך פאַרפאַלגט; איך האָב נישט געוווּסט פונוואַנען זיי האָבן זיך דערנומען. פונקט ווי אַן אומממשותדיק שטויבעלע וואָס קריכט אומעטום אַריין, אַזוי האָבן טויזנטער נישט־געלייזטע פּראָבלעמען אַריינגעדרונגען אין מיין אינערלעך לעבן.

איך האָב זיך געדאַרפט אויפטרייסלען. איך בין געווען

פאַרליבט אין שטילקייט און מנוחה, פאַרגעטערט פאַרמאַכטע צימערן מיט אַ סודותפולן שאָטן. איך בין געווען אַ בלאַסער יונגערמאַן, וואָס ווערט פאַרצערט פון טרוימען, וואָס קענען נישט פאַרווירקלעכט ווערן און גריבלט זיך אין חמרים ביכער. איך האָב צו זיך אַזוי געזאָגט: „גייענדיק אויף דעם וועג, וועל איך קענען אַרבעטן, באַפעלן, פירן אַ נוצלעך לעבן. איך וועל מער נישט טאַפּן קיין וואַנט, ווי אַ בלינדער, קיין שום וואַקלעניש וועט מיך נישט צווינגען אָפּצוטרעטן צוריק. מיין שטימע, וואָס האָט אַמאָל געציטערט, וועט פעסטער ווערן. פונקט ווי אַ רויך, וועלן אַלע ספקות צעשווומען ווערן, און דאָס וועט זיין מיין ווידערגעבורט".

איצט פאַרשעלט איך זיך. מיט מיין טויט וועט צוקומען נאָך אַ מת, וועלכער וועט פאַרגעסן ווערן, פונקט ווי אַלע אַנדערע. דערדאָזיקער אַזוי-גערופענער קרבן וועט זיין אַ נעץ. דידאָזיקע העסלעכע ווערבירונג פון מענטשן איז אַ שקר. פאַרוואָס זאָל איך זיך וועלן אַליין אָפּנאַרן, פאַרוואָס זאָל איך פאַרבאָרגן פון זיך אַליין מיינע ליידן? איך האָב מורא פאַר ליידן; איך האָב מורא מען זאָל ביי מיר אַראָפּשניידן אַ האַנט אָדער אַ פוס, פילן ווי מיין לייב בלוטיקט... איז עס פּחדנות?... וועמען גייט עס דען אָן!... מיט הויכע ווערטער קען מען שפּייזן פאַרבלענדעטע... איך ווייס בלויז, אַז מען האָט מיך קעגן מיין ווילן אַריינגעפּלאָנטערט אין דערדאָזיקער מלחמה. איצט זע איך עס, און איך האָב מורא... מיין לעבן איז אַ רייכטום, און איך וויל לעבן. קיין שום אידעאַל וועט נישט אַרויסרופן אין מיר דעם חשק צום העסלעכן טויט פון די שלאַכט-פעלדער. איך בין דער פּראָדוקט פון אַ ראַסע, וואָס זוכט שטענדיק שלום און וואָס בליט בלויז אויפן באָדן פון ציוויליזאַציע. דער מונדיר, וואָס מאַכט מיר אויס מענטש, די וואָלענע כאַקי, וואָס פאַרוואַנדלט מיך אין אַ חיה צום קוילען, זענען מיר צו לאַסט.

וואָס!... הרגענען אַ לעבעדיקע זאַך, אַ מענטשן, וואָס געניסט אויף דער ערד, וואָס ליבט, ליידט, ווי איך, אַוועקלייגן אים, דאָס בלוט זאָל זיך גיסן פון אים!... מען דאַרף האָבן

אַ טיפּע באַפרידיקונג, כּדי אָפּצושטעלן דעם שטראָם פונם לעבן אין אַ מענטשלעכן קערפּער! קען מען דען פון מיר פאָדערן אַזאַ זאַך? איך, וועלכער האָט זיך אַמאָל פאַנאַנדערגעוויינט, צוקוקנדיק זיך, ווי אַ שילער האָט געהרגעט אַ וואָראָביי, בעת ער האָט אַרומגעטאַנצט לעבן אַ קאַלוזשע וואַסער, וויאַזוי וועל איך מיט אַ קויל אָדער מיטן שווערד באַגיין אַ רציחה?

איך באַטראַכט מיין ביקס מיט איר גלאַנצעדיקן באַגנעט און איך באַקום שרעק. איך האָב זיך געלאָזט פאַרשיכּורן, ווי אַ סך אַנדערע, דורך דער פּוסטער ליטעראַטור און זשור־נאַלן, וועלכע האָבן באַזונגען די מלחמה, גלאָריפיצירט די העלדן און די טויטע, אַריינגעפירט אַ נייע קונסט, אַ בע־סערע מענטשהייט, שטופּנדיק אויף אַזאַ אופן די יוגנט אין די אָקאָפּעס.

ס'איז שוין איצט צו שפּעט חרטה צו האָבן. די קייטן דריקן שוין צו שטאַרק מיינע הענט. אַנטלויפן?... איך בין צו שטאָלץ, און איבעריקנס, וויאַזוי?... צעבונטעווען זיך?... דאָס שמעקט מיט תּפיסה.

זאָל מען מיר זאָגן, וואָסער פאָטערלאַנד דאַרף איך פאַר־טיידיקן? ווי שמאָל זי איז דידאָזיקע גאַנצע פּאַטריאָטישע און מענטשלעכע פראַזעאָלאָגיע!... אָבער צוואָס שרייב איך דאָס אַלץ? מען דאַרף זיך אונטערגעבן, מען דאַרף שווייגן, ווי קיינמאָל גאָרנישט, מען דאַרף הויפּטזעכלעך וואַרטן אויפן סוף, אַלץ איינס צי מיר וועלן זיין באַזיגער, צי באַזיגטע.

איך בין זיכער, אַז אַ סך וואַרטן פּונקט ווי איך אויף דער באַפרייונג און וואָלטן געוואָלט אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם שקר, וואָס דריקט זיי און פאַרוואַנדלט זיי אין שקלאַפן. אַ סך יונגעלייט, וואָס ליגן אין די אָקאָפּעס, אָפּגעטיילט פון איינאַנ־דער מיט שטעכעדיקע דראָטן, וואָלטן געוואָלט, נישט געקוקט אויף דער שיסעריי און באָמבאַרדירונג, דערלאַנגען זיך די הענט און, ווי פריינט, זיך טוליען איינער צום צווייטן...

X

אַ גאַנצע שורה קעמלען רייסן זיך אָפּ ווי שאָטנס, לענג־אויס די געשלענגלטע זאַמדן, אויפן סאָן פון דער שקיעה־זון. דאָס איז איינע פון די דאָזיקע שקיעות, וואָס פארשפרייטן זיך ראַפּטעם, ווארפן אָן אויפן הימל זייער רויטקייט און ווערן פאַרשוווּנדן פלוצלונג, אָן גסיסה. דער קעמל־פירער איז ווי אויס־געשניצט מיט זיין פלייטע ביי די ליפּן... דער געזאַנג איז אין פולן ריטם מיטן טאַקט פון די הויקערס... ס'איז איינער פון די אוונטן, ווען די ריחות, די אויפגייענדיקע שטערן, די ווייסקייט פון די זאַמדן און מיין נשמה באַקלאָגן זיך אויף איינזאַמקייט...

. . . .

די פייגנביימער ווערן גרין. זייערע סקעלעטישע צווייגן האָבן צאַרטע קנאָספּן. מחנות וואַראַבייען טשיריקען ליבלעך, גלייך זיי וואָלטן געוואָלט פאַרשנעלערן דעם וווּקס פון די בלע־טער. דאָס איז אַ קליין וועלדל, אָפּגעטיילט פונם טייטלבוים־וואַלד מיט אַ וואַדי (טייך), וואָס ציט זיך ביז על־אַריש. אינ־זעקטן אַרבעטן און קריכן אַרום אין די זאַמדן. גרויסע מוראַש־קעס שטופּן אַ פּעדער פון אַ טירקלטויב לעבן אַ גרויסן סענ־קאַטן שטאַם; אַ שוואַרצער זשוק קערט זיך איבער, ווי אַ קלאָון, אויף אַ בערגל מיסט; אַ ווייסע מויז, מיט קליינע אויגן פון שוואַרצן פּערל, לאָזט איבער די שפּורן פון אירע דינע לאַפּקעס...

. . . .

אין דער הימלישער בלויקייט שוועבט און דרייט זיך אַ שפּאַרבער. די זון באַלייכט די קנאָספּן. די זון נעמט אַלץ אַרום: דעם זוים פונם טייטלבוים־וואַלד, די שטיקלעך ערד, ווו ס'שפּראָצט אַרויס תּבואה און די פּאַמידאָרן וואָס גלאַנצן. מייד־לעך פירן אַ סטאַדע שעפּסן. אַ מענטש ציט אַ „שאַדוף" *) פון

---

*) אַ מין פּרימיטיווע פּלי, מיט וועלכער דער עגיפּטישער פעלאַך שעפּט אַרויס וואַסער.

אַ ציסטערנע, און דאָס וואַסער וואָס פליסט האָט אַ ווייסלעכן קאָליר. די שפּיציקע געצעלטן וואַרפן דרייעקיקע שאָטנס אויף די זאַמדן.

. . . .

די פּירקאַנטיקע תבואה־שטחים, אונטערן שאָטן פון די טייטלביימער, זענען פון גאָלד־קאָליר מיט כוואַליעדיקע שאַטי־רונגען. די זאַנגען זענען מאָגער און די סטעבלעס קורץ און דין. די מיידלעך קלאַפּן מיט טרוקענע צווייגן איבער ליידיקע קאַנען, כּדי איבערצושרעקן די גנבישע וואָראָבייען, אָדער לאָזן אַרויס הילכיקע געשרייען, ווי רויב־פייגל...

שלאַנקע פרויען בויגן זיך שוין איבער סנאָפּעס. זייערע באַוועגונגען ווערן צושמאָלצן אינם ליכט פון דער זון... איינ־לען גייען אַוועק, אָנגעלאָדנט מיטן געלן שטרוי, וואָס גלאַנצט. די שניט גייט צו אַן געזאַנגען... זעלנער מיט פאַרשאַרצטע אַרבלען קויפן רויטע פּאָמידאָרן, וועלכע זיי רייסן אַליין אָפּ. די כוואַליעדיקע שפּיצן פון אַ דזשעבעל (באַרג) אויפן האָריזאָנט, וועמענס נאָמען איז מיר אומבאַקאַנט, שאַפן אַ געדיכטערע ליכט, אַ לופט־שפּיגל, וואָס וועט צעריסן ווערן ביים קלענסטן ווינטל.

זאַמדן אויף זאַמדן. פּוסטע האָריזאָנטן, וואָס שפּיגלען אָפּ מיט ווייסקייט. אויסגעטריקנטע ביינער, עטלעכע סכך־קוסטעס אָדער אַלאַען־בינטלעך, סמנים פון זעלנערישע טריט, פון קעמ־לען, פון פערד, פלאַכע טייכלעך, קליינע כוואַליעס וואָס דער פאַרביילויפנדיקער ווינט שניצט אויס, קרימונגען און אויסבוי־גונגען פון אַ בערגל, קוילן, שראַפּנעלן, פּוסטע קאָנסערוון־קעסט־לעך פאַרזשאַווערט פון רעגנס, און איבער דעמדאָזיקן לאַנד־שאַפט — דער גרויסער בלויער הימל, די שטיקנדיקע היץ, די אומגעהויערע איינזאַמקייט, ווי ביים עק פון דער וועלט... און איך...

XI

אַלע באַמיִען ווערן אַרויסגעגעבן אין דער העברעישער שפּראַך. כמעט אַלע זעלנער קענען זי. זי איז כמעט די אָפּיציעלע שפּראַך. זי איז די פאַרבינדונג. זי האָט אַריינגעגעבן האָפענונג אין דער צייט פון די גרויסע נסיונות, בעת אירע פליגלען זענען געווען פאַנאַנדערגעשפּרייט אין די הייליקע ספרים. איצט, אַז זי וויבּרירט אינדערלופטן, אַ שטייפע און אַ פאַריונגערטע, קאָנצענטרירן זיך אין איר אַלע רעאַליזירונגען, און זי אַליין איז שוין איינע פון די גרעסטע רעאַליזירונגען, היות די ראַסע פאַרהאַרטעוועט זיך אין איר, באַפעסטיקט זיך, דערקענט זיך.

דורך אַ שטילן אָפּמאַך, דורך פאַרשידענע מינים אויסערלעכע השפּעות, איז די אַנפירער געלונגען אַריינצופירן בלויז העבּרעיש. מען מיידט אויס מיט אַלע מעגלעכקייטן ענגלישע אָדער יידישע ווערטער. יעדעס פרעמדע וואָרט איז אַ באַליידיקונג.

צי זיי זענען רוסן, פּאָליאַקן, אַמעריקאַנער, ענגלענדער, יעדער איינער אין זיין לאַנד איז שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דער אויפלעבונג פון דער העברעישער שפּראַך און מיט דער אויפבליונג פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער היים אין פּאַלעסטינע. זיי שטודירן דידאַזיקע שפּראַך מיט אַ פאַנאַטישער עקשנות, זיי לערנען זי גרינדלעך אויס און באַמיען זיך, אַז זייערע קינדער זאָלן נאָכטאָן זייער ביישפּיל.

ווען די אַלע מענטשן האָבן זיך באַגעגנט אויפן דאָזיקן פראָנט, דער טויער צום פאַרשפּראָכענעם לאַנד, האָבן זיי זיך אַלע גוט פאַרשטאַנען און באַגריסט איינער דעם צווייטן מיטן „שלום” פון זייערע טאַטעס.

צווישן זיי זענען געווען עטלעכע, און איך אויך, וועלכע האָבן, צוליב אומאָפּהענגיקע סיבות, נישט פאַרשטאַנען דידאָזיקע שפּראַך. דעריבּער זענען מיר אויסערן לאַגער-לעבן, כמעט פאַרלאָזט פון אַלעמען. די וואָס קענען נאָר די העברעישע

שפראַך פון דאַווענען און פאַרשטייען נישט קיין וואָרט וואָס זיי לייענען, שרייבן זיי אויס גראַמאַטיקעס, לעזע־ביכער און גריבלען זיך אין זיי מיט דער התמדה פון אַ שילער.

ס'קומען אָפט פאַר אָוונט־קורסן, אָבער איך האָב זיי קיינמאָל נישט באַזוכט. מיינע אָנפירער פלעגן מיר אָפטמאָל דערווייזן, אַז איך דאַרף קענען די העברעישע שפּראַך, נישט בלויז אַלס לעגיאָניער, נאָר זי וועט מיר שפּעטער זייער צונוץ קומען. ס'האָט זיי אָבער נישט געהאָלפן, זיי האָבן מיך נישט איבערגעצייגט.

דאָך, די התלהבות, וואָס בלישטשעט אין זייערע אויגן און די היץ, וואָס זעצט פון זייער שטימע, בעת זיי ריידן, רופט אין מיר אַרויס אייפערזוכט — אַן אייפערזוכט צו דידאָזיקע מענטשן, וועלכע זענען מיך מבטל און וועלכע טראָגן די גאווה פון זייער אידעאַל...

האַרמאָניע און טאַקט... דידאָזיקע פראַזן קלינגען טיף אין מיר און, קעגן מיין אייגענעם ווילן, בין איך צעחושט און פיל אין מיין בלוט דאָס קול פון פאָלק ישראל... די פראַזן האָבן כמעט אַן אַראַבישע בויגזאַמקייט. מען האָט געמיינט, אַז די שפּראַך איז שוין טויט, און אָט באַווייזט זי אַ זעלטענעם נס, אַראָפּטרייסלענדיק דעם אַש, וואָס האָט זי צוגעדעקט. זי איז באַפרייט, איז אַרויס אויף דער ליכט, בייגעוודיק ווי דער געדאַנק אַליין און לעבעדיק ווי די מענטשן, וואָס פאַרגעטערן זי.

אין די שעהן פון יאוש, דערוועקט זיך טיילמאָל אין מיין האַרצן אַ טיפע חרטה: פאַרוואָס איך האָב אין מיינע יונגע יאָרן נישט געלערנט די הייליקע ספרים... דאַרף איך דערין עמיצן באַשולדיקן, אָדער זיך אַליין?

מען האָט מיך דערצויגן אָן שום טראַדיציעס; דימען האָט אין מיר דערוועקט דרך־ארץ צו אַלע גלויבנס און געגעבן די פולשטענדיקע פרייהייט צו אַנטוויקלען די לעבעדיקע כוחות פון מיין נשמה. מיין טאַטע האָט געהערט צו די, וועלכע האָבן געחלומט פון סאָציאַליזם און נישט אָנערקענט קיין שום פאָטערלאַנד. מיר האָבן געלעבט אין אַן אַטמאָספער, וואָס איז

נישט אָפּגעסמט געוואָרן, נישט דורך די שטייפע געזעצן פון רעליגיע און נישט דורך דער אַבסאָלוטער, באַגרענעצטער ליבע פון איין איינציק לאַנד. די ליבע האָט פאַרנומען אַ חשובן אָרט אין אונדזער הויז. קנאה און שנאה האָט נישט אַריבערגעטראָטן אונדזער שוועל. מענטשן זענען ביי אונדז נישט געווען סאָרטירט לויט זייערע טעמפּלען און לויט איינגעטיילטע שטיקער ערד, וואָס זייערע אבות האָבן פאַרכאַפּט דורך שחיטות, גזילה און שריפות. אין שולע האָבן מיר זיך שטאַרק געחידושט, בעת די חברים האָבן אונדז געוואָלט באַליידיקן מיטן אַלגעמיינעם אויסדרוק „שמוציקער ייד", און שפּעטער אין לעבן, נישט געהערנדיק צו קיין שום פּאַרטיי, צו קיין שום קאַסטע, האָבן די מענטשן נישט געטראַכט צו טאָן אונדז שלעכטס.

דאָך האָט אין מיין האַרצן גערעדט די שטימע פון דער פאַרגאַנגענהייט. איך האָב זי געטראָגן אין זיך, נישט קענענדיק זי דערשטיקן, אָבער געפאָלגט האָב איך זי אויך נישט. נישט קיין שול, נישט קיין שבת, נישט קיין יום־טובים!

מיין מאַמע האָט געפילט אַ געוויסע בענקשאַפט נאָך איר גלויבן, און מיר דאַכט זיך, אַז זי האָט זיך געערגערט, וואָס מיר זענען לגמרי נישט פרום. זי וואָלט אפשר געוואָלט, מיר זאָלן אין זיך פילן די זיסקייט פון די תפילות, ווייל זיי לאָזן איבער גוטע זכרונות און זיי באַפּוצן דאָס לעבן.

דעריבער, קען זיין, האָט זי אונדז תמיד איבערגעחזרט, מיט נייע באַפּוצטע פּרטים, דעם זיידנס ראָמאַנטישע געשיכטע. אָבער די ברייטע פּרינציפּן, וואָס אונדזער טאַטע האָט אונדז דערקלערט, האָבן איבערגעוויגן מיט זייער פּשטות: זיי האָבן געזיגט.

דידאָזיקע שפּראַך, וואָס ציטערט אין מיר, איז מיר פרעמד. זי איז לעבן מיר, ווי אַ שיין בוך, וואָס איך וועל נישט אויפעפענען.

זי שטעלט זיך מיר פאָר ביי די טראַסקערייען פון די האַרמאַטן. זי איז פאַרבונדן מיט משחן און מיט דערדאָזיקער

גאַנצער בלוט-באָד. איך האָב כמעט פיינט זי צו הערן פונם מויל פון דידאָזיקע זעלנער.

XII

אַן אָוונט, וואָס שלויכט זיך אַריין אינם שווערן ליכט, ווי אַ באַזילבערט וואַסערל אין אָנגעבראַנטע גראָזן; אַן אָוונט, וואָס פּילט אָן דעם גאַנצן הימל-געוועלב; אַן אָוונט, וואָס רוישט ווי בלעטער... משה און איך זענען מיר געלעגן ביי דער שוועל פון מיין געצעלט, און איך האָב געשאָטן זאַמד מיט מיינע פינגער.

— ווען דו זאָלסט וויסן, ווי שיין ס׳קוקט אויס אַ יידישע פאַמיליע, זיצנדיק ביים טיש, אין יום-טובים טעג, ס׳אַראַ שיינעם ביישפּיל פון אחדות זי גיט די, וועלכע האָבן זי פיינט — האָט צו מיר געזאָגט משה, און פון זיינע לאַנגזאַמע באַוועגונגען האָט זיך אויסגעטיילט אַ פרישקייט. דער מדבר האָט אָנגעהייבן בלוי צו ווערן און איז פאַרשוואונדן. ס׳איז געוואָרן אַן אָפּגעצוימטער שטח. די שטערן האָבן זיך באַוועגט אויפן הימלישן געוועלב, שמייכלענדיק, ווי געליבטע אויף בליענדיקע סטעזשקעס, פול מיט תאווה אויף די ליפּן...

משה האָט אַרויסגעזאָגט זיינע טיפערע ערינערונגען מיט אַ זיסע ווייכע שטימע:

„אָט זעסטו, מיר קענען זיך נישט באַפרייען פון אונדזערע טראַדיציעס, פון די אַלטע שטרעבונגען פון אונדזער פאָלק. מיט גייסטיקע פעדעם זענען מיר פאַרבונדן צו דער לאַנגער שורה פון אונדזערע מתים, וועלכע ריידן אין אונדז קעגן אונדזער ווילן. אומזיסט ווילן מיר אָפּווייכן פון זייער וועג, מעגלעך דורך אַ זייטיקע סטעזשקע, אָבער דאָך מוזן מיר זיך צוריקקערן. זייער גאווה אַרבעט אין אונדז פאַוואַליע, אונטערערדיש. מיר האָבן פאַראייגנט געוויסע פּרינציפּן, אָנגעצייכנט אויף אונדזער וועג געוויסע פליכטן, אויסגעוועבט טרוימען פון שיינקייט און ליבע, מיר זענען געוואָרן באַאיינפלוסט פון פרעמדע

באַאיינפלוסט דורך ביכער פון אַ סביבה, אין וועלכע די רגילות האָט אונדז איינגעצוימט. אָבער ס׳קומט אַ טאָג, ווען מיר דער־פילן, אַז דאָס אַלץ איז געווען בלויז אַ פאַרבייגייענדיקער שאָטן. דעמאָלט הייבט זיך אָן אין אונדז אַ שרעקלעכער קאַמף. עס זיגט דער גייסט פון אונדזערע אבות, וואָס פירט אונדז צוריק אַריין אינם שויס פון אונדזער אַלטער משפּחה, וועמענס בלוט פליסט אין אונדזערע אָדערן און מיר ווערן געשטופּט אין דער ריכטונג פון אונדזער גורל...

איך האָב אים שוין מער נישט געזען, ווייל ער איז גע־ווען באַהעפט מיט דער פינסטערניש. די לייוונט פון מיין גע־צעלט האָט לייכט געקלאַפּט, און די שטריק, וואָס האָבן זי אָנ־געצויגן האָבן געשריגן... און איך האָב כּסדר געזיפּט דעם זאַמד צווישן מיינע פינגער, אָפּוועגנדיק אונדזער אייטלקייט.

XIII

איך האָב היינט באַזוכט די עגיפּטער. איך האָב זיך באַקענט מיט אַ קאַפּראַל, אַ קאַפּט, אַבדעל-לאַטיף, באַיוווסטזיניק, געשיקט, פיפיק, מיט דערדאָזיקער צאַרטקייט און העפלעכקייט פון אַן אָריענטאַלער, וועלכע שלאָגן אייך אַראָפּ פון מוט, מיט צופיל חנפעניען. ער האָט לאַנג גערעדט מיט מיר וועגן די מענטשן, פון וועלכע ער איז כמעט איינער, וואָס זענען גע־בליבן לעבן. בעת אונדזער געשפּרעך, האָב איך אים אויסגע־דריקט מיין פאַרלאַנג — זיך צו באַקענען מיטן לעבן פון די אַרבעטער אונטערן רעזשים פון דער ענגלישער אַרמיי. ער האָט זיך תּיכף אָנגעכאַפּט צו באַפרידיקן מיין נייגעריקייט. איך האָב אין אים דערקענט אַ גרויסן רעוואָלוציאָנער. מיר האָבן זיך דערנענטערט, אַ דאַנק אונדזערע אַלגעמיינע דאגות און רעיונות.

ער איז געווען אַ תּלמיד אין דער יעזואיטישער שולע אין קאַיר. נאָכדעם איז ער צוריקגעקומען אין זיין דאָרף בענהאַ, ווו ער איז געוואָרן אַן אויפזעער איבער די באַוול-פּלאַנטאַציעס פון זיין פעטער. ער האָט דאָרט געפירט אַ דאָרפיש לעבן און

אויף די פעלדער פאַרלוירן כמעט אַלץ, וואָס די גייסטל.כּ
האָבן אים אַריינגעפּאַקט אין קאָפּ.

ער האָט כמעט נישט געוווּסט וועגן דער בהלה אין אייראָפּע. אָבער ענגלישע פּראָפּאַגאַנדע־אַגענטן זענען געגאַנגען פון דאָרף צו דאָרף און איינגערעדט די אָרעמע פעלאַכן, וועלכע האָבן געוואָלט זען פרעמדע לענדער און פאַרדינען אַ סך געלט, — זיי זאָלן זיך מעלדן אין „מרכז" (קרייז) און אַריינטרעטן אין דער אַרמיי. דאָרט וועט מען זיי געבן עסן און קליידן, צוגלייך מיט די אייראָפּייער.

מענטשן האָבן פאַרלאָזט זייערע פעלדער. אין צוגן האָט מען זיי געפירט צו דער הויפּטשטאָט, ווו ס'האָט נאָך פון זיי אָפּגעשלאָגן דער ריח פון ערד און פון קוקורוזע. דידאָזיקע שוואַרצע שמייכלדיקע פּנימער האָט געוויס געשטופּט די תאווה נאָך געלט, אָבער נאָכמער דער טרוים, וואָס מאַטערט יעדן פויער, וועלכער איז אָנגעבויגן איבערן אַקער: באַקענען אַנדערע האָריזאָנטן, אַנדערע דערפער, אַנדערע מענטשן.

אַבדעל־לאַטיף, קענענדיק פראַנצויזיש און ענגליש, האָט באַקומען די מדרגה פון אַ קאַפּראַל און אַ הבטחה צו אַוואַנסירן אינם ראַנג פון אַן אָפיציר נאָך עטלעכע חדשים דינסט.

נאָך אַ מעדיציניש באַזוך, האָט מען אים געשטעלט פאַרשידענע שאלות, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך געפונען אויך די: צי האָט ער געשפּילט אין פוטבאָל, צי האָט ער געריטן אויף אַ קעמל אָדער אויף אַ פערד, וועלכע ספּאָרטן האָט ער מער ליב געהאַט, כדי אים צוצוגעבן מער חשק. ער האָט אונטערגעשריבן אַ מין קאָנטראַקט. מען האָט אים דעמאָלט אויפגעקלערט, אַז דעם מונדיר טראָגט ער סתם אַזוי, אַז מען וועט אים נישט באַוואָפענען, אַז מען וועט אים קיינמאָל נישט שיקן אויפן פראָנט און ער וועט זיך תמיד געפינען אויף אַ צען קילאָמעטער פון פראָנט. בלויז איין זאַך: מען וועט אים שטעלן פאַרן קריגס־געריכט, אויב ער וועט עובר זיין אויף די תקנות פון זיין קאָמפּאַניע. חוץדעם איז ער זיך מתחייב צו פאַרבלייבן אין דער אַרמיי אין דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה אין

אַפילו נאָכן שלום, אויב די רעגירונג פון דער קייזערלע־כער מאַיעסטעט וועט זיך נאָך אין אים נייטיקן. באַזוי־בערט פון דידאָזיקע שיינע הבטחות, איז ער אַוועקגעפאָרן און דורכגעמאַכט די געדרייטע ליניע, וואָס זיין גורל האָט אים אָנ־געצייכנט. און נאָך אַלע גילגולים געפינט ער זיך איצט דאָ.

אַבדעל-לאַטיף האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט און האָט געהאַט אונטער זיך אַ סך באַדינער. ער האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע יעדן פרימאָרגן צו ברענגען פאַר די מענטשן פראָוויאַנט פון הויפּט-דעפּאָ און אַכטונג געבן אויף דער זוי־בערקייט אין לאַגער. ער האָט אָבער געהאַט אַ סך פרייע צייט. נאָכמיטאָג איז ער שוין געווען פריי. ער פלעגט תמיד מאַכן לאַנגע שפּאַצירן לענגאויס דעם ברעג אָדער אינם מדבר, ווו מיר האָבן זיך צופעליק באַגעגנט.

אין זיין געצעלט, — ווו ס'איז געווען זייער באַקוועם, צוליבן פעלד-בעט, וואָס מען האָט אים דערלויבט אַריינצושטעלן — האָט זיך געפונען אַ טיש, אַ קליינע שאַפקע, מעבל, וואָס מען האָט אָן שוועריקייטן געקענט איבערטראָגן. אַזוי ווי יעדער איי־נער פון זיין ראַנג האָט געהאַט אַ באַדינער, האָט אונדז זיין באַדינער, אַ מיצרי מיט צעשניטענע באַקן, דערלאַנגט קאַווע. אַבדעל-לאַטיף האָט זיך נישט אויפגעהערט צו שפּילן מיט זיינע בערנשטיינענע פּאַטשערקעס, וועלכע ער איז געווען צוגעוווינט צו האַלטן צווישן זיינע נערוועזע פינגער. דער ריח פון קאַווע האָט אָנגעפילט די גאַנצע שטילשווייגעניש, וואָס איז אָנגעקו־מען נאָכן איבערגעריסענעם שמועס.

דער ווינט האָט אונדז געבראַכט צו טראָגן פאַרשידענע גערוישן, דיזעלבע, וואָס איך האָב געהערט אין יענעם באַגינען, ווען די פרעמדע שכנים האָבן מיך אויפגעוועקט. און באמת, זיי זענען איצט אָנגעקומען פון דער אַרבעט. דער „טאַבאָר" האָט זיך געשלענגלט, ווי אַ שורה תלמידים. די געלע רינגען, וואָס זייערע כאַקי-מונדירן האָבן פאַרמירט, די קוישן, די לאָ־פּעטעס און די פּיקעס אויף די אַקסלען, האָבן זיך איינגעצויגן און געברענט אויף דער זון, אָנהייבנדיק פון טייטלבוים-וועלדל

ביז צום לאַגער. זיי האָבן געזונגען זייער אייביק ליד. די פּאַר־זינגער, די לצים, האָבן געשאָטן מיט געזאַלצענע וויצן. זיי האָבן זיך געוואָלט איבערשטייגן אין גראָבקייטן, מיט וועלכע זיי האָבן זיך געראַנגלט ווי מיט ראַפּירעס, זיך געשטאָכן, גע־דראַפּעט, פאַרוווּנדעט. און נישט איינער פון זיי האָט געהאַט אַ מפּלה, בעת וועלכער דער באַזיגטער, צעקלאַפּט פון זיין קעג־נער מיט דער לעצטער זאַפטיקער פראַזע, האָט זיך געמוזט אָפּטראָגן ביי אַלגעמיינע געלעכטערס.

די אַלטע און די אָפּגעמאַטערטע האָבן זיך נאָכגעשלעפּט מיט פאַרנעפּלטע אויגן. זיי זענען געווען פרעמד צו דער פרייד פון די איבעריקע, און פאַרזונקען אין טריבער לאַנגווייליקייט. זיי האָבן זיך פון צייט צו צייט איינגעבויגן, כּדי אויפצוהייבן אַ קערטל פון אַ פּאַפּיראָס, אַ שטריקל, אָדער אַן אַלטע קאָנ־סערוון־פּושקע און ווידער געגאַנגען זייער וועג.

די אָפּטיילונגען האָבן זיך אַנידערגעזעצט אויפן לאַגער־פּלאַץ, פאַר די געצעלטן, וועלכע מען האָט איינגעטיילט לינדזן־זופּ, ציבעלעס און טרוקענע ביסקוויטן.

זיי פלעגן אַריין אין די געצעלטן, כּדי זיך אַ ביסל אָפּ־צורוען. די פרישקייט האָט ווייכער געמאַכט זייערע אָנגעצוי־גענע מוסקולן. די אָפּגעמאַטערטקייט האָט געבויגן זייערע גופים. זיי האָבן געשוויגן אין דעם זיסן אָוונט. זיי האָבן געפילט, ווי דער שלום לאָזט זיך אַראָפּ אויף זיי.

אַבדעל־לאַטיף איז אַרויס פון זיין געצעלט. מען האָט זיך אויפגעהערט צו שושקען. ער איז אַוועק פאָרויס. נאָכן קבלת־פּנים, וואָס מען האָט אים געמאַכט, האָב איך באַלד פאַרשטאַ־נען, אַז די מענטשן האָבן אים ליב. ער האָט געקענט פאַריי־ניקן צאַרטקייט מיט שטרענגקייט און איז טיף אַריינגעדרונגען אין זייער פּסיכאָלאָגיע. ער איז געווען זייער היימיש מיט זיי, ער האָט זיך אינטערעסירט מיט יעדער קלייניקייט פון זייער טאָג־טעגלעך לעבן, דעריבער זענען אים אַלע געווען שטאַרק איבערגעגעבן. אַזוי ווי אַראַביש איז געווען זיין מוטער־שפּראַך און אַליין אַן עגיפּטער, פּונקט ווי זיי, איז ער געווען דער שתדלן ביי

די אָפּיצירן, איבערגעגעבן זייערע ביטעס, פאַרלייכטערט זייערע אַלע שווערקייטן, געשריבן פאַר זיי בריוו אַהיים, געגעבן זיי עצות. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט טיף אין זייערע נשמות און גיט געקענט זייערע אַלע אויסבייגונגען. זיינע רייד האָבן גע־מאַכט אַן איינדרוק. ער האָט מיט זיי אַלץ געקענט מאַכן. די אָפּיצירן האָבן אָנערקענט זיין כּוח און פלעגן גאַנץ אָפט אויס־נוצן זיין איינפלוס, בעת ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן צוגאָבס־אַרבעט, אָדער בעת מען האָט ביינאַכט געדאַרפט איינלייגן עטלעכע הונדערט מעטער באַן־רעלסן.

די אָנפירער פון יעדער סעקציע, מיט שטעקנס אין די הענט, האָבן אים באַגריסט. ער האָט דורכגעפירט אַ שנעלע אינספעקציע, אויפגענומען ברכות אָן אַ צאָל און אַכטונג געגעבן ביים פאַנאַנדערטיילן די פּאָרציעס. יעדער איינער האָט אויס־געשטרעקט אַ ליידיקע, גוט אויסגעפוצטע פושקע פון קאָנסערוון, אָנשטאָט אַ טעלער.

אַ פייף. זיי האָבן זיך צעשפרייט און זיך פאַנאַנדערגע־זעצט אַרום זייערע געצעלטן. בעתן עסן האָבן זיי הויך גע־לאַכט און געשאָטן מיט גראָבע וויצן. די פינסטערניש האָט זיי אַלעמען איינגעהילט. זיי זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין באַ־וועגלעכע שאָטנס.

עטלעכע זענען אים נאָכגעגאַנגען, געפינענדיק זיך אין אַ מין פאַרלעגנהייט, מיט נעבעכדיקע פּנימער. קענענדיק זיי, האָט ער געוווסט, אַז דאָס שמעקט מיט שקר, אָדער זיי ווילן אַרויסווייזן זייער אומשולד. זיי פלעגן זיך באַקלאָגן, אַז מען גיט זיי צו קליינע פּאָרציעס, אַז זייערע קאַפּראַלן פון די שכנותדיקע סעקציעס, באַקומען „באַקשיש“, אָדער גאָר איינער דעם צווייטן באַשולדיקט אין גנבה.

מען האָט אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן לעבן דעם געצעלט. ער האָט געדאַרפט משפטן, דערגיין אַלע פּרטים פון זייערע ליגנס און גלייכצייטיק זיך האַלטן אַזוי, ער זאָל קיינעם נישט אויפרעגן. ער האָט געמאַכט פאַרוורפן, געסטראַשעט מיט שטרענגע שטראָפן, וואָס דער אָפּיציר וועט אויספירן, און זיי

האָבן געכאַפּט התפּעלות פון זיין שאַרפזיניקייט און זיך אונ־טערגעוואָרפן זיינע משפטים. צייטנווייז פלעגן זיך דידאָזיקע וויכּוחים פאַרציִען ביז שפּעט אין דער נאַכט, און ער האָט מיט זיי איינגעטענהט מיט אַ זעלטענער שטימונג.

די שטערן האָבן געפינקלט. איך האָב פאַרלאָזט אַבדעל־לאַטיפן, וועלכער איז געזעסן מעשה־שופט, געשאָטן מיט ווער־טער פון גערעכטיקייט און איבערגעוואָרפן פון האַנט צו האַנט זיינע בערנשטיינענע פּאַטשערקעס.

XIV

דער זיידע איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן נישט געקענט פאַרטראָגן די באַליידיקונגען קעגן דעם רוסישן פויער. ער איז געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנער.

אָבער פּונקט ווי אַ סך אַנדערע, אַזוי האָט ער אויך פאַרשטאַנען, אַז די ישועה איז ערגעץ אַנדערש. ער איז אַוועק־געפאָרן פון רוסלאַנד קיין פּאַלעסטינע מיט אַ קליינע גרופּע אידעאַליסטן. ער איז געוואָרן אַ קאָלאָניסט. ער האָט דערפילט דעם טעם פון טרערן, וואָס פּערלט אויפן שטערן בעתן זייען; ער האָט אויך דערפילט די פרייד פון אַרומנעמען סנאָפּעס, ביים שניידן. זיין ווייב איז אויך צו אים געקומען אין אַ חודש אַרום. זי איז געוואָרן אַ פּערמערקע. נאָך פּאַרלעך זענען אָנגעקומען. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ גאַנצע משפחה.

דידאָזיקע אינטעליגענטע משפחות, רייך בלויז מיט זייער התלהבות און מיט זייער גלויבן, האָבן נישט געקוקט אויף די גרויסע נויטן און קרבנות, געלייגט דעם ערשטן גרונדשטיין, אויף וועלכן ס'דערהייבן זיך ביי היינטיקן טאָג יידישע קאָלאָניעס מיט וויינגערטנער, פּאָמעראַנצן גערטנער, עקאַליפּטוס־וועלדער, — אמתע מוסטערהאַפטע ווערק פון אָרדענונג, געדולד און פאַרשטאַנד. און דאָס אַלץ האָבן זיי געשאַפן אין אַ לאַנד, וואָס די פוילע טערקן האָבן פאַרוויסט. דידאָזיקע משפחות האָבן אָנגעהייבן צו שטיצן די עמיגראַציע. זיי האָבן געשיקט

געלט קיין רוסלאַנד, געקויפט מכשירים און געאַרבעט אויף דער ערד.

אַ סך יונגעלייט האָבן אָפּגעענטפערט אויפן רוף פונם פאַרשפּראָכן לאַנד. די בענקשאַפט, וואָס האָט געלעבט אין זייער בלוט, האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט. ס'איז אָנגעקומען הילף פון אייראָפּע און אַמעריקע. ס'האָבן זיך פאַרמערט די עולים צום בית-המקדש.

פון אַלטע פאַרשטויבטע פאַרגעסענע ספרים האָט מען אַרויסגעשלעפּט די העברעישע שפּראַך אויף גאָטס ליכט. מען האָט זי פאַראייניפאַכט און פאַרשענערט, כדי דורך איר קענען אויסדריקן אַלע וויסענשאַפטלעכע ניואַנסן און אַלע שווערקייטן פונם מאָדערנעם געדאַנק. זי קלינגט צווישן די ליפּן פון קליי-נע קינדער. אין די גאַסן, אויף די פעלדער, האָט מען געהערט די שיינע ביבלישע שפּראַך, און די זקנים, איבערגעבויגן איבער די ספרים האָבן געהאַט גרויס נחת און געטראַכט, אַז נישט אַלץ איז פאַרלוירן.

פּאָעטן, וועלכע האָבן געשפּייזט זייער אידעאַל, פאַראייני-זאַמטע און אומבאַקאַנטע, האָבן זיך תיקף געוואָרפן מיט זייערע הייסע שיינע פּאָעמען, פונקט ווי מיט שווערדן אין אַ שלאַכט. דידאַקטישע פּאָעמען האָבן באַזונגען די יידישע יסורים, זייערע האָפענונגען, זייער כוח און לעבנס-פעיקייט. ס'האָט געשפּרודלט מיט אַ נייער פרישער ליטעראַטור.

די, וועלכע האָבן זיך באַצויגן מיט שנאה צום פאָלק פון אַלע פעלקער, האָבן געמוזט מודה זיין: דאָס פאָלק ישראל האָט אויפגעלעבט, נישט געקוקט אויף דורות פון פאַרפאָלגונ-גען, ברענגענדיק מיט זיך גאַנצע דורות דערפאַרונג, איידלקייט און בייגעוודיקייט און האָט אַרויסגעשטעלט דער וועלט איר רעכט אויף לעבן.

שטאַרבנדיק נאָך אַ שווערער קרענק, האָט מיין זיידע פאַרן טויט געקענט זאָגן, אַז זיין פלאַמענדיקער אידעאַל איז מקוים געוואָרן. דאָרט, אין די טאָלן, האָט די יוגנט באַצייכנט גרויסע בראָזדעס, פונוואַנען ס'וועלן אַרויסשפּראָצן די צוקונפטיקע

כוחות. אונטער איילבערטן און פּאָמעראַנצן־ביימער האָבן די טעכטער פון ציון, פּונקט ווי אַמאָל, ווידער געזונגען שבחים דעם אויבערשטן און באַזונגען די פרייד פון דערלייזונג. וואָס האָט ער נאָך געקענט פאַרלאַנגען? ער האָט געזען, ווי טיף אין די נשמות וואַקסט און וואָרצלט זיך איין די אידעע פון ישׂראלס ווידעראויפבויאונג. ער האָט געקענט אַלזאָ צומאַכן די אויגן.

אָט דאָס האָט מיר מיין מאַמע דערציילט פון מיין זיידן, דעם אידעאַליסט, פון וועלכן משה איז געווען פאַר מיר די אָפּבילדונג. אָבער דערדאָזיקער התלהבותדיקער ביישפּיל האָט מיך שוין מער נישט באַפרידיקט.

XV

„די אייביקע שטילקייט פון די אומענדלעכע שטחים שרעקט מיך". דידאָזיקע פראַזע פונם גרויסן דענקער איז ארויף אויף מיינע ליפּן, ווי אַ וואָרט פון ליבע, וואָס מען שושקעט אין דער פינסטערניש... זי האָט זיך אויסגעצויגן ביז צום האָריזאָנט, אָנגעפילט דעם מדבר, האָט זיך דערהייבן ביז צו די שטערן פונם מאַי־הימל.

„די אייביקע שטילקייט פון די אומענדלעכע שטחים שרעקט מיך". די שטילקייט שרעקט מיך. איך פיל זיך קליין און עלנד פאַר דערדאָזיקער גרויסער חידה. ווען מען פרעגן און ווער וועט ענטפערן? גאָרנישט. גאָרנישט. אַ שרעקלעכע אכזריות הענגט אינדערלופטן. די אייביקע לעבנס־פראַגן מאַטערן מיך. ווער בין איך און וווהין גיי איך? די נאַכט איז פון מירמלשטיין, און איך בין אַן אומגליקלעכע זאַך, וואָס קריכט ווי אַ וואָרעם. „די אייביקע שטילקייט פון די אומענדלעכע שטחים שרעקט מיך".

XVI

די בריוו פון מיין זיידן האָבן אַ ממשות פון פאַרבייגייענדיקע זאַכן. דאָס פּאַפּיר איז געקנייטשט און געל, ווי די הויט פון זקנות וואָס וואַרעמען זיך אויף דער זון, און אַז מען וויקלט זיי פאַנאַנדער דערפילט מען אַ ריח פון פאַרוועלקטע בלומען. זיי געפינען זיך אין מיין אַלטן פּערפּומירטן לעדערנעם פּאָרטפּעל, טיף אין מיין זעלנערישן זאַק, זייט ביי זייט מיט מיינע אַמאָליקע פּאַפּירן, וועלכע האָבן מיך קיינמאָל נישט פאַרלאָזט. אַז איך ריר זיך צו צו זיי, פיל איך אַן אומעט, ענלעך צום געפיל, בעת איך ריר מיט די הענט האַרבסט-בלעטער, אָדער בעת איך גלעט שטאָפן פון אַן אַנדער דור. די שריפט איז דין און געצאַצקעוועט, און ס'דאַכט זיך מיר, אַז איך זע דאָרט שמייכלען די צאַרטע אַפּיקורסישע נשמה פון אַ זיסן זקן, וועלכן איך האָב זייער קנאַפּ געקענט. זיי דערציילן וועגן דעם פּשוטן פּאַטריאַכאַלן לעבן פון די קאָלאָניסטן, וועגן זייער פעסטן גלויבן אינעם אידעאַל פון פאָלק, וועגן זייערע קאַמפן מיט די בעדואינער, וועלכע פלעגן אַוועקרויבן זייער שאָף און פאַרברענען זייער שניט.

די באַשרייבונגען פון העלע בערג, פון איילבערט-וועלדער, פון בליענדיקע מאַנדלביימער, פון רויטע אַנעמאָנען, וואָס דער הימל פון לאַנד יהודה הילט איין אין אַ טיפער בלויקייט, גיבן צו דידאָזיקע בלעטער די מתיקות פון אַ פּאַסטוך-ליד. הויפּטזעכלעך געפעלט מיר איינס פון דידאָזיקע בריוו. די צייט האָט גאָרנישט צוגענומען, נישט פון דער התלהבות און נישט פון די שיינע געדאַנקען, וואָס ס'זענען דאָרט אויסגעדריקט, ווייל די באַדינגונגען אויף וועלכע ער האָט געמאַכט אַ רמז, זענען מיר נוגע.

מיין טייערער,

„איך באַשולדיק זיך, וואָס איך האָב פאַרשפּעטיקט מיט מיין ענטפער אויף דיין שיינעם בריוו און מעשה-עגאָיסט טועם געווען דעם העכסטן פאַרגעניגן, וואָס ער האָט מיר פאַרשאַפט.

איצט לאָמיר זיך צוריקקערן צום בריוו. הגם איך האָב תּיכּף נישט געקענט ענטפערן, אָבער ס'דערוועקן זיך אין מיר צאַרטע עמאָציעס, ווען איך טראַכט פון אים. איך טראַכט גאַנץ אָפט וועגן דיינע דרייסטע פּאָעטישע ווערטער, וועגן דיין נאַיוון גלויבן, וואָס איז ביי דיר דאָס שענסטע און דאָס אויפריכטיק־סטע. און טראַכטנדיק וועגן די אַלע זאַכן, ווערט מיין האַרץ אָנגעפילט מיט אומגעהויערע פרייד. דיר פאַלט גאָר נישט איין אין זינען, אויף וואָסער געדאַנקען־סדר דיינע שורות שטויסן מיך אַרויף. רעוואַנש פון דער געשיכטע, די שטום פון בלוט, אויסוואַל און אַטאַוויזם, קרובהשאַפט און לאָגיק — אָט דאָס זע־נען די עטאַפּן פון מיינע קרומע געדאַנקען, בעת איך טראַכט פון דיר, נישט ווי וועגן אַ יחיד, נאָר ווי וועגן אַ דערשיינונג פון סאָציאַליסטישן שטאַנדפונקט גענומען.

איך דערמאָן זיך וועגן אַ קעסטל, וואָס איך האָב ביי אייך געזען מיט יאָרן צוריק. ס'איז געווען אַ הילצערנע ראָזאָ־ווע קעסטל מיט פּערלמוטערנע אינקרוסטאַציעס, וואָס אונדזער פֿאָטער האָט געמאַכט.

עמיצער האָט מיר דערקלערט די סימבאָלישע באַדייטונג פון דידאָזיקע אינקרוסטאַציעס, און פון דעמאָלט אָן האָט דאָס קעסטל פאַר מיר אויפגעלעבט מיט אַ מעכטיק אויסטערליש לעבן און האָט פאַנאַנדערגעשפּילט מיין פאַנטאַזיע. צוויי צווייגן האָבן דאָרט פאָרגעשטעלט אונדזערע אבות, פאַר יעדעס קינד איז דאָרט געווען אַ קליין צווייגעלע, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ פּערלמוטער־האַרץ. דידאָזיקע גענעאַלאָגיע, דידאָזיקע פּשוטע סכעמע, איז פאַר מיין קינדערישן מוח געווען אַן אויס־טערלישע ווירקלעכקייט. אָפטמאָל האָב איך דערפון געטראַכט. פאַר מיינע אויגן האָבן זיך כּסדר פאָרגעשטעלט די דריי הויפּט־צווייגן פונם בוים, וואָס אונדזערע האָבן געוואָלט איבערפלאַנצן אויף זייער אייגן ערד, און דערדאָזיקער געדאַנק האָט מיך פאַרטרויערט. איינע פון די צווייגן איז געווען צעשטאָכן, די צווייטע, — דיינע, איז געווען אָן בלעטער. אויפן דריטן בוים בין איך געווען די איינציקע שפּראָצונג, און פון די אַכט

זכרים, וועלכע האָבן געהערט צו דערדאָזיקער גרופּע, לעב איך אַליין דאָ. ס׳איז אַ קליינער פּראָצענט, און ווי שווער ס׳איז איבערצואַרבעטן אַ נאַציע! די איבעריקע, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין סביבה, קיין באַוועגלעכע זאַכן, זענען אויף שטענדיק געווען פאַרלוירן. ס׳האָט זיך אין זייער בלוט נישט געפונען קיין בראָק אַטאַוויזם, קיין פונק, וואָס זאָל פירן זייער נשמה צו הויכע צילן!...

דו דאַרפסט אַלזאָ פאַרשטיין, אַז דיין בריוו האָט מיך געשטאַרקט, האָט מיך אָפּגעפרישט. קען מען דען זיין ווייט פונם לאַנד, אָן עצות, אָן ביכער, אָן פעסטע טראַדיציעס און דאָך ווידערגעבוירן ווערן, ווידער אויפלעבן, האָבן היים-בענקשאַפט, האָפענונגען, טרוימען, וואָס קיינער האָט נישט אויפגעוועקט אָדער געמאַכט אויפלעבן אין אייך, און אַז איר ווילט געפינען די זעלטענע שפּראָצלען פון דעם אַלעם, דאַרפט איר זיך אַריבערטראָגן צוריק אויף אַ דרייסיק יאָר, אין אַ טויטע עפּאָכע, אין אַן אויסגעלאָשענעם דור? אָבער מעגלעך ס׳זאָל געשען אַ נס.

אַ נס פון האַרטנעקיקייט און כּוח, אַ נס פון זעלבסט-פאַרהיטונג, אַ נס פון קאַמף פאַר אַ העכערער עקזיסטענץ (דער יחיד ווערט צונויפגעגאָסן מיטן כּלל), אַ נס פון לאָגיק, ווייל די לאָגיק האָט אירע אַקסיאָמען, וועלכע זענען אומפאַרענדלעך. נאָר בלויז שוואַכע, אָנמעכטיקע, פּחדנים, גיבן זיך איבער אינם רשות פון דער עפּאָכע און דעם קאַפּריז פון זייער גורל. אַני־דערע באַפעסטיקן היינטער זיך דעם וועג און אַנטדעקן נאַטירלעכע וועגן, מען זאָל קענען זיכער דורכפאָרן. ווייל דאָס לעבן איז איינס, און אַזוי ווי אונדזער לעבן איז קורץ, נעמען מיר אָן אירע פאָרמען פאַר איר מהות און אויף אירע רינגען קוקן מיר ווי אויף אַ קייט".

און דעריבער, נישט געקוקט אויף דעם אונטערשייד פון סביבה, בילדונג און זיטן, נייטיקן מיר זיך נישט אין קיין קרייץ-צייכנס, כּדי זיך צו דערקענען און נישט אין קיין טויפונג, כּדי זיך צו ברידערן. די נשמה האָט אירע קרייץ-צייכנס.

ווען די פליטע צעגיסט אירע מעלאָדיעס, באַזינגענדיק דעם שאָטן פון איילבערטן, דעם ריח פון פאָמעראַנצן-ביימער, די חכמה און די העלדישקייט פון די, וואָס שלאָפן מיט זייער פאַרדינטן שלאָף, דעמאָלט בין איך פאַרצויבערט, הער די דאָזיקע מתיקותדיקע טרייסט-מוזיק און אין מיין האַרצן חזרט זיך איבער אַ ווידער-קול: ס'איז אַ ברודער... צעשאַר דאָס פייער, ברודער-לעבן: דאָס איז די ניאַניע. דאָס פייער ברענט באַשיידן און שטערט נישט. עס באַלויכט די פינסטערע נעכט און דערוואַרעמט די פראָסטיקע טעג. וואַרף אַריין פונקען אין קינדערשע הערצער! צאַרטע נשמות זענען פרוכפערדיק און די זוימען וואַקסן שנעל. פאַרזיי דאָס גוטע קערנדל און ווער נישט אָפגעמאַטערט! ווייל קינדערישע הענט וועלן פאַרלייגן די צוקונפטיקע גרונדשטיינער פונם בנין, ווענן וועלכן דו רעדסט. אונדזער שפּראַך האָט אַ וואָרט פון טיפער שיינקייט: „שיק דיין ברויט אויפן וואַסער-שפּיגל, ווייל אין אַ געוויסע צייט אַרום וועסטו עס צוריק געפינען".

דו ווילסט קומען זען דאָס לאַנד. אַ זעלטענע אידעע! באַמי זיך צו קומען, לפּחות, פאַר ווינטער, כדי כ'זאָל דיר קענען באַווייזן די הערלעכקייט פונם פאָטערלאַנד.

איך האָב מורא, אַז צוליב דיין שטודיום זאָלסו אַמאָל נישט קענען קומען סוף זומער. אַלזאָ, צום ווידערזען. ס'איז צייט צו פאַרענדיקן דעמדאָזיקן לאַנגן בריוו. איך גלויב, אַז דיינע באַשעפטיקונגען גיבן דיר אַזוי פיל פרייע צייט, וויפל מיינע פעלדער. באַמי זיך, לפּחות, נישט צו פאַרבלייבן מייז בעל-חוב אין קאָרעספּאָנדענץ. כ'דריק האַרציק דיין האַנט".

XVII

האָב איך געקענט פאָרויסזען, וואָס ס'וועט ווערן פון מיר? איך בין נישט געווען קיין באַלעבאָס פון דערדאָזיקער שעה, און ווען איך וואָלט אַפילו יאָ געווען, וויאַזוי וואָלט איך נעקענט אויסמיידן דאָס שטרענגע און דאָס אַכזריותדיקע? וואָס

האָב איך געקאָנט אויפטאָן קעגן די געשעפּענישן, וואָס האָבן זיך געדאַרפט פאַנאַנדערוויקלען?

איך האָב אַרומגעבלאָנקעט אַרום די טייטלביימער, דאָס בלוט זיך אויפגעקאָכט, זוכנדיק אַ פרוי. די אויגן האַלב־צוגעמאַכט, דאָס לייב אויפגעשוידערט, און כ׳גיי אַזוי... בלויז איין פאַרלאַנג האָט זיך איינגעגעסן טיף אין מיין האַרצן. איך בין געווען אַנטבלויזט פון געדאַנקען און פון טרוימען. „דידאָזיקע קליינע בעדויאינערים לאָזן זיך איינריידן — האָב איך צו זיך געזאָגט. זיי האָבן מסתּם אַן אויסטערלישן געשמאַק אויף זייערע ליפּן און מחיהדיק זענען זייערע לאָסקעס".

איינע האָט אין מיר איינגעקריצט איר געשטאַלט... איך האָב זי קיינמאָל נישט באַמערקט מיט די איבעריקע, בפרט אַז איר פּנים איז געווען פאַרשלייערט.

זי האָט געהאַט אַלע פאָרמען פון אַ פרוי. זי איז געזעסן די פיס אונטער זיך, לעבן אַ שטאַם פון אַ טייטלבוים. פילנדיק מיין בליק, האָט זי אָנגעהייבן איינצולייגן אירע פּאָמידאָרן אינם קויש, געפלאָכטן פון לולבים. צאַרט זענען געווען אירע הענט און געפאַרבט מיט לאַווזאָניע. איר איינציקער אָפענער אויג האָט געהאַט דעם קאָליר פון העלן בוימל, ווו ס׳שפילט זיך די זון. איר ביוסט, נישט געקוקט אויפן שלייער וואָס האָט זי איינגעהילט, האָט אויסגעקוקט ווי דאָס העלדזל פון אַ וואַזע.

איר קויש איז שנעל אויסגעליידיקט געוואָרן און איר נאָזטיכל אין קראַטן איז געוואָרן אָנגעפילט מיט פּיאַסטערס. זי האָט זיך אויפגעהייבן, כּדי אַוועקצוגיין... איר גאַנצער קערפּער האָט זיך געפּאַליעט. זי איז געווען מער פרוי וויפל איך האָב געטראַכט; אַ פרוי לויט אירע לענדן, וואָס האָבן זיך געטרייסלט, לויט אירע ברוסטן, וואָס האָבן זיך געגרונדיקט...

זי איז אַוועק מיט דער סטעזשקע, וואָס האָט געפירט צו על־שאַגאַר. מיינע אויגן זענען איר נאָכגעגאַנגען, זיך צוגעפּעסטיקט אויף איר, זיך צוגערירט צו איר. זי האָט געוויס געפילט מיינע בליקן, וועלכע האָבן זי אַרומגענומען. איידער זי איז פאַרשוווּנדן געוואָרן, האָט זי זיך אַרומגעקוקט, אויפגעהייבן

איר שלייער, מיר באַוויזן איר גאַנצן פּנים, פּונקט ווי זי וואָלט מיר געשענקט אַ מתּנה. צי האָט זי זיך געוואָלט רייצן מיט מיר, אָדער ס'איז געווען אַ פּשוטער צופאַל? איך בין איר נישט נאָכגעגאַנגען און איך האָב זי פאַרגעסן...

איך האָב זי געפּאַקט, אַנטשלייערט אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל פונם טייטלבוים־וועלדל, דאָרט ווו די שטאַמען זענען צונויפגעפּרעסט און ווו די פלאַנצן זענען געדיכט. זי איז געזעסן אויף אַ צעשטערטן אָקאָפּ, די פיס אַראָפּגעהאָנגען.

ס'איז געווען פרייטיק, און איר קויש האָט זיך נישט געפונען לעבן איר. אין אירע ברענענדיקע אויגן זענען נישט געווען קיין טרוימען, קיין דערוואַרטונג. איר גאַנצער קערפּער האָט אויסגעוויזן ווי באַקעט אונטער איר העמד, צונויפגעדריקט ביי די לענדן. איר אויסגעדאַרט פּנים איז געווען אַרומגעפּאַסט מיט האַלדזבענדער פון עגיפּטישע און טערקישע זילבערנע מטבעות, וועלכע זענען אַראָפּגעהאָנגען לענגאויס אירע באַקן. זי האָט געהאַט אַ גריבל אויף איר גאָמבקע, ווו ס'איז געווען אויסגעטאַטוירט אַ פויגל, גרייט אַוועקצופליען. אין אַ נאָזלאָך האָט געשטעקט אַ שוואַרצער פּערל, וואָס האָט איר צוגעגעבן חן. אירע אויגן האָבן זיך אויסגעטיילט אויף איר גאַנצן פּנים, גרויס און ריין, ווי די אויגן פון אַ קינד.

איך בין געגאַנגען אויף איר. זי איז נישט נתפּעל געוואָרן און זיך נישט פאַרדעקט דאָס פּנים. זי האָט געשמייכלט, זי האָט אויף מיין פּנים איבערגעלייענט אַ געטלעכן כּעס, דער־ריבער האָט זי זיך נישט אַריינגעוואָרפן אין מיינע אָרעמס. זי האָט געוואַרט. זי האָט מיך דערקענט. אירע ברעמען האָבן געקלאַפּט. אונטער די ברוינע געוועבן פון איר הויט האָט דאָס בלוט געברויזט. מיינע ווילדע אומגעדולדיקע הענט האָבן אַרומגעבלאָנקעט איבער די אויסבויגונגען פון איר קערפּער, וואָס איז געווען פאַנאַנדערגעבליט ביי די בריסטן און ביי אירע רונדיקע לענדן... איך האָב זי אַרומגענומען...

אויפן זאַמד פונם אָקאָפּ, ווו מיר האָבן זיך געקוילערט, האָב איך באַטראַכט אירע נאַסע ליפּן, אירע דאַנקבאַרע אויגן.

זי איז געווען אָפּגעמאַטערט, ווי אַ צווייג וואָס בויגט זיך אונטער אַ שלאַקס רעגן. דער שלייער, וואָס האָט באַדעקט איר קאָפּ, האָט זיך אַראָפּגעגליטשט און באַפרייט אירע קורצע געקרייזלטע האָר. איך האָב אַהין אַריינגעלאָזט מיינע תּאַווהדיקע פינגער. זי האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט לעבן מיר.

זי האָט מיר מודה געווען אומפאַרשעמט, מיט קינדערשער אָפנהערציקייט, ציטערנדיק מיטן גאַנצן גוף, אַז זי האָט געשפּירט מיינע לאָסקעס, אַז זי איז מיינע, אַז איך בין איר באַלעבאָס.

אַ פעליעטאָן-ראָמאַן... ס׳האָט מיר אָנגעהייבן צו דריקן אין האַלדז. איך האָב געזען דעם גאַנצן חוזק פון דערדאָזיקער אַוואַנטורע. וועט מען מיר גלויבן, אויב איך וועל שפּעטער דערציילן, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט? אַ בעדואינערין, דער מדבר, טייטלביימער, אַ צופעליקע באַגעגעניש און, אָן שום ווערטער, די העכסטע תּאַווה...

משוגענע בילדער האָבן אַרומגעטאַנצט אין מיין מוח. אַ נייער כּוח האָט זיך צעגאָסן אין מיינע אָדערן... איך האָב זיך געשעמט פאַר זיך אַליין, בעת איך האָב פעסטגעשטעלט, אַז דאָס האָט מיך פאַרכּישופט די צאַרטע, שלאַנקע בעדואינערין. איך האָב זיך צוגעכאַפּט צו איר מויל, געדריקט איר קערפּער מיט אַ נאַרישע גאווה, גלייך ס׳וואָלט געווען מיינע אַ זאַך, וואָס קיין כּוח קען ביי מיר נישט אָפּנעמען. איך האָב געפילט, מיינע רעכט איבער דערדאָזיקער פרוי, ווייל איר לייב האָט צו מיר געהערט.

איך האָב זיך צוריקגעקערט אין לאַגער, שמעקנדיק מיינע פינגער, ווי מען שמעקט אַ בוקעט, ווייל זיי האָבן איינגעהאַלטן די ריחות פון אירע ברוסטן און ווייל זיי זענען אַריינגעדרונגען אין אירע האָר. ער האָט געקוקט אויפן האָריזאָנט, גלייך ער וואָלט מיך געהערט. איך האָב געבויגן אין מיין זכּרון די ליבלעכע שטימע פונם דאָזיקן קינד, וועלכעס האָט מיר געגעבן, מיר געגעבן צו טרינקען פון לעבנס-קוואַל,

הארמאָניע און גלייכגעוויכט. איך בין אַוועק ווי אַ נביא, באַ־
הערשט פון זיין גאָט.

אַ בלאַסע העלקייט האָט זיך געגאָסן אַרום מיר. די
כוואַליעס האָבן געקלאַפּט ביי די ברעגעס, וואָס ווייטער אַלץ
שטאַרקער. די בייגעוודיקייט פון די זאַמדן איז פאַרשוואונדן
געוואָרן. ביי דערדאָזיקער נאַקעטקייט פון די אוראַלטע עלע־
מענטן, האָב איך זיך געפילט ווי אַן אייגנטימער פון לעגענ־
דאַרע רייכקייטן. אָן שום דאגות, נישט טראַכטנדיק לגמרי וועגן
טויט, האָב איך דערגרייכט די גרענעצן פון גליק. דער ריטם
פון מיין לעבן האָט זיך באַהעפט מיטן ריטם פון דער וועלט...

XVIII

די אַרבעטער זענען געקומען אין לאַגער, בעת ס׳איז
געווען שטאַרק פינסטער. ווי אַן אומרויקער שטראָם, האָט זיך
זייער קאָלאָנע באַוויזן פון צווישן די טייטלביימער, מיט לייכטע
דורכזיכטיקע באַגילטע קרוינען, בעת זייערע שטאַמען האָבן זיך
אומבאַשטימט געפּרעסט און געדריקט צו איינאַנדער. זיי זענען
אָנגעקומען מיט דער גאַנצער היץ, וואָס האָט זיי אויסגעמאַ־
טערט אונטער די קערב. אין גאָרגל האָט געברענט, דאָס פּנים
און די גלידער זענען געווען אָנגעוויטיקט פון די זאַמדן, וואָס
זייער שווייס האָט דאָרט צוגעקלעפּט.

אַ קלאַפּעריי פון אייזערנע בלעכן, אַ גערויש פון מענטשן
וואָס וואַקסט כסדר, אויסרופן וואָס רייסן זיך אָפּ און ווערן
צעשמאָלצן, גלייך דאָס אַלץ וואָלט מיר געווען היימיש, גלייך
דאָס אַלץ וואָלט אין מיר אויפגעוועקט אַן אויסטערלישע זיס־
קייט! און די אויסרופן „קאָם יאָם״, אָדער „קאָם לעילאַ״ האָבן
מיט זייער אייגנאַניקן, פאַריאושטן טאָן אויסגעדריקט דעם גאַנצן
פּיין פון זייער נשמה. די וואַסער־טרעגער זענען געגאַנגען די
לעצטע, געקרעכצט, די מוסקולן און די קנעכל אַנטבלויזט, די
שטערנס געקנייטשט, די אויגן אָנגעשטרענגט, גלייך ווי אָקסן,
וואָס שלעפּן דעם אַקער, פאַרזונקען אין ליים. אויף אַ שטאַנג,

וואָס איז געווען איבערגעליגט פון איין אַקסל אויפן צווייטן ביי ביידע מענטשן, האָבן זיי געטראָגן אַן אייזערנעם וואַסער-האַלטער, און מען האָט באַקומען דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן געטראָגן די משא פון אַלע ליידן פון זייערע חברים. אויסגעשטעלט אין אַ רייע, האָבן די מענטשן געוואַרט, די פּנימער אָנגעשטרענגט, אומגעדולדיק. זייערע צונויפגעגאָסענע שאָטנס האָבן געוואָרפן אויף די זאַמדן גרויסע צעפליקטע פּאַסן. אַבדעל-לאַטיף האָט נישט פאַרטיילט די פּאַרציעס. סערזשאַנטן, קאַפּראַלן און „פּריוואַטע” די פּיס אונטער זיך, מיט אָנגעשטרענגטע בליקן האָבן אויך אומבאַוועגלעך געוואַרט.

דער קאָמאַנדיר איז אַרויס פון זיין געצעלט, צושפּילענדיק זיין גאַרטל. אַ טיפּע אויפרייצנדיקע שטילקייט. ער איז געווען אַ געלער. זיינע בלויע אויגן זענען געווען האַרט ווי פּאָרצעליי. ער איז געווען קליין און מאָגער. מיט נערוועזע באַוועגונגען האָט ער געבויגן זיין שפּיצרוטע, אָדער געקלאַפּט מיט איר זיינע ברייטע בוטפאָרטן זיין פּנים איז געווען געשלאָסן און זיין בליק איז אַנטרונען געוואָרן אונטער די דיקע ברעמען. זיין נשמה האָט געדאַרפט זיין אויפגעקאָרטשעט, ווי אַ וואָרעם אין אַ פאַרשימלטער פּרי. ער האָט כּסדר געביסן זיינע קליינע וואָנסעס, צוגעשניטן אין די ווינקלען פון די ליפּן, און זיין מויל אַן ציין איז געווען שוואַרץ, ווי די לאָך פון זיין ליוּלקע.

אַ ריזיקער נעגער, מיט אַן אויסגעצויגענעם קאָפּ, מיט צוויי שראַמען לענגאויס יעדער באַק, די ליפּן ווייך און אויסגעבויגן, דאַר און קאָמיש, מיט אַ קאַנטשוק פון אָקסענע אָדערן אין האַנט, האָט איבערגעלייענט עפּעס אַן אורטייל, מיט אַ שאָטלענדישן אַקצענט און מיט אַ פּאַנפּעוואַטער שטימע. נאָכדעם ווי דעמדאָזיקן אורטייל האָט איבערגעזעצט איינער אַ קאַפּראַל אויף אַראַביש, איז דער נעגער צוגעגאַנגען צו אַן אַנדער אָפּטיילונג.

ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אַן אַרבעטער, וועלכן ער האָט זיך באַמיט אַרומצוכאַפּן מיט זיינע סקעלעטישע הענט. ס'איז פאָרגעקומען אַ קאַמף צווישן זיי ביידן, דער מענטש האָט

זיך אָפּגעשלאָגן, נאָכדעם האָט ער זיך געלאָזט שלעפּן ביז צו די פיס פון אַן אָפיציר, ער האָט געבעטן רחמים, געשאָטן ברכות, געשווירן מיטן פּראָפעט, מיטן קאָפּ פון זיינע קינדער, מיטן קאָפּ פונם אָפיציר. אַז ער איז אומשולדיק. ער האָט גע-וויינט און געבעטן מחילה.

אָבער מיט אַ געשיקטער באַוועגונג, האָט אים דער נע-גער פּאַרדרייט די הענט אויפן רוקן, זיי צונויפגעבונדן, אים אויך צונויפגעבונדן די פיס, אויסגעצויגן אים מיטן פּנים צו דער ערד, שלאָגנדיק דערביי.

זיינע געשרייען האָבן פּאַרטויבט. אויפגערעגט פון אַזאַ מין סקאַנדאַל, האָט דער אָפיציר זיך געוואָרפן אויף אים און אים געטרייסלט ווי אַ פּעקל, האַלטנדיק אים אין איין זידלען...

דאָסדאָזיקע בילד האָט זיך איינגעקריצט אין מיין מוח, ווי אויף שטאָל. איך האָב אָנגעשטרענגט מיין ראיה מיטן גאַנצן כּוח פון מיין ווילן. איך האָב געוואָלט זען אַלץ; איך האָב נישט געוואָלט פאַרלירן קיין שום באַוועגונג, קיין שום פּרט. איך האָב געוואָלט דאָסדאָזיקע בילד זאָל אויף דיר לאָזן דעם איינדרוק, ווי ס'לאָזט אַ באַבלעטערטער בוים באַגאָסן מיט זונען-שטראַלן און באַשאָטן מיט פייגעלעך. איך האָב געוואָלט וואָס מער איינדרוקן. איך האָב צונויפגעדריקט מיין האַרץ, וואָס האָט געוואָלט שרייען... און איך האָב זיך נישט געלאָזט באַהערשן דורך דער אָוונט-העלקייט, וואו ס'ווערט, לויט ווי מען זאָגט, פאַרשוונדן דער גאַנצער געדאַנק פון שלעכטס און וואו מען קען נאָר טראַכטן פון אומענדלעכער גוטסקייט...

דער נעגער האָט זיך איינגעבויגן איבערן מענטשן, אים פאַנאַנדערגעבונדן אַרום די לענדן די שטריקלעך פון זיינע הויזן, אַראָפּגעלאָזט זיי און אַנטבלויזט דעם קערפּער ביז צו די קני... מיט צונויפגעדריקטע קינבאַקן, האָט דער אָפיציר אַוועקגעשטעלט זיין פוס אויפן רוקן פונם פאַרשולדיקטן, דאָרט וווּ דער קנופּ פון שטריק האָט צונויפגעצויגן זיינע הענט, כּדי ער זאָל ליגן רויק. ער האָט געגעבן אַ טרוקענעם באַפעל און געציילט אין אַראַביש איינס, צוויי, דריי א. ז. וו... דער נעגער

האָט געשמיסן מיטן קאַנטשוק, וואָס האָט געפּייפט אינדערלופטן. דער מענטש האָט געריטשעט, געגראָבן דעם זאַמד מיטן גאַנצן גוף, געביסן דעם זאַמד מיט אַלע ציין, אָנגעשטאָפּט זיך אַ פולן מויל, געקייט דעם זאַמד, וואַרפנדיק זיך אין יסורים, גלייך ער וואָלט עמיצן גערופן צו הילף פון די ערד-טיפענישן. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז ס׳איז אַ גוסטדיקע חיה, וואָס איינער דערהרגעט. נאָכדעם איז די טרויעריקע שטים געוואָרן הייזעריק, פאַרשטיקט.

דער נעגער האָט פאָרטגעזעצט זיינע באַוועגונגען און דער אָפּיציר האָט כּסדר געציילט מיט זיין פאָנפעדיקער שטימע. די שמייסעריי פונם קאַנטשוק האָט אַרויסגערופן אויפן האָריזאָנט אנדערע ענלעכע שמייסערייען, וועלכע האָבן זיך געמערט און אָנגעפילט דעם מדבר.

ווען דער פופציקסטער שמיץ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן אומבאַוועגלעכן מענטשן, האָט זיך דער אָפּיציר אויפגעכאַפּט פון זיין הענקערישער אַרבעט, באַשפּריצט מיטן בלוט, וואָס האָט געפלאָסן אין לאַנגע שורות איבער זיינע היפטן. אַ סאַדיסטישע פרייד האָט געלויכטן אין זיינע אויגן... מיט גאַווה און חוצפּה האָט ער דעם געשמיסענעם באַוויזן פאַר אַלעמען, אַלס מוסטער... ער האָט אויסגעפילט זיין חוב פון אַ באַדינער פון זיין מאַיעסטעטישער בריטאַניע.

צוויי אַרבעטער האָבן אָנגעכאַפּט דעם קערפּער, באַפרייט פון די שטריק און אַוועקגעטראָגן אים אין אַ געצעלט, אַ פאַרחלושטן, דאָס פּנים באַדעקט מיט זאַמד, די אויגן אַרויסגעקראָכן, דאָס מויל צעדרייט, ווו ס׳האָט געהאָנגען פאַרבלוטיקטע שפּייעכץ.

מען האָט פאַנאַנדערגעטיילט די פּאָרציעס. די אָפּטיילונגען האָבן זיך צעשאָטן. דאָסדאָזיקע שטראָף-בילד האָט אויף זיי נישט געמאַכט קיין רושם. ס׳איז געווען אַ טעגלעכע דערשיינונג, און צוויש֗ן זיי זענען געווען זייער ווייניק מענטשן, וועלכע האָבן נישט געטראָגן די צייכנס פונם קאַנטשוק.

דער אָפּיציר, בייסנדיק כּסדר זיין וואָנסע און קלאַפּנדיק מיט דער שפּיצרוטע איבער זיינע ברוינע באָטפאָרטן, גלייכגילטיק

און געבויגן, איז אַוועק אינם „מעס", כדי זיך דאָרט הייסן דערלאַנגען „וויסקי מיט סאָדע" ון, כדי זיך אויסצוציען אויפן וויגשטול.

XIX

משה האָט זיך געבייזערט אויף דער אומטעטיקייט און אומעט, אין וועלכער מיר געפינען זיך דאָ, בעת די ענגלישע און די אויסטראַלישע באַטאַליאָנען רוקן זיך מיט נצחון פאָרויס. די קאַלעריי פון האַרמאַטן, וואָס הילכט אָפּ פונם ים־זייט, פאַרפאָלגט אים, מאַכט אים אומגעדולדיק. ער כאַפּט התפּעלות, זעענדיק ווי אַן אַעראָפּלאַן שוועבט אונטערן בלויען הימל. זיין ברען שטופּט אים און ער קען זיך קוים איינהאַלטן. ער שרייט צו יעדערן, וועלכער וויל אים אויסהאָרכן, אַז ער וועט אַנטלויפן צו דער הויפּט־אַרמיי, אויב מען וועט אונדז נישט שיקן אויפן פראָנט. דאָ נישט לאַנג האָט ער אונדז איינגערעדט — אונטערצוחתמענען אַ פּאַפּיר מיט אַ ביטע צום פּולקאָווניק, מען זאָל אונדז לאָזן נעמען אָנטייל אין דער פּאַלעסטינער אָפּעראַציעס. דאָסדאָזיקע פּאַפּיר איז קיינמאָל נישט דערגאַנגען צו די הויכע מקומות און האָט נאָר גורם געווען, אַז ביי אַלע אונטערגעשריבענע האָט מען אַראָפּגענומען אַ טאָג געהאַלט.

— „דאָס קומט דעם יידישן באַטאַליאָן דער כבוד, ער זאָל דער ערשטער אַרויסהענגען די פאָן אויף די ווענט פון דער הייליקער שטאָט, און די קינדער פון ציון דאַרפן די ערשטע אויסראָטן די אומגלויביקע, וועלכע האָבן חרוב געמאַכט די ערד פון אונדזערע אבות! ס'איז אַ חרפּה און אַ שאַנד צו זיצן דאָ מיט פאַרלייגטע הענט און וואַרטן!... וואַרטן? בלוט דאַרף זיך גיסן, כדי דער בית־המקדש זאָל אויפגעבויט ווערן און זיך דערהייבן ביז צום הימל. די הערצער פון די יינגעלייט דאַרפן אָנגעקוואָלן ווערן מיט נקמה און פאַרהאַרטעוועט פון שנאה, כדי מאַכן, דער שונא זאָל לויפן, ווי וואָלקנס ביי אַ געוויטער. שטאַרבן איז אַ קלייניקייט!... שטאַרבן פאַר

פּאַלעסטינע איז דער גרעסטער כּבוד! אָבער בראָטן זיך אויף דער זון, טראָגן גלאַצנדיקע קנעפּ אויפן מונדיר, וואַרטן יעדן טאָג אויפן עסן, מאַכן איבונגען און די איבעריקע צייט פונם טאָג ליגן אויסגעצויגן אויפן זאַמד און אין געצעלט, צי איז עס דאָס, וואָס מען האָט אונדז צוגעזאָגט, בשעת מען האָט אונדז געגעבן אַ שבועה?... אַ חרפה און אַ שאַנד פאַר אונדז״!

און באמת, דערדאָזיקער לאַנגער אויפהאַלט אינם מדבר האָט נישט קיין שום אויסטייטשונג. דער יידישער באַטאַליאָן, וועלכער איז גוט אויסגעאיבט און האַלט זיך גוט, האָט שוין לאַנג געדאַרפט באַווייזן וואָס ער קען. דער נאָמען וואָס ער טראָגט האָט אים שוין לאַנג געדאַרפט אַוועקשטעלן אין דער ערשטער ליניע. מען האָט געקענט גוט אויסנוצן דעם גייסט פונם יידישן העראָיזם, מיט וועלכן מען האָט פאַרשיכּורט די־דאָזיקע יוגנט. משה איז אַ באַגייסטערטער טיפּ. ער באַזיצט די אומזיניקע התלהבות, וואָס שטופּט אין פייער און אין וואַסער.

זיין היציקע נשמה שפּרינגט אין אים. ער האָט פיינט בתכלית השנאה די שטילקייט פונם מדבר, וואָס פאַרטרייבט די ענערגיע און באַוועגט דעם מענטשן צו טרוימען. צוליב דער־דאָזיקער סיבה פאַרלאָזט ער מסתם נישט זיין געצעלט. ער האָט, קענטיק, זיין געצעלט פאַרוואַנדלט אין אַ תפיסה און דאָרט אַרעסטירט זיין צעבונטעוועטע נאַטור. אַפילו אָוונטצייט, בעת די שאַטנס ברענגען מיט זיך צוטראָגן אַ בלויע פרישקייט, און דער ווייכער ווינט בלאָזט אין פנים, זעט מען אים זיצן ביי אַ ליכט און בלעטערן די ביבל, דעם שטערן געקנייטשט און די פויסטן צונויפגעדריקט. אָבער אָפטמאָל דאַכט זיך, אַז ער האָט עפּעס אַ שליחות צו דערפילן. דעמאָלט דערקענט מען אים נישט. ער איז דעמאָלט אונטער דער מאַכט פון זיין אינערלעכן דעמאָן, וועלכער צווינגט אים צו זיין טעטיק.

פון גרופּע צו גרופּע, פון געצעלט צו געצעלט, גייט ער אַרום און פאַרשפּרייט ווידערשפּעניקע ווערטער...

זיינע ווערטער טראָגן זיך, ווי אַ פייער איבער טרוקענע קוסטעס. מיט אומבאַשטימטע באַוועגונגען רופט ער אַרויס

איינעם פון די אַלטע נביאים. און באמת, ער באַהערשט אונדז אַלעמען. מען פילט זיך באַזיגט פון דעמדאָזיקן כוח. ער גרייפט אָן די וואַקלענדיקע, די שלעכטע שעפסן און די אָנפירער, וועלכע ווילן נישט אַראָפּנעמען די געצעלטן און זיך לאָזן אין וועג אַריין.

אָבער איך בין שוין מער נישט זיין געהאָרכזאַמער תלמיד. אַ ספק האָט זיך שוין פון לאַנג אַריינגעגנבעט אין מיינע געדאַנקען און גראָבט אונטער די גאַנצע אינערלעכע קראַפט, וועלכע האָט מיך זינט עטלעכע טעג פאַרוואַנדלט אין אַ פאַנאַטיקער. ס׳איז מיר אַריין אַ געדאַנק אין קאָפּ צו דערגיין, ווער ס׳איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דערדאָזיקער שחיטה, און הגם ס׳פעלן מיר פרטים און דאָקומענטן, דאָך אַנטדעקט מיין אינטואיציע דעם טיפן, פעסטן אמת, וואָס זי שעפּט אין די קוואַלן פון מיין וועזן, — מיין איינציקער פירער.

זינט עטלעכע טעג פילט משה, אַז איך דריי זיך אַרויס פון זיין איינפלוס און אַז איך דערשטיק דעם אויפברויז, וואָס ער האָט אין מיר געוואָלט דערוועקן, כדי מיין גייסט זאָל צוגרייטן די פירות פון דער צוקונפט. ער מיידט מיך אויס און עטלעכע מאָל האָט ער מיר אַרויסגעוויזן אַ געוויסע שנאה. די אויפלייזונג איז געוועזן אַ שנעלע. נישט געקוקט אויף די זעלטענע אָוונטן, וואָס מיר האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט אויף דער שוועל פון מיין געצעלט. אונדזערע געדאַנקען גייען זיך פאַנאַנדער, איך האָב אים אויסגעמיטן. ער האָט געמאַכט עטלעכע פרוּוון מיך ווידער צו געווינען, אָבער ס׳איז אים נישט געלונגען און זיין שנאה צו מיר האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט. דידאָזיקע זעלנערשע נשמה, וואָס לעכצט נאָך רציחה, דידאָזיקע נשמה, פאַר וועמען די מלחמה איז אַן אַקט פון אמונה, האָט זיך אין מיר אַנטפּלעקט מיט איר גאַנצן שוידער. און איך האָב זיך געשטעלט די שאלה, וויאַזוי איך האָב זיך מיט דעם מענטשן איין רגע געקענט באַהעפטן אין אַלגעמיינער התלהבות, און אין אַלגעמיינעם אידעאַל. איצט, אַז איך האָב צעפליקט דעם שלייער און פאַרשטאַנען די פינסטערע קאָמעדיע, מעג שוין משה, וויפל ער

וויל, צעשאַרן מיין אינעווייניקסטן פייער, וואָס וועקט אויף מיינע חיהשע אינסטינקטן, ער מעג שוין אַפּעלירן צו מיינע ריינסטע סענטימענטן, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט די ערינערונגען פון מיין זיידן — ס׳וועט אים גאָרנישט העלפן, ער וועט מער קיין צוטריט נישט האָבן צו מיין האַרץ. אָבער איך זע דעם חוזק אין די ווינקלען פון זיינע דינע ליפּן. פון אונדז ביידן, צי וועט ער נישט זיין דער שטאַרקערער? צי וועל איך נישט דאַרפן פאָלגן, ווען מען וועט מיר הייסן, גיין הרגענען? און איך וועל הרגענען, ריזיקירנדיק, מ׳זאָל מיך נישט הרגענען. דער אינסטינקט פון לעבן וועט זיגן: איך וועל זיך פאַרטיידיקן. קיין אַנדער אויסוועג. איך בין פאַרשפּאַרט אין אַן אייזערנעם ראָד, וואָס דריקט מיר דעם רוקן. דער באַטאַליאָן וועט דירן פון אָרט, און איך וועל מוזן גיין ווי אַ לעמעלע. מען וועט אונדז אַריינוואַרפן אין אַן אָקאָפּ. צי איך וועל זיין דרייסט אָדער אַ פּחדן, וועל איך מוזן טרייבן פון זיך דעם העסלעכן פּנים פונם טויט, ווייל איך וויל לעבן...

XX

על־אַריש ציט זיך אויף זאַמדן און האָט אַ זאַמד־קאָליר. זיין מינאַרעט בלאַנקט פון דערווייטנס. קרומע פייגנביימער, וועמענס בלעטער הייבן זיך איצט אָן פאַנאַנדערצולאָזן, רינגלען אים אַרום פון אַלע זייטן. אַן אָאַזיס. אַ סטאַנציע. שאָטנס, לעבן אַ קוואַל וואַסער. דאָס אויג, אָפּגעמאַטערט פון דער אומענדלעכער איינטאָניקייט, פעסטיקט זיך צו צו די גרינסן, צום וואַסער און פרייט זיך מיט די עטלעכע שטיקלעך ערד, וואָס דער בעדואינער האָט באַוויזן צו באַאַרבעטן. ווייט, אויפן האָריזאָנט ציען זיך בערג, בייגן זיך, שלענגלען זיך און כוואַליען זיך מיט ראָזאָווע קאָלירן. אָפּגעמאַטערטקייט! שטילקייט! דער דאָרף איז כמעט פוסט. עטלעכע פרויען קומען שעפּן וואַסער. אַ בייזער הונט לויפט פאַרביי, דעם עק צווישן די פיס, די צונג אַרויסגעשטעקט. די פעסטונג, צעשטערט פון דער באָמבאַרדירונג,

איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קליינע שטיינערנע חורבה, ווע־מענס שאָטן האָט געשאַפן אַ לאַנגע בלויע לוזשע, ווו ס'איז אָנגענעם צו שלאָפן. שטימען! אַן ענגלישער פּאַטרול! אַ מוטד־זין! דער גאַנצער אָריענט ווערט אויפגעוועקט פון די קולות, וואָס טראָגן זיך אונטערן בלויען הימל. דער געזאַנג פאַרשפרייט זיך. שטילקייט! די פערזן ציען זיך אין מיר זייער לאַנגזאַם. די אויגן ווערן צוגעמאַכט און דער טרוים בליט זיך פאַנאַנדער..."

XXI

אין די סביבות פונם „וואַדי", אויף די זאַמד־בערג, דער־הייבן זיך די פאַרטיידיקונגען פון על־אַריש... אויסטערלישע אונטערערדישע דערפער, געבויט פון זעק אָנגעפּאַקט מיט ערד, אָנגעלייגט אויף איינאַנדער, וועלכע בויגן זיך און דרייען זיך. זיי זענען אַרומגעצוימט מיט שטעכעדיקע דראָטן... זיי זענען אַלע פאַרשאָטן, אָבער דאָס וואָס דאָרט איז נאָך דאָ, ווייזט אַרויס, וויפל געדולד, אויסגעהאַלטנקייט, איינפאַלן די ענגלישע אַרמיי האָט געדאַרפט האָבן, כדי עס אַלץ אויפצובויען.

וואָס ווייטער אויף די שלאַכט־פעלדער, אַלץ מער באַ־געגנט מען שטחים פון אַלטע לאַגערס, קרייזן האַרטע ערד, וואָס די געצעלטן לאָזן נאָך זיך, פּוסטע קעסטלעך פון קאָנסערוון, מיליטערישע קיכן פון ציגל און סמאָלע־פּאַפּיר, אַמוניציע־דע־פּאָען, אַרטילערישע פּלאַטפאָרמען געמאַכט פון זעק מיט זאַמד, באַגאָסן מיט וואַסער און געטריקנט אויף דער זון, באַלקנס, לאָמען, לאָפּעטעס, באַראַקן... אויף דעם אַלעם שיקט די זון אירע ברענענדיקע פלאַמען, און דער ים וויגט איין דידאָזיקע טויטע שפּורן.

XXII

מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אָרעמע מאָגערע לאַנד־שאַפטן, נאָך אַ לאַנגן מאַרש צווישן טרוקנקייט און היץ, וואָס

באַפלעקט דעם זאַמד מיט שאָטנס. איך בין אַנטציקט געוואָרן פון די גראָזן און די עטערישע בלומען, וואָס דער ווינט האָט דאָ צופעליק אָנגעטריבן... אַ ווייסער פייגנבוים אָן בלעטער, לעבן וועלכן ס'וואַקסן בערגלעך גראָזן און ס'קריכן אַרום מחנות מוראַשקעס. אַ דינער שלאַנקער טייטלבוים ציט זיך אינדער־לופטן אין דער פאָרם פון אַן אַמאָליקער קאָלאָנע, און זיין שאָטן שלאָגט זיך אַזוי דייטלעך אָפּ אויפן זאַמד, פונקט ווי מען האָט אים געצייכנט מיט אַ בלייפעדער. אָט זענען ווינקלען, ווו ס'שפּראָצן צאַרטע גראָזן פון ערד־קאָליר און ווו ס'וואַרפט זיך צייטנווייז אַדורך אַ מאַרגאַריטקעלע אָדער אַן אַנעמאָנע... זאַמד־בערג מיט אַלאָען־קוסטעס אינדערהויך, וועלכע פאַרייניקן זיך האַרמאָניש אין האַלדזבענדער... צווישן צוויי בערג זעט מען שטיקער פון מיטלענדישן ים, וואָס שפּיגלען זיך אינם ליכט פון אויפגייענדיקן פרימאָרגן.

XXIII

ריטמיש לאָזן זיי זיך אַראָפּ פון דאָרף אין דער ריכטונג צום טייטלבוים־וואַלד, מיט די קריג אויף די קעפּ. זיי גייען איינע נאָך דער צווייטער, מאַכנדיק אַזעלכע שיינע באַוועגונגען מיט די אָרעמס און די היפטן, אַז ס'דאַכט זיך, זיי זענען אויסגעשטודירט און דאָס איז אַ פּרעלודיע צו אַ טאַנץ... די פלאַמען רינגלען זיי אַרום און גיבן זיי שאָטן. זיי שטעלן זיך אָפּ פאַרן וואַסערהאַלטער און שעפּן דאָס וואַסער מיט אַ „שאַדוף". אַ ביבליש בילד. ווי נאָר אַ מאַנסביל גייט פאַרביי, פאַרשלייערן זיי זיך אויף אַ העלפט דאָס פּנים, און זייערע געלעכטערס קלינגען דייטלעך און שטיפעריש. זייערע קערפּער, וועלכע גיבן דעם איינדרוק, אַז זיי זענען עלאַסטיש און שיין אונטער דעם בלויען העמד, בייגן זיך און גלייכן זיך אויס מיט אַ מין תאווה.

זיי גייען צוריק מיט פאַרנעצטע פיס, און טראָגן זיך דורך צווישן די טייטלביימער. זיי קוקן אויס סודותפול אונטער

דער משה פון זייער קריג. זיי דרייען זיך אין די לענדן, און די שוואַרצע שלייערס, וואָס פאַרבאָרגן זייערע צעפּ, לאָזן זיך אַראָפּ ביז צום זאַמד, אָדער שלעפּן זיך נאָך זיי. דער דורכגאַנג פון די פרויען אין דערדאָזיקער איינזאַמקייט האָט מיך אָפּגעשוואַכט.

XXIV

אין די אָפּגעזונדערטסטע ערטער, פונם טייטלבוים־וועלדל, דאָרט ווו די אָקאָפּעס האָבן אויפגעהויבן, צעגראָבן, צעהאַקט די ערד, אַרויסשטעלנדיק נאַקעט די וואָרצלען פון די טייטלביימער, וועלכע האָבן אויסגעקוקט ווי קוטשמעס האָר, האָבן די ביימער גוט געקענט די שפּילן פון אונדזערע קערפּער און די ווערטער פון אונדזער תּאווה... דאָס אָרט איז געלעגן ווייט פון סטעזשקעס, וועלכע האָבן געפירט אינמיטן וואַלד, און די פּאַלמען זענען געווען אַזוי צונויפגעפלאָנטערט, אַז קיינער האָט נישט געקענט וויסן פון אונדזער אָנוועזנהייט. אונדזער אָרט האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ לייכטער כאַטקע, וואָס האַלט זיך אינדערלופטן, פונוואַנען מען זעט אַן אָוונטהימל מיט וואָלקנס, וואָס גליטשן זיך דאָרט און ווערן צעשמאָלצן. די שטאַמען פון די ביימער, האָבן דאָרט נישט דערגרייכט זייער פולער הויך, דעריבער האָבן די אַראָפּגעלאָזטע צווייגן געלעגן אויפן זאַמד. ליכטיקע שטראַלן האָבן זיך געשפּילט אויף די אָפּגעליאַקירטע בלעטער. טירקלטויבן האָבן דאָרט געוווינט, ווי אין אַ הייליקן טעמפּל. זייערע אויגן האָבן געהאַט די קאָליר פון מיין געליבטער; זייערע קאָראַלענע פּיסלעך זענען געווען ענלעך צו אירע ליפּן, זייער ליידנשאַפטלעכע וואָרקערייען האָבן אימיטירט די פולקייט פון איר שטימע.

אונדזער ליבע איז געווען פאַרבונדן מיט סכנה, וואָס האָט געלויערט אַרום אונדז, אַ סכנה צו ווערן איבעראַשט פון זעלנער, וואָס האָבן אַרומגעבלאָנקעט סתם אין דער וועלט אַריין, זוכנדיק פרויען־לייב און נישט קענענדיק עס געפינען,

אַ סכנה, אַז עפּעס אַ פּאַסטוך זאָל צופעליק נישט אַריינפאַלן אין אונדזער מקום-מקלט. מיר האָבן אויפגעכאַפּט יעדן שאָרך צווישן די פּאַלמען, וואָס אַ שרך האָט ארויסגערופן, אַ פויגל. מיר האָבן זיך צוגעהאָרכט צו די ווייטע שטימען, וועלכע האָבן זיך דערנענטערט... קוים איז שטיל געוואָרן, האָבן מיר זיך תיכף ווידער איבערגעגעבן דער איינזויגונג פון די שעהן, נישט באַמערקנדיק די אַש, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט.

דידאָזיקע בעדואינערין איז פאַר מיר געווען אַן איבער־געלעבטע אָריענט־דערציילונג, ראָמאַנטישע פּאָעזיע, וואָס איז געווען איינגעשלאָפן אין מיר. קענען מיין אייגענעם ווילן. איך בין געווען פאַרזונקען אין שטענדיקער התלהבות, איך בין אַריין אין אַ נייער יוגנט, וואָס מען באַקומט אַ דאַנק דעם אומבאַזיגטן כוח צו ווערן געליבט... קיינמאָל בין איך נישט געווען אַזוי באַהערשט פון דער תאווה. קיינמאָל האָט מיך אַזוי נישט געצויגן צו ליבע. איך האָב געפילט אַ פייער אין מיין בלוט, נישט פאַרטראַכנדיק זיך אַפילו, אַז דאָס איז אַ פלאַם, וואָס ווערט שנעל אויסגעלאָשן. האָבנדיק אַ שטאַרקן כוח-הדמיון, פליִג איך זיך אַריבערטראָגן אין פאַרשידענע דורות, וואָס איך האָב געליבט און ס'פלעגט זיך מיר דאַכטן, אַז איך לעב אין זיי, נישט געקוקט דערויף, וואָס איך פלעג זיך תמיד באַמיען צו דערשטיקן אין זיך דידאָזיקע פאַנטאַזיעס. אויך איצט האָב איך איבערגעלעבט אַ מין דאָפּלט לעבן. אויך איצט האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך בין דאָ אַ בעדואינער, דאָ אַ קאַליף, אַ מאַגיקער, אָדער גאָר אַן אייגנטימער פון לאַנגע קאַראַוואַנען.

איך האָב צו איר נישט געשפּירט דידאָזיקע צאַרטקייט און דידאָזיקע באַגייסטערטע ליבע, ווען דאָס האַרץ באַהערשט די געפילן, ווען מען ווערט פאַרזונקען אין אַן אומענדלעכן געפיל פון דאַנקבאַרקייט בלויז דערפאַר, ווייל די געליבטע גע־פינט זיך לעבן אייך... איך האָב זיך ליידנשאַפטלעך צוגעכאַפּט צום דאָזיקן ליב, גלייך איך וואָלט געוואָלט אַרויסבאַקומען אומבאַקאַנטע געפילן, ווי דער אָפּיום-רויכערער ביים רויכערן זיין ליולקע. זי האָט בכלל נישט געוווסט פון קיין שום

סענטימענטאַלע קאָמבינאַציעס: קאָקעטעריע, העפלעכקייטן, פוילע פּאָזן און פאַרשידענע אַנדערע ראַפינירטע מאַנירן. זי האָט בלויז געוווּסט פון אָפּגעבן זיך. זי האָט זיך נישט פאַרשטאַנען אויף די פאַרשידענע קונצן, וואָס דער זכר מאַכט בעת מעשה, כּדי נושא חן זיין ביי דער פרוי, אָדער כּדי איר צובּוזיגן. זי האָט זיך אָפּגעגעבן מיט איר פּרימיטיוון אינסטינקט, פאָדערנדיק תּיכּף די לעצטע צערטלעכקייטן. ווען זי האָט מיך געזען בלאַס ווערנדיק און איינגעבויגן איבער איר, מיט אַ ציטער אויף די ליפּן, האָט זי איבערגעמאָסטן דעם כּוח, וואָס פאַרבינדט מיך מיט איר און מיך פאַרוואַנדלט אין אירן אַ שקלאַף... זי האָב ליב געהאַט דידאָזיקע ברוטאַליטעט; זי האָט אויך געוואָלט ווערן פוילשטענדיק באַהערשט און פילן אויף איר לייב דעם כּוח פונם מאַנסביל.

נישט געקוקט אויף אירע יונגע יאָרן האָט זי גוט געקענט די תּורה פון ליבן. זי האָט געוווּסט וויאַזוי, דורך אַ שמייכל פון אירע אויגן און דורך אַ דריי מיט אירע ליפּן, אַרויסרופן מיין תּאווה צו איר...

איך פלעג פאַרשיכּורן מיינע געפילן און מיין גייסט מיט דעמדאָזיקן שטאַרקן וויין, אָן חרטה, אָן דאגה, מיט אַ געזונטער חיהשער פרייד. מלחמה... מענטשן... וואָסער ווערט האָט עס אַלץ, בעת איך האָב זיך געפונען אין די אָרעמס פונם דאָזיקן קינד, וואָס האָט זיך ווי אַ שלאַנג געדרייט אַרום מיין קערפּער און מיט דער גאַנצער תּאווה, אַן אָפּגעשוואַכטן, מיך אַ וואָרף געטאָן אויף די זאַמדן, כּדי אָפּצוקילן מיין צעהיצט בלוט.

XXV

זיי ציען זיך איינער נאָכן צווייטן, טראָגנדיק אויפן רוקן אָדער אויפן אַקסל אַ קאָרב אָנגעפּילט מיט זאַמד, שווער ווי אַ בלייערנער קלאָץ. טייכן שוויס גיסט זיך פון זייערע גלידער, קנייטשט זייערע גרויע פּנימער, ברענט זייערע אויגן. זיי זענען

איינע אַליין אויף דער ברענענדיקער זון, וואָס מאַטערט זיי. זייערע שאָטנס גייען נאָך נאָך זיי, ווי הינט. מען לאָזט זיך נישט אָפּרוען. אַ קאָרב נאָך אַ קאָרב ווערט אַריינגעשאָטן אין די וואַגאָנעס. קליינע טאָלן רינגלען זיי אַרום און באַהעפטן זיך מיטן האָריזאָנט, וואָס טרייסלט זיך. זיי האָבן אַראָפּגערוקט די העמדער ביז צו די טאַליעס, אַרויסווייזנדיק זייערע קרעפּטיקע בראָנזענע ברוסטן, וואָס גלאַנצן ווי אָנגעשמירט מיט בוימל. זייערע נערוועזע און מאָגערע פיס זענען אָנגעצויגן פון אָנשטרענגונג און פון דער משא. אַ פלעצלעכער ווינטל טוט צייטנווייז אַ בלאָז אויף זיי, און זיי דרייען אויס מיט תאווה זייערע נעזער אין דער ריכטונג צום ים.

פון באַגינען – בעת דער זאַמד איז נאָך לעבלעך און די קעלט מאַכט קריצן די ציין — ביז טיף אינאָוונט, מאַטערן זיי זיך און ווערן אויסגעריסן ביי די זאַמד-בערג. די קאַפּראַלן זענען זיי מכבד מיט שטעקנס בעת דער אַרבעט, פּונקט ווי זיי אַליין באַגייען זיך מיט זייערע אָקסן אויף די פעלדער.

זיי שווייגן, זיי גיבן זיך אונטער. קיין שום שפּור פון ווידערשטאַנד אויף זייערע פּנימער און אין זייערע הערצער. מען באַשיט זיי מיט קללות, מיט ציגישע קללות, וואָס מען באַגעגנט נישט אויף קיין שום אַנדער שפּראַך, פּילשטאָקיקע, ראַפינירטע, גנבישע, וועלכע גייען ביי זיי ווי אויף שרויפן. זיי ענטפערן נישט. באַקלאָגן זיך? געבן אַ ווידערשטאַנד? זיי ווייסן גאַנץ גוט, אַז דאָס אַלץ שמעקט מיט שטעקן. אַ געוויסע צאָל אַנטלויפט, פאַרייניקט זיך מיט אַ באַנדע בעדואינער, אָבער נאָך עטלעכע וואָכן פון וואַנדער-לעבן קומען זיי צוריק, אויסגעהונגערטע, אַרומגעריסענע און דעמאָלט שמייסט מען זיי אין די אויגן פון דער גאַנצער קאָמפּאַניע. אַנדערע אַנטלויפן בייי־נאַכט קיין קאַנטאַרע, פאַלן צו די פיס פון זייער פּולקאָווניק, בעטנדיק אים, ער זאָל זיי אָפּשיקן אין זייער דאָרף אַריין. מען זאַמלט אויף די מענטשן, מען מאַכט אויספאָרשונגען. די פאַראַנטוואָרטלעכע באַקומען, ענדלעך, פאָרווורפן ביי פאַרמאַכטע

טירן און די אָנקלאָגערס שיקט מען אַוועק אין תּפיסה, אין דער קאַטעגאָריע „צוואַנגס אַרבעט".

די זאַמד-בערג שיטן זיך, גלייך ווי טויזנטער מייז וואָלטן זיי געגריזשעט. און תּמיד די זעלבע קערב, וועלכע מען פּילט אָן און מען ליידיקט אויס! זיי זינגען. זיי פאַרבאַהאַלטן זיך אין זייערע לידער, ווי אין אַ זיכערער ווינקל, אין דידאָזיקע ווערטער און אין דידאָזיקע נאָטן באַפרייט זיך זייער נשמה, ווייל אַהין וועט קיינער צו זיי נישט צוקומען. דאָרט זענען זיי די בעלעבאַטים. זייערע פּנימער שמייכלען און אפשר פילן זיי דעמאָלט ווייניקער זייער קנעכטשאַפט און די ביילן אויף זייערע קערפּער. דער טאָן-געבער, וואָס פאַרנעמט אַ פּריווילעגירט אָרט, היות ער דאַרף בלויז זינגען, כּדי צוציען די מענטשן צו דער אַרבעט, דערמאָנט זיי זייער לאַנד, זייער היים און די מתיקות פון צוריקקערן זיך, און זיי אַלע ענטפערן מיטן באַקאַנטן טרויעריקן, האַרצרייסנדיקן רעפרען: „קאַם-ליילאַ", „קאַם-יאַם"...

אַ הילכיקער פייף קלינגט אינדערלופטן. מען שליידערט אַוועק אין אומאָרדנונג לאָפּעטעס, לאָמען, קערב. מען אַנטלויפט פון די רייען מיט גרויס פרייד, פּונקט ווי ס'וואָלט געקומען די ישועה. מען פאָרעט זיך, מען מאַכט געוואַלדן... ווי תּלמידים, וואָס גייען אַרויס פון קלאַס! די פינף און צוואַנציק וואַגאָנעס, וואָס זיי האָבן אָנגעלאָדן, שטייען דאָ, און מיט זייערע פאַר-קיילעכדיקע הויקערס זענען זיי ענלעך צו קליינע זאַמד-בערג-לעך, וואָס ציען זיך נאָך איינאַנדער. מען דאַרף זיי נאָך אויס-לאָדן דאָרטן, לענגאויס דער אייזנבאַן-ליניע, כּדי ס'זאָל געשאַפן ווערן אַ וואַל. אָבער ס'איז די לעצטע רייע, און נאָכדעם, איז די אָפּרו, דאָס גליק, וואָס וועט אַריינפליסן אין זייערע מוסקולן, די שוואַרץ-קונסט פון דער נאַכט און די שמועסן צווישן די לאַנדסלייט! זיי וועלן זיך נעמען צום אויסגעדאַרטן ברויט, וואָס קוקט אויס ווי ליים און אים ווייקן אין דער געדיכטער-זופּ.

אַ צווייטער פייף. זיי טוען זיך אַ לאָז צו די וואַגאָנעס

מיט דער שנעלקייט און געשיקטקייט פון אַקראָבאַטן. דער צוג רירט פאַוואָליע. דער טאָג פאַרגייט. דאָס זאַמד האָט פאַרלוירן זיינע פאַרבלענדנדיקע אָפּשפּיגלונגען. די זאַמד-בערג האָבן געלע שאָטנס אין זייערע פאַרטיפענישן. פלוצלונג וואַקסט אויס דער שימערינדיקער ים. דער ברעג, העלער ווי דער מדבר, איז באַזוימט מיט אַ ווייסן שום. אַ טרוקן ווינטל פרישט אָפּ זייערע נשמות. זיי דרייען אַלע אויס די קעפּ צו די כוואַליעס. דער ים מאַכט דעם איינדרוק פון אַ מעכטיקע פאַרזעעניש. זיי פילן זיך שלעכט ביי זיין גערויש, אויפן פאָן פון דער אומענדלעכער סודותדיקייט. די אייזנבאַן-ליניע ציט זיך העט ווייט איבערן ברעג. זיי פאָרן אַריין אינעם טייטלבוים-וואַלד. דער צוג בלייבט שטיין, אַרומגערינגלט פון פאַלמען. זיי עפענען די וואַגאָנעס. דאָס זאַמד פליסט ווי העל געדיכט וואַסער און דער וואַל הייבט זיך. אָבער אָט באַהערשט די נאַכט דעם אָוונט. אויסגעמאַטערטע, מיט אויסגעטריקנטע העלדזער יאָגן זיי זיך אין לאַגער אַריין, זינגענדיק כסדר זייערע לידער.

XXVI

עס גייט פאַרביי אַ טאָג נאָך אַ טאָג, און זייער איינטאָניקייט לייגט זיך אין מיר ווי קלאָרע קוואַל-וואַסער, וווּ איך שפּיגל זיך שמייכלענדיק. איך וואָלט געוואָלט, מען זאָל אונדז נאָך לאַנג אָפּהאַלטן אויף דידאָזיקע זאַמד-בערג, לעבן די טייטלביימער און פייגנביימער, כדי ס'זאָל פאַרזשאַווערט ווערן דאָס געווער, וואָס מען האָט אונדז געגעבן, כדי די גאַנצע יוגנט, וואָס רייסט זיך מיט אומגעדולד צום טויט, זאָל ווערן געראַטעוועט. זאָל מען אונדז דאָ פאַרגעסן און ס'זאָל נישט קומען אַהער קיין שום באַפעל, כדי, ווי מיט אַ האַק, צעשטערן די מנוחה פון אַזויפיל לעבנס, וואָס זענען אַהער בלומרשט אַנטלאָפן, ווי פון אַן אוראַגאַן!

דאָך וועל איך נישט געבן קיין ביישפּיל פון אויפשטאַנד און נישט פון אַנטלויפן. איך וועל נישט אויספירן דעם

פאַרבאָרגענעם חשק פון מיין האַרץ. צוואָס? איך בין נישט קיין אַנטיפּאַטריאָט. איך שטיי העכער פון די אַלע ספּעקולאַציעס, וועלכע איך האָב תמיד אויסגעמיטן און תמיד פיינט געהאַט. איך זאָג בלויז, אַז דידאָזיקע מלחמה מיט אַלע אירע פּיטשעווקעס איז געוואָרן צוגעגרייט דורך אַ באַנדע מאַניאַקעס פון אַלע נאַציעס, כדי צו באַפרידיקן זייערע לוקסוס-תאוות, כדי צו שטילן זייער שנאה. איך זאָג, אַז אויסנוצן אונדזערע כּוחות און אונדזער פאַרערונג, וואָס מיר טראָגן אין זיך פאַר אַלץ וואָס אין שיין, כדי מיר זאָלן דערנאָך הרגענען איינער דעם צווייטן — איז אַ פאַרברעכן.

צעשטערן די הערשאַפט פון ליבע, ווייל בעצם זענען מיר עלנד און מיר נייטיקן זיך אין וואַרעמע צאַרטע הענט!... צעשטערן די הערשאַפט פון ליבע, ווייל די בליקן האָבן נישט געקוקט אַזוי קרום און נישט אַזוי בייז און ווייל מיר האָבן געפאָדערט, מען זאָל באַפרייען די מענטשלעכע וועגן!...

אַ ברענענדיקע עפּאָכע... מיר האָבן זיך אָנגעקוקט איבערן האָריזאָנט, כדי צו פאַרשטיין איינער דעם צווייטן און זיך דערנענטערן. יעדער איינער פון אונדז איז געשטאַנען מיט די פיס פעסט אויף דער ערד, וועלכע האָט אונדז געגעבן איר זאַפט און איר בלויקייט. מיר האָבן געקעמפט, כדי דער געדאַנק זאָל זיין אַלעמענס ברויט. און אָט דערשטיקן מיר דידאָזיקע אַלע דראָונגען, דידאָזיקע גרויסמוטיקייט, מיט אַזאַ מין צאָרן, פונקט ווי מיר וואָלטן זיך באַשטראָפט פאַר אונדזערע התלהבותדיקע הערצער.

אָבער צוואָס שרייב איך דאָס אַלץ? צי איז נישט אַ סך בעסער, איך זאָל מיט אַ שמייכל אויפנעמען מיין גורל און וואַרטן אויף דער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן? צי דאַרף איך נישט זיין צופרידן, וואָס איך בין דאָ? און צי בין איך נישט אַ גליקלעכער מענטש, היות מיין גייסט איז כמעט נישט אָפּגעמאַטערט אין דערדאָזיקער איינזאַמקייט און זייט ביי זייט מיט מיין נשמה האָב איך די איינגעדרעמלטע פאַרטראַכטע נשמה פון דער נאַטור?

דער מדבר וויקלט מיך אַרום מיט זיינע פלאַמענדיקע שעהן. בעת איך טראַכט, איינגעשלאָסן אין מיין געצעלט, פיל איך דאָס ליכט. איך גיב זיך איבער דעם טרוים. אָבער ניט געקוקט דערויף בין איך פאַרבליבן דער, וואָס צעראַיעט די בלעטער, יאָגט פייגל, דער פּאָעט, וואָס האָרכט טיף אין זיינע אייגענע געדאַנקען דעם געזאַנג פון סירענעס און באַטראַכט מיט אַ שמייכל די פּעפּס, וואָס טאַנצן אַרום אים... די געדאַנקען בילדן אַ קוואַל, וואָס שפייזט מיין לעבן, — דידאָזיקע אַלע בילדער פון דער וועלט. אַ רגע האָב איך געטראַכט, אַז דאָס אַלץ איז אויסגעטריקנט געוואָרן ווי האַרבסט-בלעטער, אַז קיינמאָל וועט שוין דער גייסטיקער וואַלד נישט רוישן. אָבער דאָס איז בלויז געווען אַ מין שטילשטאַנד. אויף דער שוועל פון מיין געצעלט שטרעקט מיר דאָס לעבן אויס זיין קינדעריש-אומשולדיק פּנים, זיין פּנים אָן קנייטשן. איך נעם אַריין מיין קאָפּ אין די הענט, און די פרישקייט פון די זאַמדן דרינגען אַריין אין מיר, ווי זאַפט. און אָן דעם מונדיר, אָן די שטעכעדיקע דראָטן, וואָס רינגלען אַרום דעם לאַגער, וואָלט איך געמיינט, אַז איך בין אין די אַמאָליקע שיינע צייטן, ווען מען האָט זיך געקענט פולשטענדיק אָפּגעבן דעם טרוים, אָן שום זאָרגן און דאגות.

XXVII

אַזיזאַ איז איר נאָמען. ווען זי האָט מיר דערפון צום ערשטן מאָל געגעבן צו וויסן, האָב איך געפילט ווי פייגעלעך זינגען אין מיין האַלדז. תמיד דערוועקט זיך אין מיר איר ערנסט פּנים, אירע שמייכלענדיקע אויגן, איר מויל און איר גאָמבע, ווי ס'איז אויסגעטאָטוירט אַ פויגל מיט צעשפּרייטע פליגלען, וועלכן איך ליב אַזוי שטאַרק...

ווען איך רוף זי, האָט מיין שטים דיזעלבע בייגונגען פון אַ בלום, וואָס קען שוין מער נישט בליען. איך ווער בלאַס... דאָך, האָט זי נישט דערפירט מיין לעבן צו דער מדרגה, אַז

מיינע אַלע איבערלעבונגען זאָלן ווערן אירע. איר קעגנוואַרט באַהערשט מיך נישט און איך קען פריי טראַכטן, קוקנדיק אויף די זאַמד-בערג אויפן ברעג ים. ס'נעמט מיך בעת מעשה נישט אָן, ווי פריער, קיין תאווה — זיך אויסצוציען לעבן איר, פילן אירע שטייפע ברוסטן, איר בויך, אירע פיס... איך ווייס נישט, צי איך וואָלט איצט געליטן, ווען איך באַגעגן זי שוין מער נישט אונטער די טייטלביימער, אָדער ווען איך דערוויס זיך, אַז זי גיט זיך אָפּ אַן אַנדערן. דידאָזיקע צופעליקייטן מאַטערן מיך נישט. איך לעב מיט דער שעה וואָס זי גיט מיר, און דידאָזיקע שעה איז אומבאַגרענעצט, גייט דורך אָן דאגה, נישט האָבנדיק דעם געפיל, אַז זי קען זיך ענדיקן און ווערן טויט, פרוכטלאָז, ווי די זאַמדן... איך ווייס, אַז קערפּער וואָס האָבן זיך ליב, ווערן צונויפגעוועבט מיט שטאַרקע פעדעם, וועלכע מען קען בשום אופן נישט צערייסן, בעת דער צוזאַ־מענבראָך צעטיילט אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט זייער גאַנצער באַקעטקייט. איך ווייס, אַז די דערינערונגען פון דידאָזיקע לאַסקעס ווערן איינגעקריצט אין אונדז, טויכן אַרויס אין אַ צייט אַרום טיף פון אונדזער וועזן און פאַרפאָלגן אונדז גאַנצע נעכט, בעת די הענט ווערן פייכט, די אויגן פאַרבריי־טערט, און אומזיסט זוכן מיר דעמאָלט דאָס קול פון דער געליבטער.

אָבער איך האָב נישט קיין מורא פאַר דידאָזיקע לאַס־קעס, וועלכע דער זכרון פון מיינע געפילן וועט איינהאַלטן. אָבער מיט מיין גאַנצן וועזן בין איך פאַרבליבן אַזעלכער, ווי שטענדיק; אַזיוואָס קערפּער פאַרפאָלגט מיך נישט, אירע אויגן רופן מיך נישט צום געלעגער, וואָס אונדזערע גופים האָבן געשאַפן אין אָקאָפּ און אונטער די שטילע פאַלמען... ווען איך וועל זי דאַרפן פאַרלאָזן, וועט זי פאַר מיר זיין בלויז איינע פון די לייכטע פאָרמען, באַגאָסן מיט זונען-שטראַלן, וואָס שניצן זיך אויס אין מיין דמיון און שטאַרבן נאָכדעם אַוועק, ווער ווייסט זיי ווו!...

ווייל איך בין נישט קיין באַגייסטערטער. די ליבע

פאַרשיכּורט מיך נישט, פאַרשקלאַפּט מיך נישט, פאַרבלענדעט מיך נישט... איך האַלט אַפּילו, אַז איך בין נישט פעיק צו ליבן, נישט ווייל איך האָב אַ טרוקענע נשמה, נאָר צוליב מיין שכל, וואָס צעפּיצלט יעדן געפיל, באַלד ווי עס ווערט נאָר גע-בוירן און דערלויבט אים נישט ער זאָל זיך פלוצלינג צעפלאַ-קערן. איך קען זיך נאָר פאַרשיכּורן אויף אַזויפיל, אויף וויפל די שיכּרות שטימט איין מיט דער אַטמאָספער, וואָס וויגט מיי-נע געדאַנקען. און ווייטער, איז די ליבע פאַר מיר נישט קיין אַכזריותדיקער גאָט, וואָס פאַרלאַנגט פולשטענדיקע פאַרגעטערונג, וואָס וויל, מען זאָל אַוועקגעבן דאָס גאַנצע לעבן פאַר זיין אומפאַרענדלעכן ווילן. די פרוי איז ביי מיר נישט דער ציל פון מיינע אַמביציעס. און איך האָב זי נישט אידעאַליזירט. ס'דערוועקן זיך אין מיר פאָדערונגען בנוגע אַנדערע פּראָבלע-מען, ווו איך זאָל קענען זיך אָפּגעבן מיט לייב און זעל... און באמת, דידאָזיקע מענטשהייט, וואָס דרייט זיך און פויזעט אַרום דעם פרויען-געשלעכט, די פינגער צונויפגעדריקט, די ליפּן נאַס, די אויגן פאַרחלומט, האָט מיך תּמיד אָפּגעשטויסן.

פאַרלויפיק איז מיר אַזוי זייער טייער. זי באַפּוצט מיין איינזאַמקייט, ווי ווילדע-טרויבן — די שוועל פון אַ הויז. זי האָט מיך באַרייכערט מיט איר שיינקייט, ווייל אירע בויגעוודיקע קאַנטורן שטאַמען אָפּ פון אַן אייביקער מאָדעל. פון איר שטי-מע, פון איר הויט, דורכגעווייקט מיט זונען-שטראַלן, פון איר לאַנגזאַמען אָפּגעמאַטערטן גאַנג, טיילן זיך אויס אַזעלכע אייגנ-שאַפטן, אַז ס'דאַכט זיך מיר, זיי זענען מיינע אייגענע. אין איר לעבן שעפּ איך קליינע געשעענישן, וועלכע שפּייזן מיין בייגעריקייט, פאַרשאַרבן זי, ראַפינירן זי, פּונקט ווי איר מויל און אירע געשיקטע פינגער האָבן אַ ווירקונג אויף מיין לייב.

XXVIII

דער רעגן פּויקט אויף מיין געצעלט. דער ווינט בלאָזט און וואָיעט. דער אוראַגאַן קערט וועלטן. גאַנצע כוואַליעס זאַמד

מישן זיך אויס מיט טראָפּנס רעגן. דער הימל איז פאַרדעקט מיט שווערע, צונויפגעפּלאָנטערטע, אויסגעצויגענע וואָלקנס, וועל־כע טורעמען זיך אויף אַן אויסטערלישן אופן, אָדער הענגען אַראָפּ ווי שטיקער שמאַטעס. אַ וואַרעמקייט זעצט אין די נאָז־לעכער. ס׳איז פינסטער. מיין שילדקרעט רוקט אַרויס זיין קליין קעפל און זוכט כסדר אַן אַרויסגאַנג, כּדי צו געווינען זיין פריייהייט. זיין שאָל איז כמעט העל, און זיינע קליינע אויגן דרינגען דורך.

איך האָרך זיך צו צום רעגן־ליד, וואָס טרייבט אָן אויף מיר אַן אומעט. שטיקלעך פונם עבר קומען מיר אַרויף אויפן זכרון. איך דערמאַן זיך פון מיינע קינדערישע יאָרן, פון מיין צער. גרויע צאַרטע געדאַנקען פילן אָן מיין גאַנצן וועזן...
דער רעגן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קליינעם שוואַכן כאָר, וועלכער שטאַרבט, דאַכט זיך, אָפּ. דאָ אין דאָרט באַווייזט זיך דער הימל. די וואָלקנס פאַלן אויפן האָריזאָנט אין גרויס אומ־אָרדענונג. באַגילט און פריש קוקן אויס די זאַמד־בערג, און די גראָזן פרייען זיך.

XXIX

גרויסע וויאָלעט־וואָלקנס טראָגן זיך אַרום אויפן הימל, די גרויסע שרפה אינם מדבר איז אויסגעלאָשן. מען באַקומט דעם איינדרוק, אַז די זאַמדן האָבן קיין שום קאָליר נישט. זיי זענען טריב. זיי האָבן אַ מין בלאַסקייט פון וואַקס. דער האָריזאָנט איז פונקט ווי צונויפגעדריקט, ווייל אָט שלייכט זיך דורך אַ שטיקל פרייע ליכט און פאַרברייטערט אים. די גרינס איז שטויביק, די גרינס, וואָס איז פריער געווען באַדעקט מיט טראָפּנס און געפינקלט. אַ גרויסע אומעט דריקט צונויף דידאָ־זיקע אומענדלעכע אומעט פון דער איינזאַמקייט. דאָס אויג, שווענקט זיך, פליט און שווימט ביי אַזאַ מין שטראַלן־שיינקייט; אָבער דערדאָזיקער האַסטיקער טרויער האָט אָנגעפילט זיין שוואַרצאַפּל מיט אַש. דער שאָטן פון די וואָלקנס באַקלעפּט

דעם מדבר מיט שטאָלענע פלעקן, וועלכע באַוועגן זיך פּאַמעלעך־פּאַמעלעך און רייבן זיך אין מיר, מיט דער לייכטקייט פון זייד. זיי טראָגן זיך אַוועק צו די בערג און דאָרט, אויפן מזרח, שטופּן זיי זיך צונויף אין אומגעהויערע חמרים און ווערן פאַרשוווּנדן. די זון באַקליידט אויפדאָסניי דעם שטח מיט אירע לייכטע געוועבן און פירט אָן מיט איר שטראַלנדיקער מוזיק.

XXX

דעם טייטלבוים־וואַלד שנייד איך דורך יעדן טאָג, פאַרבייגייענדיק דעם „וואַדי". ווען איך דרינג אַריין אין דערדאָזיקער וואַרעמקייט, ווערן מיינע געדאַנקען באַלויכטן און ווי אַ פּאַסטוך־לידעלע שווימען זיי אין מיין קינדערישער אָפנהאַרציקייט. ווייסע הענט גלעטן מיך, און איך ווער פאַרפאָלגט פון פליגלען, וואָס רירן זיך צו מיר צו. די שיין, וואָס זיפּט זיך דורך די פּאַלמען, האָט אין זיך די גרינקייט פון אַן אַקוואַריום און די בלויקייט וואָס גליטשט זיך, איז אַ שטומער קוואַל, אָן שום כוואַליעס. איך וואָלט קיינמאָל נישט געוואָלט פאַרלאָזן דעמדאָזיקן אָאַזיס. כ'וואָלט וועלן פאַרשפּעטיקן מיין לעבן און בלייבן אונטער די שטאַמען, אונטער די פּאַלמען, אונטער דער מאַכט פון דעמדאָזיקער פּורפּור־פרישקייט. דער באָדן איז צעגראָבן, צעראָיעט אין פאַרשידענע אויסבייגונגען, לאַבירינטן, שמאָלע דורכגענג. דאָס זענען די אָקאָפּעס. די טייטלביימער פאַרמירן אַ מין אינדזל, און זייערע וואָרצלען קריכן אַרויס פונם זאַמד. זיי האָבן נישט געליטן פון דער שנאה, די מענטשלעכע רחמנות האָט זיי איינגעהיט. אונטער זייערע שאָטנס האָט מען זיך געשאָכטן. זייערע זיסע פּירות האָבן אָפּגעפרישט די שלעגער. ביי זייער גסיסה האָבן די בינען מיטן זשומען זיי דערמאָנט וועגן אַנדערע סעדער און אַנדערע פּרוכטן... דער וואַלד ציט זיך ביז צום ים. די פּאַלמען שאָקלען אויס זייער האַרמאָנישע מרה־שחורה אויפן ברעג, און זייער לייכטער געוויש איז פּונקט

ווי אַ קליין רעגנדל, וואָס מישט זיך צונויף מיטן כאָר פֿון די כוואַליעס...

XXXI

אין טייטלבוים-וואַלד איז אַלץ האַרמאָניע. דער וואַלד כאַפּט אַרום דעם פּייזאַזש, פֿאַרמירנדיק אַ מין סימפֿאָניע פֿון שורות און פֿאַרבן. דיביימער ציען זיך צאַרט צום ליכט, זיי לאָזן זיך פֿאַנאַנדער אין דער בלויער לופֿט, ווי אַ בלום, און שניצן זיך צאָנאַרטיק מיט אַן אויסטערלישער סימעטריע. אַ ווינטעלע טראָגט זיך פֿאַרביי. דער גאַנצער וואַלד ציטערט, און ציטערנדיק פֿינקלט ער, ווערט באַלויכטן מיט שטאָל-קאָליר. נאָכדעם צוקרעכצנדיק, לאָזן זיך די פּאַלמען-צווייגן לייכט אַראָפּ און פֿאַרזינקען ווידער אין אומבאַוועגלעכקייט.

XXXII

דער בין-השמשות לאָזט זיך אַראָפּ... און פֿאַרשפּרייט זיך איבערן טייטלבוים-וואַלד. די טונקלקייט נישטערט דורך אַלע ווינקלען, אַלע סטעזשקעס, אַלע אָקאָפּעס, פּילט עס אַלץ אָן מיט איר גרויקייט און מיט איר באַצויבערונג. סאַמעטענע שאָטנס טוליען זיך צו פּאַלמען, און אָפּגעקראָכענע פֿאַרבן, פּונקט ווי פֿון אַלטן פּאַיאַנס אָדער פֿון קליידער, שלעפּן זיך איבער די ביימער-שטאַמען. געררוישן!... עס לויפֿט דורך אַ ווייסע מויז... יאַשטשערקעס!... וואָראָבייטשיקלעך בויען זייערע נעסטן... די שאָטנס, די פֿאַרבן, די העלקייטן גייען אויס, ווערן צעשוווּמען... ס'בלייבן בלויז איבער זיילן אַן אַ צאָל, וואָס ציען זיך ביזן האָריזאָנט. אַ שטערן באַווייזט זיך און פֿינקלט. זיין אָפּשפּיגלונג גליטשט זיך איבער אַ פּאַלמע און באַזילבערט זי.

XXXIII

דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען דער מאַיאָר ראָט שילד און דער לייטענאַנט ליפּס, פון 39-טן שיסער-פּולק, אָדער פון „יידישן באַטאַליאָן", האָבן געפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע אין מצרים און אין פּאַלעסטינע, מען זאָל פרייוויליק אַריינטרעטן אין דער ענגלישער אַרמיי. די פאַרברעכערישע שיכּרות, וואָס האָט געשטופּט פעלקער צו דער שחיטה, האָט מיך פאַרשיכּורט און אַריינגעצויגן אינמיטן. ביז יענער צייט האָב איך געקעמפט און אויסגעפונען טיפע סיבות, כּדי נישט אַריינגעצויגן ווערן אין העלישן ראָד, וואָס האָט זיך געדרייט און געדרייט אָן אַן אויפהער. איך האָב זיך איינגעשלאָסן, כּדי נישט צו הערן די יללות פון די מענטשן, וואָס האָבן זיך אַרומגעריסן, נישט ווויסנדיק פאַרוואָס. אָפּטמאָל האָב איך געטראַכט, נישט קענענדיק אויסמיידן דעם געשפּענסט פון דער מלחמה, ווען פיל-פאַכיק פּנים איז אויסגעוואַקסן אומעטום, וווהין מיינע אויגן האָבן זיך אָנגעצילט.

די נאַציאָנאַלע אַמביציעס, וואָס האָבן געשפּייזט מיינע יידישע ברידער, האָבן בלויז אויפגעוועקט מיין נייגעריקייט. מיט באַגייסטערונג האָב איך געקוקט אויף דעמדאָזיקן כּוח פון טרוים, וועלכער האָט דורותלאַנג אונטערגעהאַלטן מיין פאָלק, נישט געקוקט אויף שטייגער, שחיטות, הריגות. מיט דער פשוטער פראַזע „לשנה הבאה בירושלים", האָבן זיי געשאַפן דעם ספר פון האָפענונג, דאָס בוך פון נחמה, זיך איינגעשלאָסן אין אַ געטאָ און נישט גערעכנט זיך מיט דער שנאה פון מענטשן. און אָט איז אָנגענומען געוואָרן זייער טויזנטיעריקער געבעט.

דער אַלטער ייד פון טיף פּוילן, פון אוקראַינע, מיט אַ לאַנגער קאַפּעטע און פאות, וועלכער האָט געקענט דאָס לאַנד יהודה בלויז פון דער תורה און טאָג-טעגלעך געהאָפט אויף דער ישועה, אַז אָט-אָט וועט די צעזייטע סטאַדע ווערן אויפגעזאַמלט, ווייל דער פאַסטוך איז שוין צוריקגעקומען און די ערד מיט אירע שמעקעדיקע גראָזן, מיט אירע פרישע קוואַלן,

ווארט, אַז גאָטס קינדער זאָלן דאָרט פאַרפעסטיקן זייערע געצעלטן. און אַז אין אַ געוויסן טאָג האָט ער ענדלעך באַקומען די ידיעה אַז די „גויים" זענען באַזיגט געוואָרן, חידושט ער זיך נישט, נאָר זיין האַרץ ווערט אָנגעפילט מיט אַן ערנסטער פרייד, פונקט ווי אין אַ יום-טובדיקן טאָג, ווען מען טרינקט ווײַן און מען בלעטערט די הייליקע שריפטן...

אָבער וואָס האָט פּאַסירט!... די שווערד האָט מען געשטעלט אויף דער דינסט פונם טרוים, בלויז פאַרשפּריצט דעם געדאַנק, די האָפענונגען, וועלכע זענען אויף אַ געשיקטן אופן עקספּלואַטירט געוואָרן, כּדי צו שפּעקולירן מיט דער ענערגיע, מיטן גאָלד און אַפילו מיט די אַספּיראַציעס פון אַ פאָלק. דאָס אַלץ טוען די, וועלכע ווילן שאַפן נייע גרענעצן, איינפלאַנצן שנאה, צוגרייטן נייע מלחמות פאַר די, וואָס ליגן נאָך אין די וויגן!... דער פאַרלאַנג צו באַאַרבעטן די ערד, ווו ס'שלאָפן די אבות, גרינדן דאָרט קאָלאָניעס, כּדי מיטצוהעלפן די עמיגראַציע, פאַרוואָס דען נישט! ס'איז זייער אַ לייכטע זאַך פאַר די, וואָס קענען פאַרייניקן דעם טרוים מיט טעטיקייט און וועלכע האָבן תמיד געבויט אין געדאַנק, פונקט ווי אין דערווירקלעכקייט... אָבער פאַרוואַנדלען עס אין אַ ווערק פון נצחון, הרגענען אין נאָמען פון אַ פאָטערלאַנד, פאַרקויפן זיך פאַר וואָסאַלן, ווייל דער באַלעבאָס האָט אַ מעכטיקן פלאָט און גוט באַוואָפנטע זעלנער, דאָס קיינמאָל נישט!...

דאָך בין איך אַריינגעטרעטן אין יידישן באַטאַליאָן... איך בין פאַרפלאָנטערט געוואָרן אין אַ גרויסן נעץ. אַפילו דאָס קליינע שטעטל טאַנטאַ, אין מצרים, ווו איך האָב זיך אויפגעהאַלטן נאָכן מלחמה-אויסברוך, האָט מיך נישט געקענט פאַרטיידיקן קעגן דערדאָזיקער אונטערנעמונג, צוליב איר שטילקייט און איינזאַמקייט. דער פעלאַך אויף זיין פעלד האָט אויך געהאַט צו זינגען און צו זאָגן פון די שרעקלעכע שלאַכטן און ער האָט נאָר אויסגעקוקט דעם סוף פונם בלוטיקן קאַשמאַר. די געוויינלעכע אָוונט-מנוחה אויף דידאָזיקע בעבלעך-פעלדער איז געשטערט געוואָרן.

פּאָעמען, צייטונגען, זשורנאַלן, געשפּרעכן, בריוו פון פריינט, מתים, העלדישע מעשים — דאָס אַלץ האָט מיך גע-שטויסן אויף איין וועג. פּאַוואָליע האָט זיך קריסטאַליזירט אין מיר די אידעאַליזאַציע פון דערדאָזיקער מלחמה, וועלכע איך האָב באַטראַכט ווי אַ קרייץ-צוג. און איך האָב מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דער צייט, ווען איך וועל קענען אָנטאָן די זעל-נערישע בגדים!... דאָסדאָזיקע וואָרט האָט מיך באַצויבערט און איך האָב געהאַט דאָס געפיל, ווי קליינע קינדער, בעת זיי פאָרן רייטנדיק אויף אַ בעזים, בעת זיי טראָגן אַ הילצערנעם שווערדל ביים גאַרטל, אַ היטל פון אַן אַלטער צייטונג, מיט אַן אויסזען פון אַ זיגער.

איך האָב באַשלאָסן עפּעס צו טאָן. איך האָב געפילט אַן עקל צו זיך אַליין, וואָס איך האָב אַזוי לאַנג נישט געקענט באַגרייפן דעם זשעסט פון דערדאָזיקער יוגנט, וואָס לאַכט זיך אויס פונם טויט.

נישט געקוקט, וואָס דאָס שטעטל האָט מיר געגעבן אַזוי-פיל פרייהייט, האָב איך דאָך געלאַנגווײליקט... איך האָב זיך דערוווסט, אַז אַ יידישער אָפיציר פון דער ענגלישער אַרמיי איז געקומען ווערבירן יונגעלייט, כדי צו פאָרמירן אַ יידישן באַטאַליאָן... בעת איך האָב אינדערשנעל אוועקגעלייגט מיין חתימה אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, אַז איך טרעט אַריין אין יידישן באַטאַליאָן, האָב איך געפילט, גלייך אַ שטיין וואָלט מיר אַראָפּ פון האַרצן. איך וואָלט אַריינגעטראָטן אין וועלכער ס'איז אַרמיי, איך האָב פּשוט געוואָלט זיין אַ זעלנער, וואָס לייגט אוועק זיין לעבן פאַר אַ הויכער זאַך...

XXXIV

אַזיזאַ איז אַ באַוועגלעכע, אומרויקע באַשעפעניש. זי לויפט, שפּרינגט, האָט מאָדנע קאַפּריזן, ליגט אָפּ שעהן-לאַנג אויפן גראָז מיט אומבאַשטימטע געדאַנקען, בלייבט אומבאַוועג-לעך שטיין פאַר אַ בלימעלע וואָס באַוועגט זיך, צופּט עס אָפּ

מיט אַ בייזער באַוועגונג, בייסט עס, שלײדערט עס אַוועק און אַנטלויפֿט צום מדבר צו. זי לויערט לענגאויס די זאַמד-בערג, מיט דער תאווה פֿון ווילדע חיות, וועלכע לאָזן זיך אַרויס אויף יאַגד, זי שטרענגט זיך אָן, גלייך זי גייט זיך וואַרפֿן אויף איר רויב, נאָכדעם ברעכט זי אויס מיט אַ הילכיקן, גלעקלדיקן געלעכטער, וואָס קלינגט אָפּ ווייט-ווייט אינם מדבר.. אירע אויגן זענען ביז אָנגעשטרענגט, אָדער זיי עפֿענען זיך אויף די אינעווייניקסטע האָריזאָנטן פֿון איר נשמה, וואָס זי פֿאַרשטייט נישט.

זי קען אויסגעצייכנט די קלענסטע שטעגן אינם מדבר, די קלענסטע זאַמד בערגלעך, ווו ס׳שפּראָצט אַ שמעקעדיק גרעזעלע. אויף וויפֿל זי קען אַריינדרינגען אין איר יוגנט, געדענקט זי, אַז תמיד האָט זי געוווינט אויף דידאָזיקע זאַמדן, אַז זיי זענען איר היים... זי האָט נישט געוואָגלט, ווי אירע חברטעס מיט קאַראַוואַנען קיין פּאַלעסטינע און מצרים. אַלס מיידעלע פֿלעגט זי פּאַשען איר סטאַדע פֿון זילבערנעם באַגינען אָן, ביז אָוונט-צייט, ווען די שאַקאַלן פֿלעגן זיך פֿאַנאַנדערבילן. זי האָט דאָ געלעבט אַן אָפּגעזונדערט לעבן און פֿלעגט אויסמיידן די פּאַסטוכער און די שפּילן פֿון אירע חברטעס, נישט ווויסנדיק אַליין פֿאַרוואָס. זי האָט זיך אויפֿגעבויט אַ וועלט פֿון כימערעס, וועלכע האָבן זיך געפֿלאָנטערט אין אירע רעיונות, אָבער האָבן זי גלייכצייטיק באַצויבערט, ווייל איר נשמה האָט זיך געריסן צו פּאָעזיע און צו זאַכן, ווייט פֿון דערווירקלעכקייט... בעת דאָס ליכט האָט זיך אויסגעשפּרייט אין וואַרעמע טישטוכער און פֿונדערווייטנס האָט אַ ווינטל געוואַקלט די ים-כוואַליעס, פֿלעגט זי זיך אַליין דערציילן לאַנגע געשיכטעס, וועלכע זי האָט נישט פֿאַרענדיקט נישט ווויסנדיק אַפֿילו פֿונוואַנען ס׳האָט זיך צו איר דערנומען אַזאַ מין אינהאַלט. זי האָט געמיינט, אַז די ערד ענדיקט זיך דאָרט, ווו דער הימל לאָזט זיך אַראָפּ אויף די זאַמדן, און זי האָט תמיד געוואַרט אויף עפּעס אַ נס.

XXXV

די היץ ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שריפה, די היץ בריט און פאַרבלענדט די אויגן. די שטראַלן, וואָס שפיגלען זיך אָפּ אויפן זאַמד יאָגן לאַנגע פּאַסן מיט פונקען. עפּעס אַ משא הענגט איבערן מדבר. דאָס געצעלט קוקט אויס ווי אַ גרויסער בלייענער, ברענענדיקער גלאָק. דער קאָפּ איז פּוסט. איך בין נידערגעשלאָגן. רויטע קייקעלעך טאַנצן פאַר מיינע אויגן. מיין קאָפּ בייגט זיך אַראָפּ, איך דרעמל און וואַקל זיך, ווי אַ זקן.

XXXVI

מען האָט זיי ווערבירט פון אַלע ווינקלען פונם נילוס-טאָל, פון לעגענדאַרע שטעט, ווי לוקסאָר, מיניע, אַסואַן און אויך פון די פּראָווינצן פון אונטערשטן עגיפּטן. דאָס איז געווען אַ מין ערב-רב, דער ערגסטער אָפּפאַל פון די שטעט: פּאַרכעוואַטע עגיפּטער, אַרבעטסלאָזע, לאָבוזעס פון די אָרטיקע קוואַרטאַלן. לייזיקע און שמוציקע, האָט מען זיי אַריינגעפּאַקט אין די וואַגאָנען. און דורכפאָרנדיק זייער גאַנצע לאַנד, האָבן זיך ס׳רוב פון זיי געחידושט אויף דער גרויסקייט און רייכקייט פון זייער לאַנד און געשטעלט זיך די שאלה, וווהין מען שיקט זיי. דאָס אַלץ איז געווען דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיך נישט געקענט אָריענטירן אין דער גאַנצער סיטואַציע. ווי נאָר מען האָט זיי איינגעשפּאַרט צווישן די שטעכעדיקע דראָטן, האָבן זיי דערפילט, אַז זייערע פעלדער פאָדערן זיי, און די בענקשאַפט איז געווען זייער גרויס. אָבער זיי, די פרייע זין פון דער ערד, האָבן נישט גערעכנט, אַז מען וועט זיי אַזוי באַהאַנדלען, אַז מען וועט זיי שלאָגן...

אָפּגעשלאָסן אַ וואָך צייט אין לאַגער, האָט שוין אויף זיי די פאַרשקלאַפטקייט אַזוי נישט געווירקט. שטילערייט האָבן זיי איבערגעטראָגן אַלע אַכזריות, נישט צוליב הכנעה, נאָר אַ דאַנק דעם כוח פון זייער נשמה, וואָס קען איבערגעטראָגן

אַלע אומגליקן און אַ דאַנק דעם גוטן געמיט, וואָס זיי שטעלן אַנטקעגן דער טיראַניע פון זייערע באַלעבאַטים, — דער פועל-יוצא פון גאַנצע עפּאָכעס פון פרעמדער הערשאַפט.

מען האָט זיי פאַרצוימט אינמיטן לאַגער, ווייט פון די עלטסטע. די געצעלטן זענען אויסגעשטעלט אין אַ פיינער סימעטרישער אָרדענונג. די זון באַקט. מען האָט זיי פאַנאַנדערגעטיילט זייערע פּאָרציעס. ס'הערט זיך אַ שלעכטער ריח. סערזשאַנטן קומען צוגיין און קלייבן אויס מענטשן אויף אַרבעט אין די קיכן אַריין און אויף צו רייניקן דעם לאַגער. אַ סך פון זיי נעמט מען אויף „דעזינפעקציע", ווייל זיי זענען אָקאָרשט אָנגעקומען פון זייערע דערפער.

ס'הייבן זיך אָן די „באַקשישן". כּדי צו ווערן אַ קוכער, כּדי צו ווערן אַ באַדינער ביי אַן אָפיציר, אָדער ביי אַ סערזשאַנט, כּדי צו ווערן אַ נאַכט-שומר, כּדי באַפרייט צו ווערן פון דער אַרבעט, אויף וועלכער מען דאַרף זיך מאַטערן אַ גאַנצן טאָג — פאַר אַלץ באַצאָלט מען די עלטסטע. ס'איז דאָ, אַזוי צו זאָגן, אַ טאַריף און יעדע באַשעפטיקונג האָט זיך איר פּרייז. אָבער ווער ס'צאָלט מער באַקומט אַ בעסער אָרט. מען נעמט כאַבאַר פון אַלע זייטן. אַ סך האָבן דערביי געמאַכט אַ פאַרמעגן. אַפילו דער ענגלענדער קען נישט ביישטיין דעם נסיון פון קלינגענדיקע מטבעות. אינטריגעס, געמיינקייטן ווערן אָפּגעטאָן צוליב די פּאָר גראָשן. אָבער דאָס שטייפע באַגרענעצטע לעבן אויף דעמדאָזיקן אומבאַשטימטן באָדן האָט דאָך זיין אייגנאַרטיקן גאַנג, שרויפט אָן אַלע עגאָיזמען, שטעלט זיי אַוועק פּנים אל פּנים.

די מענטשן פון איין דאָרף האַלטן זיך אינסטינקטיוו גרופּנווייז, פּונקט ווי אויף אַזאַ אופן וואָלטן זיי געקענט זיך בעסער פאַרטיידיקן. חוץדעם כאַפּן זיי אַ שמועס וועגן זייער משפּחה, וועגן שניט און שאָף. באמת, דידאָזיקע אַלע מענטשן קענען זיך נישט אָפּגעבן קיין דין-וחשבון: וואָס אַזוינס האָט זיי געצוווּנגען אַריינצוטרעטן פריייוויליק אין דער אַרמיי. איצט, אַז זיי טראָגן אַלע כאַקי-בגדים, פילן זיי זיך ווי פאַרשיכורטע

ניין, זיי האָבן זיך בעת מעשה נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז במשך פון זעקס לאַנגע חדשים וועלן די באַוועגונגען פון זייער קערפּער ווערן אויסגעאיבט, אַז זיי וועלן מער נישט געהערן צו זיך אַליין און אַז מען וועט זיי אַוועקשיקן ווייט פון זייער היים, ווער ווייסט אין וועלכן לאַנד... וויאַזוי זענען זיי אַהער אָנגעקומען? אַך די פאַרשאָלטענע אַגענטן מיט זייערע פאַלשע הבטחות, מיט זייערע זשעסטן, צערטלעכקייטן, אַ דאַנק וועלכע מען האָט זיי פאַרנאַרט אין נעץ אַריין!...

ס׳האָט פּאַסירט אָוונטצייט, בעת זיי האָבן זיך צוריקגע־קערט פון די פעלדער מיט אָקסן און קי און אָפּגעריכט זייער תפילה ביים ברעג פון אַ קאַנאַל. און אָט, אונטערן שאָטן פון אַ הונדערט־יעריקן פייגנבוים, ביים אַריינגאַנג פונם דאָרף, אויפן אָרט, וווּ מען האָט פאַרקויפט שאָף, וווּ מען קלייבט זיך צו־נויף אויף אַ שמועס, וווּ מען באַקומט נייס פון דער הויפּט־שטאָט, קומט פאָר אַ פאַרזאַמלונג. אַ חשובער עפּעגדי מיט אַ גאָלדענער קייט, האָט מיט אַ פעסטער שטימע דערקלערט:

— איך זאָג אייך בלויז דאָס: צוועלף פּיאַסטער אַ טאָג. נו, און נאָכדעם וועט איר באַקומען קעז, קאָנפיטור, וואָס די אייראָפּייער עסן, געטריקנטע פרוכטן, פלייש. אָבער שוין איינ־מאָל פלייש, פון אַ גוטן שעפּס... און פּוטער!... איר וועט אָנזעצן לענדער, איר וועט בלויז אַרבעטן עטלעכע שעה אַ טאָג און נאָכדעם, (דאָ האָט ער אונטערגעשטראָכן יעדעס וואָרט) וועט איר האָבן ווייבער, פראַנצויזישע ווייבער, ווייסע, וויפל איר וועט אַליין וועלן.

— „וואַלאַהי", „וואַלאַהי" *), ס׳איז דאָך גלענצנד, ס׳איז מערקווירדיק...

דער רעדנער איז געבליבן שטיין, כּדי צו זען וואָסער ווירקונג זיין דרשה האָט געהאַט אויפן עולם.

ס׳האָבן זיך פאָרמירט קליינע גרופּקעס, מען האָט גע־שמועסט, געשריגן און זיך געשפּאַרט. ווייבער האָבן געקוויטשעט

---

*) ליבער גאָט.

קינדער האָבן געמאַכט יללות. מען האָט געקענט מיינען, אַז דאָרט איז אַ יאַריד. דער עפּענדי האָט זיך דורכגעשפּאַצירט צווישן די גרופּעס, דערקלערט, איבערגעחזרט, אויסגערעכנט אַלע נוצן, וואָס זיי קענען האָבן דערפון. ער האָט זיך באַמיט מיט אַלע כּוחות זיי איבערצוצייגן, ווייל די ענגלישע רעגירונג האָט אים געצאָלט פון קאָפּ. די, וועלכע האָבן מסכּים געווען, זענען אים תּיכּף נאָכגעגאַנגען. ער האָט זיי איבערגעצייגט מיט זיינע רמזים. זיין געדולד איז געווען אָן אויסערגעוויינלעכע און ער האָט כּסדר געחזרט: „און איר וועט האָבן, זאָג איך אייך, ווייבער, פראַנצויזישע ווייבער, ווייסע פּרויען, ווייס אייער האַרץ וועט גלוסטן". דידאָזיקע ווערטער האָבן, קענטיק, געבראָכן זייער ווידערשטאַנד.

ער האָט זיי אַוועקגעפירט אין „מרכּז", צום אָפיציר, כּדי זיי זאָלן זיך אונטערחתמענען, מיט פינגער איינגענעצט אין טינט, וואָס האָט געדאַרפט דינען אַלס אַן אונטערשריפט; און נאָכדעם ווי זיי האָבן געקריגן אויסגעצאָלט פענסיע פאַר דריי חדשים פאָרויס, איז ער אַוועק דרשנען ערגעץ אַנדערש.

כּדי אַריינצופירן אין זייער אַרבעט מער אָרדענונג און מער דיסציפּלין, האָט מען זיי געגעבן מיליטערישע איבונגען. מען האָט זיך באַמיט זיי צוגעוויינען צום קאַזאַרמע-לעבן, מען האָט זיך באַמיט זיי פאַרהאַקן דעם קאָפּ מיט פרעמדע ווער־טער, — ווערטער, וואָס האָבן זיך נישט געקענט איינהאַלטן אין זייער מוח, וואָס האָבן געקלונגען מאָדנע אין זייערע אויערן. און ווען די רייען זענען נישט געווען אין אָרדענונג: זיי זענען למשל נישט געשטאַנען צו פיר, אָדער אין גלייכע שורות, ווען אָנשטאָט צו מאַכן אַ טריט פאָרויס, האָבן זיי אָפּגעטראָטן צוריק אויף צוויי, דעמאָלט האָט דער קאַנטשיק אַלץ פאַר־ריכט, — דער קאַנטשיק, וואָס ציוויליזירט און דיסציפּלינירט מענטשן...

XXXVII

אויפן זוים פונם טייטלבוים-וועלדער, דאָרט ווו אַראָפּגע־לאָזטע בויגעוודיקע פּאַלמען באַוועגן לייכטע צונויפגעפּלאָנטערטע שאָטנס אויפן העלן זאַמד, דאָרט אויף אַ משופּע פון אַ זאַמד־באַרג געפינט זיך אַ קליינער בית-עלמין פון ענגלישע זעלנער. זיינע צלמים זענען שוואַרץ און די אויפשריפטן ווייס, געדרייט און געבויגן. אין דעמדאָזיקן ווינקל, ווו די מלחמה האָט פאַרווירק־לעכט איר אַרבעט, פיל איך זיך ווי אין אַ קעלער, בעת די פייכקייט טרעט מיר צו צום האַלדז. דאָס פּאַסירט ס'רוב בעת איך באַרויק זיך, נאָכן אַרומבלאָנקען זיך צווישן די טייטל־ביימער און בעת מיין גלייכגעוויכט מעסיקט דעם ריטם פון מיין וועזן, דורך דער ערנסקייט פון שטילקייט און דורך די רעיונות, וואָס ברענען אין מיר. די גאַנצע הימל־בלויקייט, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין מיין האַרצן, אַלע כוואַליעס וואָס האָבן מיך אויפגעטרייסלט ביים ברויזן, אַלע חלומות וואָס האָבן זיך אויסגעשפּונען בעתן אַרומבלאָנקען איבער די טאָלן—אַלץ איז ווי פאַרזונקען געוואָרן דורך דער באַגעגעניש מיט דידאָ־זיקע קברים.

דאָס איז נישט דער בית-עלמין, וועמענס שטעגן פלאַנצן אין אייך אַריין רויקע געדאַנקען, צאַרטע געדאַנקען, וואָס זאָגן אייך, אַז דאָ איז פאַרגעסנקייט, אַז דאָ איז גליק, אַז דאָ לעבט מען נאָך.

דער העסלעכער טויט נאָגט מיך דאָ און פאַרפאָלגט מיך מיט זיינע שוידערלעכע וויזיעס... געשרייען פון אויפרעגונג און לעסטערונג דערהייבן זיך צו מיינע ליפּן. אַפילו די שטיל־קייט דאָ, איז אַ פּראָטעסט קעגן דער אומגערעכטיקייט צו די־דאָזיקע מתים, וועלכע זענען געהרגעט און צעהאַקט געוואָרן, אָדער אַנידערגעלייגט דורך פיבער און כאָלערע... און איך האָב צוגעמאַכט די אויגן, כּדי נישט צו קוקן... זיי רופן נישט אַרויס אין מיר קיין שום רחמנות. קיין שום טרויער מאַכט נישט ווייך מיין האַרץ, בעת איך טראַכט וועגן זיי. זיי האָבן

באַגאַנגען אַ חילול־הקודש, אַריינברענגענדיק זייער לעבן אין דער לאַך פונם דאָזיקן מדבר. זיי האָבן געדאַרפט פאַרשטיין, אַז דאָס איז לויטער שקר. זיי האָבן געדאַרפט פאַרשטיין, אַז פוילנדיק אויף דידאָזיקע זאַמדן וועלן זיי זיין פּרוכטלאָז און וועלן נישט איינפלאַנצן קיין קערנדל ליבע אין דער גשמה פון די צוקונפטיקע דורות. זייער העלדישקייט און זייערע קרבנות איז שווינדל. זיי באַאיינפלוסן מיר נישט קיין שום גלויבן און ברענגען מיר נישט קיין שום האָפענונג. זיי ליגן דאָרט אויסגעלייגט, ווי אין די אָקאָפּעס און זענען באַצייכנט מיט פלעטלעך, ווי בעת זייער גאַנץ לעבן. עטלעכע קברים זענען באַפּוצט מיט ים־שאָלן און באַזוימט מיט טרוקענע לולבים. אַ קבר פון אַ פראַנצויזישן זעלנער, וועלכן מען האָט נישט געקענט דערקענען, שטייט אין אַ זייט פאַריתומט... צוויי ריצנאַייל ביימער מיט גרויסע בלעטער שטייען איינגעבויגן און וואַקלען זיך... פליגן בויערן די היץ מיט זייער זשומען... על־אַריש איז ווייס פונם ליכט... זיין מינאַרעט וויברירט... אינם אויסגעטריקנטן „וואַדי" גייען פאַרביי בידנע אייזלען, טראָגנדיק גרויסע קערב מיסט, כדי צו באַפרוכפערן די זאַמדן... איך האָב זיך צוריקגעקערט צווישן די טייטלביימער, כדי צו פילן די באַרירונגען פון די לולבים, כדי צו האָרכן די הייזעריקע קולות פון די טירקלטויבן, וועלכע זענען פול מיטן פרילינג, וואָס בליט זיך פאַנאַנדער... כדי צו פאַרגעסן, אַז מאָרגן וועט מען אפשר פאַר מיר דאָ אויפעפענען אַ גרוב, נישט קענענדיק אַפילו שרייען, אַז „איך האָב נישט געוואָלט אייערע ווונדן, ברידער מיינע פון דער צווייטער זייט פון די דראָט־פאַרצוימונגען", צו וועלכע איך האָב געקענט צוקומען מיט מיינע כלי־זין און אַז איך האָב אויך נישט פאַרלאַנגט מיין טויט, צו וועלכן מען האָט מיך געצוווּנגען.

XXXVIII

ס׳איז אמת, אַז פון אָנהייב האָבן זיך די עגיפּטער גע־שטעלט מאַסנווייז אין די רייען פון זייער אונטערדריקער, און דער „עגיפּטישער אַרבעטער קאָרפּוס" האָט אָנגענומען בלויז די, וועלכע האָבן פרייוויליק זיך געשטעלט אויף דער דינסט. ס׳איז אויך אמת, אַז דער אַרבעטער האָט זיך געלאָזט אָנרעדן פון די אַגענטן צוליבן גוטן געהאַלט, וואָס מען האָט אים צוגעזאָגט. ס׳איז נישט געווען קיין שום צוואַנגס־ווערבירונג, און יעדער איינער, כּל־זמן ער האָט נאָך נישט געהאַט אָוועק־געלייגט זיין חתימה אויפן פּאַפּיר, האָט געקענט חרטה האָבן און צוריקקערן זיך אין דאָרף אַריין, אויב ס׳האָט אים אין דער לעצטער מינוט אויסגעפּעלט מוט.

און אָט, נאָך זעקס חדשים דינסט, זענען די ערשטע רעקרוטן געקומען צוריק אַהיים — בלויז אַ העלפט האָבן זיך צוריקגעקערט — פון די דאַרדאַנעלן, מודראָס און מעסאָפּעטאַמיע. מען האָט זיי נישט געקענט דערקענען. זיי זענען געווען אָפּ־געבערענט, קראַנק אויף רעוומאַטיזם, אויסגעמאַטערט פון פיבער. אָבער זיי האָבן געזונגען און געטאַנצט, ווי מיט ביי־געבוירענע כּוחות. פון זייערע שמוציקע צעפליקטע טיכלעך האָבן זיי גע־מאַכט פאָנען אַלס צייכן פון זייער צוריקקער, אַלס צייכן פון זייער באַפרייונג. ס׳איז געוואָרן אַ יללה איבערן גאַנצן לאַנד. מען איז געוואָרן פאַריאושט, בעת זיי האָבן דערציילט וועגן זייערע ליידן, וועגן זייער פאַרשקלאַפקייט און וואָס ס׳איז גע־וואָרן פון די פיינע הבטחות, מיט וועלכע מען האָט זיי פאַר־נאַרט. זיי האָבן אויך דערציילט וועגן זייער אַרבעט אונטער דער זון, וועגן די קלעפּ מיט די שטעקנס, וועגן זייער דורשט און וועגן די קברים, וואָס זיי האָבן דאָרט איבערגעלאָזט.

ס׳האָט פּאַסירט פּונקט אין יענער צייט, ווען גאַנצע באַ־טאַליאָנען זענען פאַרשאָטן געוואָרן פון קוילן, ווען אַרום ווער־דען זענען געווען אָנגעלייגט בערג מיט מענטשלעכע צעהאַקטע גופים.

מען האָט געפּאָדערט מענטשן, כּסדר נייע מענטשן. די ענגלענדער האָבן אָנגעגריפן דעם טערק דורך דעם סועץ-קאַנאַל. ס'האָבן זיך אָנגעהייבן די קריגס-אָפּעראַציעס ־ין פּאַלעסטינע און סיריע. איצט, מער ווי אַלעמאָל, האָט מען זיך געניייטיקט אין מענטשלעכע הענט אויף צו בויען אייזנבאַנען, אויף דורכ-צולייגן קאַנאַליזאַציע-רערן, אין טרעגער פאַר פּראָוויאַנט און אַמוניציע... בלויז דעם „זשיפּאָ" (ווי דער ענגלענדער האָט זיי אָנגערופן), האָט מען געקענט איינשפּאַנען אין אַזאַ מין אַרבעט. מען האָט גוט אָפּגעשאַצט דעם זשיפּאָס כּוח, זיין איסגעהאַלטנקייט, זיין געהאָרכזאַמקייט. אָבער די ידיעות, וואָס די דעמאָביליזירטע האָבן פאַרשפּרייט איבער די דערפער, האָבן געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם. אויף די שוועלן פון די בלאָטיקע און שטרויענע כאַטקעס האָבן קליינע מיידעלעך אָוונטצייט איבער-געחזרט דאָס, וואָס די וואַנדער-זינגערינס האָבן פון דאָרף צו דאָרף מיט אַ טרויעריקן ניגון באַזונגען. און באַזונגען האָבן זיי די געשיכטע פון די, וואָס זענען אַוועקגעגאַנגען מיט די ענגלענדער און זענען נישט צוריקגעקומען, ווייל זיי זענען געהרגעט געוואָרן אויף פרעמדער ערד. פאַרוואָס? אַך, דער אומעט פון דידאָזיקע אימפּראָוויזאַציעס און פון דידאָזיקע טע-נער, וואָס חזרן זיך איבער כּסדר, ווי די איינטאָניקע גערוישן פון די „סאַקיאַס" פון זייער לאַנד, לאַנגזאַם ווי דאָס פליסן פון וואַסער און וועמענס איינטאָניקייט איז, ווי דער געדאַנק, וואָס נאָגט אינעווייניק אין אייער מוח...

מען האָט זיך מער נישט געוואָלט ווערבירן... די אַגענטן פון די ענגלענדער האָט מען געשלאָגן און געהרגעט. דאָס לעבן איז געוואָרן טייערער פון טאָג צו טאָג, די שכירות וואָס מען האָט פאַרגעלייגט האָט נישט געקלעקט און ס'האָט, בכלל נישט געשפּילט דיזעלבע ראָל ווי פריער.

די מיליטערישע מאַכט האָט פאַרשטאַרקט איר טעטיקייט. זיי האָבן זיך באַמיט צו פאַרשפּרייטן די פּראָפּאַגאַנדע, אַ דאַנק אָרטיקע אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן. ס'איז זיי אָבער געלונגען צו פאַרנאַרן בלויז עטלעכע אַרבעטער, וועלכע האָבן נישט

געהאַט וואָס צו עסן, אָדער וועלכע האָבן געוואָלט פּטור ווערן פון פראַצעסן, וואָס זיי האָבן געהאַט אויף זיך. צוערשט האָט מען געפאָדערט פון יעדן פרייוויליקן אַ מין אַטעסטאַציע פונם קרייז-שעף, אַז ער איז אַן אָנשטענדיקער מענטש, אָבער שפּעטער, בעת מען האָט זיך אַרומגעזען, אַז די מענטשלעכע „יאַגד" גייט נישט אין גאַנצן אַריין, האָט מען אויפגעהערט צו פאָדערן דידאָזיקע אַטעסטאַציעס און מען האָט ברייט אויפגעעפנט די טירן פאַר יעדן מנוול פון די פאַרדעכטיקע קוואַרטאַלן.

די שנאה קעגן דער ענגלישער הערשאַפט איז געווען איינגעפלאַנצט בלויז ביי די אינטעלעקטועלע פונם לאַנד, וועלכע זענען געווען אַ קליינע מינדערהייט. אָבער פון איצט אָן האָט זיך די שנאה אַראָפגעלאָזט ביז צו טיפסטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, וועלכע איז געווען באַגרינדעט אויף פערזענלעכע ערינערונגען און איבערלעבונגען.

דעמאָלט האָט מען אָנגענומען די העכסטע מיטלען, די מיטלען, וועלכע מען האָט פאָרויסגעזען אין פאַל אויב די ערשטע פרוון פון ווערבירונג וועלן נישט געלונגען... אין גאַנצן לאַנד איז געווען איינגעפירט קריגס-געריכט, וועלכעס מען האָט אַראָפּגעלאָזט ווי אַ הונט פון דער קייט. דער ענגלענדער האָט אַראָפּגעלאָזט נידעריק דעם דאַשעק, פאַרשטעלט זיינע אויגן פון שטאָל-קאָליר און זיינע קינבאַקן, וועלכע וואָלטן געוואָלט צערייבן די גאַנצע וועלט. מיט איין וואָרט, ער האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די גאַנצע חרפּה.

די ווערבירונג איז געוואָרן אָבליגאַטאָריש... אַזוי ווי מען האָט מורא געהאַט פאַר אַן אויפשטאַנד, איז מען געגאַנגען מיטן כוח פון זעלנער. דאָס איז געווען אַ הערשאַפט פון טעראָר. ס'איז געווען אַ פולשטענדיקע שקלאַפעריי. די דערפער זענען אַרומגערינגלט געוואָרן דורך זעלנער. מען האָט געכאַפּט מענטשן און אַוועקגעשיקט זיי אין קאָנצענטראַציע-לאַגערן, נישט דערלויבנדיק זיי צו זען זיך מיט זייערע משפחות, אָדער צו רעגולירן זייערע געשעפטן... אויף די גאַסן, אין צוקערניעס, ביים אַרויסגיין פון די מעטשעטן, האָט מען געכאַפּט מענטשן

יונג און אַלט. מען האָט געכאַפּט פּופּצן, אַכצן יעריקע גימנאַ־זיסטן, בעת זיי זענען געגאַנגען אין שולע אַריין, און זייערע עלטערן האָבן חדשים לאַנג נישט געוווסט, וואָס מיט זייערע קינדער האָט פּאַסירט. יעדער „מאַמור"*), יעדער „אָמדע"**) האָט געמוזט איז אַ באַשטימטער צייט צושטעלן דער מאַכט אַ געוויסע צאָל מענטשן פאַרן „לייבאָר קאָרפּוס", אויב נישט האָט ער געהאַט גרויסע צרות און איז אַפילו באַזייטיקט גע־וואָרן פון זיין שטעלע. מען האָט כסדר געכאַפּט מענטשן אין דער אַרמיי, וועלכע האָבן געמאַכט געוואַלדן. דאָרפסלייט זענען אַנטלאָפן אין פעלד, אָדער אַרומגעבלאָנקעט אין די שטעט, כדי אויסמיידן די פאַרפאָלגונגען... נישט געגומען האָבן זיי בלויז דעם פויער, וועלכער האָט באַארבעט די פעלדער. אַ סך מענטשן האָבן זיך געוואָלט אָפּרעכענען מיט זייערע שונאים, האָבן זיי זיי פאַרמסרט פאַר דער מאַכט.

אָבער דאָס איז נאָך נישט געווען גענוג... אַז מען נעמט אייך צו די קינדער, קען מען שוין אויך צונעמען אייער גאַנ־צע עשירות? ווייל דער שוועל איז שוין סיי ווי אַריבערגע־טראָטן און די טיר איז צעבראָכן... מען האָט רעקווירירט שאָף, תבואה, פאַרוואָס מען האָט באַצאָלט אַ שיבוש. נאָך די מענטשן האָט מען אָוועקגענומען שפּייז־אַרטיקלען און נאָך די שפּייז־אַרטיק־לען — דאָס געלט פון די קופערס... מען האָט געקליבן געלט פאַרן רויטן־קרייץ, און אַלע פּראָווינצן זענען געווען באַשטייערט און האָבן געדאַרפט צושטעלן אַזאַ קיילעכדיקע סומע, ווי ס'פּאַסט פאַרן לאַנד פון די פּרעוס. און נאָך דעם אַלעם, רופן זיי עס אָן: מלחמה קעגן באַרבאַריזם...

XXXIX

זינט איך האָב זיך דערוווסט, אַז מען שיקט אונדז אָפּ

*) פּרעפעקט.

**) בורגמיסטער.

קיין ראַפּאַ, געניס איך שוין נישט אַזוי שטאַרק פון די טעג. פאַר־לאָזן על־אַריש? מיין נשמה האָט זיך איינגעוואָרצלט אין די־דאָזיקע זאַמדן און די לאַדשאַפטן, וועלכע האָבן מיך געשפייזט מיט זייערע געדאַנקען, האָבן פּאַיואַליע מיך דורכגעדרונגען אויף אַזויפיל, אַז איך בין געוואָרן זייער גייסטיקער געפאַנגע־נער. איך שלעפ מיין אומעט פון זאַמדן צו זאַמדן, פונקט ווי אַ טייער ווען וואָלט מיך פאַרלאָזן. איך באַטראַכט די זאַכן, אַרום זיך מיט אויגן, וואָס ווייסן, אַז זיי וועלן עס מער נישט אָנזען.

איך מייד אויס דעם טייטלבוים־וועלדל, פאַרטרייבנדיק מיין תאווה, כדי נישט צו באַגעגענען זיך מיט אַזיזען. איך ווייס, אַז זי וואַרט אויף מיך, אָנגעשפּאַרט אין אַ בוים, די אויגן פול מיט טרויער, אַז זי רופט מיך און אַז זי ליידט. איך שפּאַציר איצט לענגאויס דעם ברעג. דער ים־ווינט, די רונדיקע כוואַליעס, די מעוועס, די מושלעס, וואָס איך צע־קוועטש מיט פרייד, פאַריאָגען מיינע געדאַנקען. איך באַטראַכט די גסיסה פון אַ דעמערונג־שטראַל אויפן נאַסן זאַמד, לייגנדיק ספּעציעל אַכט אויף דער גראַדאַציע פון זיינע קאָלירן. איך יאָג זיך נאָך אַ פאַרלמוטערנעם ראַק ביז צו אַ פעלז, ווו ער ווערט פאַרזונקען אין וואַסער. אָבער מיינע אויגן טראָגן זיך איבער דאָרט אַהין, וווּ די ביימער ווערן באַפּאַרבט מיט גאָלד, באָכדעם באַשאָטנט מיט אַ צאַרטקייט פון אַ חלום, וואָס דער־ווייטערט זיך. זיי דערמאָנען מיר אונדזערע קושן, דעם אויס־טערלישן ריח פון אירע געקרייזלטע, כמעט בלויע האָר, אירע ליבע־ווערטער, איר נאַיווקייט און די אָפּשוואַכונג פון מיינע אברים, בעת איך פלעג זי פאַרלאָזן און אויך די אומבאַפרידיקטע תאווה, וואָס האָט זיך נאָכדעם אין מיר דערוועקט...

דאָך, איינמאָל אין אַן אָוונט, האָט זיך אין מיר דער־וועקט אַ געפיל פון רחמנות צום דאָזיקן קינד, פאַר דער מתנה פון איר ליבע, איר שיינקייט, און פאַר דער געטלעכער פּאַסירונג, וואָס האָט די גאַנצע צייט געמאַכט אָנגענעם מיין לעבן. איך

האָב זי געוואָלט זען אַ בלאַסע, אַ פּאַריאַושטע, און זי זאָל מיך נישט אָנקוקן.

איך בין אַוועק. איך בין צוגעקומען צום וואַלד, ווי אַ גנב, אויסמיידנדיק די שטעגן, מורא האָבנדיק, מען זאָל מיך אַמאָל נישט באַגעגענען. דאָס ציטערן פון די פּאַלמען, דער ריח פון די בליענדיקע טייטלביימער, די קולות פון די טירקל-טויבן, דער אָוונט וואָס שלייכט זיך אַריין, ווי דורך שויבן, די נאַכט-וואַרעמקייט וואָס קומט צוזאַמען מיט אַלע פאַראייניזאַמטע ריחות, האָבן דערוועקט אין מיר שאָטנס פון ליבע און מיר באַוויזן, ווי שטאַרק איך בין צוגעבונדן צו די אַלע זאַכן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך האָב ליב דעמדאָזיקן אָאַזיס, ווי אַ פאָטערלאַנד, ווי מען ליבט אַן אַלט הויז, ווו מען איז געבוירן. און אין מיין באַצויבערונג האָב איך זיך פאַרגעסן וועגן דעם בין-השמשות.

ווייל, ווי נאָר איך קום אין באַרירונג מיט דער נאַטור, ווערט באַלד מיין דאגה און מיין צער פאַרשוווּנדן, נישט דערפאַר, ווייל די נאַטור איז מיין ראָמאַנטישע טרייסטערין, נאָר ווייל זי באַהערשט מיך, זי מאַכט פון מיר אַן אַנדער מענטש בלויז מיינע אויגן לעבן, נישטערן, לויפן ווי ווינט-הינט, . אַפן אויף די פילפאַכיקע קאָלירן, ליניעס, שאָטנס, די זאַמדן וואָס ווערן פאַרשוווּנדן, בעת מיין גאַנץ וועזן עפנט זיך פאַר די ריחות, פאַר געדרוישן און פאַר דער שטילקייט. איך בין דעמאָלט דער ערשטער מענטש פון דער יצירה. איך בין אַנטציקט פון אַן אויסגעבויגן בלעטעלע, פון די וואַסער-קנייטשן, פונם ווינט, וואָס טראָגט זיך פאַרביי. ס'איז פאַר מיר גענוג אַ לוזשע וואַסער, אַ צווייגעלע, אַ פויגל וואָס שרייט, און באַלד דערוועקט זיך אין מיר דידאָזיקע התלהבות...

דאָרט, צווישן די טייטלביימער, ווו דער באַלויכטענער שאָטן קוקט אויס, ווי אַ שמאַראַגדן וואַסערל, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט... זי איז געווען דאָרט, אינם אָקאָפּ, פונקט ווי זי וואָלט געלעגן טיף אין אַ קבר. זי האָט געטאַנצט... אירע אויגן האָבן געהאַט אַן אויסטערלישן גלאַנץ און געווען אָנגעצילט

אויף אַ ווייטן פּונקט. זי האָט אויסגעקוקט לייכט, לופטיק און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז אָט-אָט פליט זי אַוועק. זי האָט געטאַנצט צו די שטערן, צו די וואַלד-סודות, מיט צאַרטע פלינקע באַוועגונגען. זי האָט אַרומגעוויקלט איר שטערן מיט אַ מין לענטע פון צונויפגעפלאָכטענע לולבים, וואָס האָט איר צוגעגעבן דאָס אויסזען פון אַ בת-מלכה... אירע צעשויבערטע האָר זענען אַראָפּגעפאַלן ווי טרויבן-הענגלעך. איר בלויע העמד איז אָן אַ גאַרטל צוגעלעגן צו דער טאַליע. זי האָט אויסגעקוקט ווי אויסגעטאָקט. אירע קליינע ברוסטן האָבן געציטערט, אירע האָר האָבן זיך געבויגן, אירע האַלדזבענדער, בראַנזאָלעטן האָבן געקלונגען, ווי גלעקלעך... די תאַווה האָט אין איר געברענט. זי האָט אויסגערופן מיין נאָמען... און זי האָט געטאַנצט, גלייך דער טאַנץ וואָלט געווען דער אויסדרוק פון אירע ליידן... מען האָט געקענט מיינען, אַז זי לייגט פאָר איר קערפער עפּעס אַן אומבאַקאַנטן, אויף אַן אומפאַרשעמטן אופן... מיטאַמאָל האָבן זיך אירע פיס אַ ריס געטאָן פאָרויס, זיך צוינויפגעפלאָנטערט, אַ ציטער געטאָן. אירע פנים-שטריכן האָבן זיך צונויפגעקוועטשט. זי האָט באַקומען ספּאַזמעס... זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן זאַמד, דאָס פנים צווישן די דלאָניעס. דער גאַנצער קערפער האָט זיך באַוועגט פונם געוויין.

זי האָט זיך אויפגעהייבן פּאַוואָליע און זיך אַנידערגעזעצט אויפן אָריענטאַלישן שטייגער... זי האָט געקוקט פאַרחלומט... אירע אויגן זענען געווען ווייך, ווי שוואַרצע וויאָלעטבלומען... זי איז געוואָרן דאָס קליין מיידעלע, וואָס שנאָרט אויס אַ לאַסקע און אַ קוש... ס׳איז געוואָרן פינסטערער, און זי איז אַלץ נישט אַוועקגעגאַנגען. נאָכדעם ווי זי האָט פאַרענדיקט אירע טענץ, ענלעך צו אַ הייליקן מנהג, אָדער צו אַ קרבן, האָט זי געוואַרט, פונקט ווי זי האָט געוואַרט יעדן אָוונט. די זאַמדן זענען פאַרשווונדן געוואָרן איגם שאָטן. שאַקאַלן האָבן געוואָיעט און האָבן געוויס אויפגעוועקט אין איר זכרון פאַרשידענע געשפּענסטן. אָבער זי איז נישט אַוועקגעגאַנגען... זי האָט געמיינט, אַז איך וועל קומען, אַז איך מוז קומען... זי האָט אויסגעקוקט

ווי אַ סטאַטוע... און איך האָב קיין שום באַוועגונג נישט געמאַכט... שטיל, רויק, האָב איך זיך אין דער נאַכט צוריקגעקערט אין מיין לאַגער, ווו די געצעלטן האָבן געהאַט אַ דורכזיכטיקן גלאַנץ. לאַנג, ביז שפעט אין דער נאַכט האָב איך זיך צוגעהערט צום ווינטעלע אינם מדבר און ווי די כוואַליעס קרעכצן פונדערווייטנס...

XL

משה האָט געפירט אַ שמועס צווישן אַ גרופּע זעלנער, וועלכע זענען געשטאַנען און געקוקט אויף יענער זייט שטעכעדיקע דראָטן, ווי עגיפּטער האָבן זיך געשפּילט אין יאָגעניש, פּונקט ווי שילער בעת אַ הפסקה.

מיט זיין איבערצייגנדיקער שטימע, מיט זיין וווקס, מיט זיין גאַנצער פּערזאָן, האָט ער אַלעמען איבערגעקויפט, האָט אויסגענומען ביי אַלעמען און צוגעצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט ער תמיד באַנוצן די ענגלישע שפּראַך, אַז אַלע זאָלן אים פאַרשטיין. כמעט תמיד האָט ער איין האַנט געהאַלטן צוגעפּגעדריקט אין זיין קעשענע און מיט דער צווייטער האָט ער געמאַכט פאַרשידענע באַוועגונגען, און קיינמאָל האָט ער נישט געזוכט קיין אָנלען-פּונקט, כדי מער אימפּאָזירן. זיינע באַוועגלעכע אויגן האָבן זיך דורכגעטראָגן אויף אַלעמענס פּנימער, כדי צו זען, וואָסער איינדרוק ס'האָבן געמאַכט זיינע ווערטער. און אויב ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער האָט באַמערקט צווישן עולם אַ סצעפּטיקער, פלעגט ער זיך איינגאַנצן פאַרגעסן און ריידן בלויז צו יענעם, פּונקט ווי דער סצעפּטיקער וואָלט געווען דער איינציקער ציל פון זיין דרשה.

„זיי דערפילן, — האָט ער געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף די אַרבעטער, — אָן שום ספק אַן אייביקע אַרבעט, וועלכע לאָזט זיך נישט מעסטן מיט קיין דורות. דידאָזיקע ווערק זענען דויערהאַפטער, ווי די ווערק פון טעבעס, מעמפיס אָדער קאַרנאַק...

„צי די זאַמדן זענען ווי וואָלקנס אָדער ווי כוואַליעס, צי דער מדבר ברענט זיי, אַלץ איינס, דידאָזיקע פּויערים בויגן די רוקנס, שלעפּן קערב, לייגן רעלסן, נישט וויסנדיק פון זייער העלדישקייט. זיי פאַרווירקלעכן פּלענער, וועגן וועלכע ס׳האָבן געחלומט באַרימטע זיגער... דידאָזיקע אייזנבאַן-וועגן, וואָס זיי לייגן דורך אין מדבריות, דאָסדאָזיקע וואַסער, וואָס פליסט דורך רערן ביז צו דער הייליקער ערד, ס׳איז אַ גרויסע זאַך דאָס איז! אַ פאַרווירקלעכטע אוטאָפּיע!... גאַנצע שטעט וועלן אויסוואַקסן, ווי לופט-שפּיגלען אויף די זאַמדיקע האָרי-זאָנטן, שטעט, וואָס דאָס אויג האָט נישט אָנגעזען.

„אויף אַזאַ אופן גיבן זיי דער עלנדער מענטשהייט אַ ביישפּיל, וויאַזוי די געשיכטע גלייכט אויס די חשבונות... אַמאָל, אין די לעגענדאַרע צייטן פון די פּרעהס, האָבן זייערע אבות געמאַטערט די יידן ביי פּתום און רמסוס. זיי האָבן געבויט פּיראַמידן, אָבעליסקן, האָבן געדרייט שווערע מילשטיינער, גע-גראָבן קאַנאַלן און געקנאָטן ציגל. מען האָט זיי געהרגעט, גע-שלאָגן און זיי האָבן גערופן צום אויבערשטן נאָך הילף...

„קוקט אויף היינטיקע געשעענישן. דידאָזיקע מצרים, צי מאַטערט מען זיי נישט, צי זענען זיי נישט אין דיזעלבע באַ-דינגונגען, ווי אַמאָל אונדזערע אבות? באַטראַכט זיי, די קנעכט פון אונדזער כּוח, וואָס אַרבעטן פאַר אונדז, וואָס עפענען אונדז וועגן, כּדי מיר זאָלן זיך צוריקקערן אין אונדזער היים. זיי פילן אפשר נישט די שנאה און די טיראַניע פון אַ שונא, וואָס האַלט זיי אונטער זיין הערשאַפט, אָבער זיי ליידן פון דער אכזריות, וואָס די דורות האָבן דערלויבט צו פאַרשאַפן די, וועלכע האָבן נישט געקענט שיצן זייער פרייהייט און נישט געשטרעבט צום ליכט, צוזאַמען מיט אַנדערע פעלקער... צווישן זייערע אָנפירער געפינען זיך געוויס יידן, וועלכע שמייכלען מסתם אויף דער קליינער נקמה פונם גורל... אָט דאָס איז די קאָמישע זייט פון דער געשיכטע"...

XLI

אויפהייבנדיק זיך אינדערפרי, האָב איך געזען, ווי אַ שוואַלב טראָגט זיך דורך נידעריק ביי דער ערד. זי האָט זיך ניט געשלענגלט, כּדי צו כאַפּן פליגן. זי האָט דורכגעשניטן די לופט מיט אירע שפּיציקע פליגלען. זי איז געפלויגן גלייך, און מיין אויג איז איר נאָכגעגאַנגען איבער די זאַמד-בערג, ביז די בלויקייט פון הימל האָט זי איינגעהילט. אין מיינע אויערן האָט אָפּגעהילכט איר פּישטשעריי, ווי צאַרטע מוזיק-טענער.

ס'איז איינער פון די פרימאָרגנס, ווען מיין יוגנט איז שטאָלץ, ווייל זי פאַרמעסט זיך מיט דער שיינקייט פון דער זון. מיין ליבע קרעכצט אין מיר, ווי דאָס קול פון די טירקל-טויבן אין טייטלבוים-וואַלד. די תּאווה דריקט מיך, פונקט ווי אַ שווערקייט דריקט די טרויבן-הענגלעך, וואָס דאַרפן ווערן אַראָפּגעריסן, און איך לעכץ נאָך אַ פרוי, וואָס וואָלט באַהערשט מיין לייב. דער מדבר איז פריש, ווי אַ רויקער ים. די זאַמד-בערג בויגן זיך און מיט ליבשאַפט באַהעפטן זיי זיך אינם ליכט. די זאַמדן האָבן תּאווה און אַ חשק זיך צו ליבן. אָבער קיין זאַפט שפּריצט נישט און קיין זוימען זעגען נישטאָ. יאָ, פלעקן גראָז האָבן זיך באַוויזן צווישן די זאַמדן, לעבן אַ טייטל-בוים. פרילינג. שמעקעדיקע ריחות דרינגען מיר אַריין אין נאָז. זיי קומען פון גאַנץ ווייט, זיי קומען אפשר פון די לבנון-בערג, מיטברענגענדיק די נשמה פון וועלדער און גערטנער. אפשר האָבן זיי אויך גערוט אויף דער רויז פון שרון און אויף דער ליליע פון די טאָלן פון לאַנד יהודה. פרילינג, פרי-לינג. דער פרילינג טראָגט זיך פאַרביי מיט שלאַקס-רעגנס, מיט געוויטערס פון זאַמדן, מיט וואָלקן-ברוכן, און ער ברענגט נישט קיין נייע בלעטער, קיין דראָזדן אויף די לעבעדיקע פלויטן, קיין ווייסע בלומען אויף קאַרשנביימער און אויף עפּלביימער.

ער טראָגט זיך פאַרביי, ווי אָט דידאָזיקע שוואַלב,

איבערלאָזנדיק אינם בלוטאָ ן אומפאַרלאָשענע תאווה, וואָס ברענט, ווי דער זומער...

XLII

משה איז אַוועקגעפאָרן מיט אַ הונדערט אַנדערע. זיין התלהבות איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער איז געווען ענלעך צו אַ שיכּורן מענטשן. ענדלעך האָט ער באַקומען די מעגלעכקייט צו ווערן אַן אמתער זעלנער, פילן ווי דאָס האַרץ צאַפּלט פון פרייד, צוקוקן זיך ווי טערקן זענען צעשמעטערט און ווי זייערע קערפּער וואַלגערן זיך אין בלוט. מען האָט געקענט מיינען, אַז ער וואָט בלויז געלעבט צוליב דעררזאָיקער שעה, אַז זיין גאַנצע יוגנט, אַז זיינע אַלע געדאַנקען האָבן זיך אינם לויף פון זיין לעבן אַנטוויקלט, נישט ווי קיין בלאַט וואָס ציט זיך צום ליכט, נאָר ווי זיי וואָלטן די גאַנצע צייט אויסגעקוקט אַ באַגנעט, אַ ביקס, אָדער אַ גראַנאַט, כּדי עס לאָזן אויף אַן אַנדער מענטשן, ער זאָל מער נישט לעבן.

מען האָט אַרויסגעפאָדערט די פרייוויליקע אין ירדן-טאָל. די ענגלענדער האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ ווידערשטאַנד, וואָס זיי האָבן נאָך קיינמאָל נישט באַגעגנט אין פּאַלעסטינע. די היים האָט געפאָדערט בלוט. מען האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו די, וועלכע האָבן געוואָלט אַוועקלייגן זייער לעבן. און זיי זענען געקומען צו לויפן ווי זומער-פייגעלעך צום פלאַם, ווו זיי ווערן פאַרברענט.

צוואָס האָבן זיי זיך געיאָגט? מיר האָבן אָן שום זאָרג געוואַרט אין דעם אַאַזיס אויפן שלום... אפשר האָט מען געוואָלט, מיר זאָלן נעמען אָנטייל אין די שלאַכטן צוליב דעמאָנסטראַטיווע צוועקן? מען האַלט אונדז די גאַנצע צייט פונדערווייטנס — האָב איך געטראַכט — ווייל מען האָט ווייניק צוטרוי צו אונדזער באַטאַליאָן. מיר האָט זיך אויך געדאַכט. אַז די ענגלענדער האָבן זיך געהאַלטן גרויס בנוגע אונדז, ווייל

אין דער אַרמיי פון זיין מאַיעסטעט האָט מען אויף אונדז געקוקט, ווי אויף פרעמדע און מען האָט אונדז געהאַסט.

ווען מען האָט דעם באַפעל אויסגעהאָנגען אין לאַגער, איז געוואָרן אַ שטופּעריי. כמעט אַלע מענטשן האָבן זיך געשטעלט. זיי האָבן זיך געדריקט ביים אַריינגאַנג פונם קאָמענדאַנטס געצעלט, ווי אויסגעהונגערטע, וועלכע וואַרטן, מען זאָל זיי אַרויסוואַרפן אַ שטיקל ברויט. מען האָט דאָרט געשריגן, געבעטן רחמים. מען האָט בלויז אויסגעקליבן אַ מאַן הונדערט, די, וועלכע מען האָט געקענט פאַר די גרעסטע פאַנאַטיקער און וועלכע האָבן געקענט ברענגען כבוד דעם באַטאַליאָן.

איך האָב געלייענט דעם באַפעל און זיך געמאַכט נישט וויסנדיק. מען האָט באַמערקט מיין גלייכגילטיקייט. מען האָט מיך מכבד געווען מיט אַ פּאָר קללות. איך האָב דערויף נישט געלייגט קיין אַכט. אַזוי לאַנג ווי מיין כוח וועט קענען געבן אַ ווידערשטאַנד — ווייל מיין פאַראייניקטע שוואַכקייט קען נישט געבן קיין ווידערשטאַנד — וועל איך נישט גיין מיט מיין גוטן ווילן; אַזוי לאַנג ווי איך וועל זיך קענען פאַרהיטן, מען זאָל מיך נישט פירן אין יאַטקע, ווי אַ געפּענטעטע חיה, וועל איך אָנווענדן אַלע מיטלען, כדי זיך אַרויסצודרייען...

דאָך, מיין איך, אַז ס׳וועט קומען אַ טאָג, ווען מען וועט מיר נישט דערלויבן זיך וואַקלען, האָבן חרטה און דעמאָלט וועט אויסקומען צו גיין. דעמאָלט וועל איך קריצן מיט די ציין, דערשטיקן אין זיך מיין אויפרעגונג, וואָס וויל ריטשען, צעפליקן מיין ברוסט, און איך וועל פאַרשטאָפּן דאָס מויל. איך וויס אָבער, ליידער, אַז דאָרטן, דערזעענדיק בלוט, וועט זיך אפשר די חיה אין מיר אויפוועקן מער ווי ביי אַנדערע, און איך וועל הרגענען.

און איך הייב אָן צו לאַכן, ווי אַ משוגענער... אָך, די אַלע, וואָס פאַרפאָלגן זיך מיט פייער און שטאָל, ווען זיי וואָלטן זיך נאָר געוואָלט דערקענען און אַוועקוואַרפן דעם שקר? ווען זיי וואָלטן נאָר געוואָלט האָבן דעם כוח און דעם שטאָלץ אויסצורופן אויפן קול דאָס, וואָס יעדער איינער האָט פאַרשטאַנען און טראָגט עס

אַרום אין זיין פאַרטרויערטער נשמה, דעמאָלט זאָלט אויף אַלע פראָנטן, פון איין עקאָפּ אינם צווייטן זיך דורכגעטראָגן דאָס וואָרט פון דערלייזונג, דאָס וואָרט „ניין״. דאָס וואָלט געווען, ווי מיט אַ האַק איבער די קעפּ פון די אָנפירער.

ביזן אַוועקפאָרן האָבן די פרייוויליקע געזונגען אין העברעיש לידער פון ליבע און מלחמה, בעת די וועלכע זענען פאַרבליבן, האָבן זיי אַרומגערינגלט און האָבן זיי מקנא געווען.

משה איז געקומען מיר דריקן די האַנט און מיר האָבן זיך צעקושט. קיין איינציק וואָרט האָבן מיר נישט אויסגערעדט. איבעריקנס, וואָס האָבן מיר געהאַט צו ריידן? זיינע אויגן האָבן פיבערהאַפט געציטערט און זיינע פינגער האָבן זיך צוזאַמענגעדריקט. ער האָט זיך געאיילט צו פאַרלאָזן מיין געצעלט, מען זאָל אים נישט באַמערקן, ווייל איך בין געווען דער אָפּפאַל און אַ קראַנקע שעפּס אין דער סטאַדע. וועגן אים האָב איך געהאַט דעם מיינונג, אַז ער איז איינער פון די בעסטע. איך זע אים תמיד ליגן צווישן די טויטע, און ער וועט געוויס זיין פון די ערשטע. איך וואָלט געוואָלט אים אויפהאַלטן און צו אים זאָגן: „פאָר נישט, ברודער. מען האָט אונדז אָפּגענאַרט. איך האָב אויך געמיינט, אַז מיין טויט וועט זיין אַ קרבן, כדי די גערעכטיקייט זאָל הערשן צווישן אונדז. דידאָזיקע ערד, פאַר וועלכער מיר זענען זיך געקומען שלאָגן, וועט קיינמאָל צו אונדז נישט געהערן. די ערד איז נישט אונדזערע און נישט זייערע, זי געהער צו אַלע מענטשן מיט גוטן ווילן. זיי זאָגן זי אונדז צו, כדי מיר זאָלן הרגענען און כדי מיר זאָלן זיך לאָזן הרגענען. זאָל מען אונדז לאָזן צוריק אין אונדזער היים און צו אונדזער אַרבעט.״ איך וואָלט דעמאָזיקן מאַן אָנגעזאָגט נאָך אַ סך זאַכן, אָבער צי וואָלט ער מיך אויסגעהערט?

איך האָב געהערט דעם יידישן ערנסטן, וויבּרירנדיקן הימן, וואָס ציט זיך צום הימל, צו דער זון, צום פרילינג, באַכדעם הוראַען, אויסרופן, „פאָרגעזונטן״, „זיי געזונטן״. דער מדבר איז פאַרזונקען געוואָרן אין זיין אומבאַוועגלעכקייט. אין

לאַגער איז די סימעטריע פון די געצעלטן צעשטערט געוואָרן, ווייל די, וועלכע זענען אַוועקגעפאָרן, האָבן מיטגענומען זייערע געצעלטן, איבערלאָזנדיק פוסטע שטחים, פונקט ווי ס׳וואָלטן געווען קברים...

XLIII

היינט אינאָוונט איז אַבדעל-לאַטיף אָנגעקומען פון על-בורזש, אַ קליינע סטאַנציע, נישט ווייט פון על-אַריש, ווו ער האָט געוויילט אַ וואָך צייט. מען האָט אים דאָרט אַוועקגעשיקט מיט אַ מאַן הונדערט. דער אינזשיניר פון ר. ע. האָט זיי אַרויסגעפאָדערט, זיי זאָלן אין געשלענגלטע שורות איינפלאַנצן שטעכעדיקע קוסטעס לענגאויס דער באַן-ליניע, כדי דאָס זאַמד זאָלן נישט פאַרשיטן די רעלסן. מען האָט אים אויסגענוצט ווי אַן אויפזעער, ווי אַן איבערזעצער, און זיין פלאַץ, וואָס מען האָט אים פאַרטרויט אין געווען זייער אַ וויכטיקער.

אין די סביבות פון על-בורזש זענען די זאַמדן הויכע און טיפע, און ביים קלענסטן צפון-ווינט באַוועגן זיי זיך מיט אַ שטאַרקן כוח און מיט אַן אומגעהויערער שנעלקייט. אייערנעכטן האָט ער איבערגעלעבט אַ „סאַמון״, וועלכער האָט געווירבלט אַ גאַנצן טאָג. ער איז שיער נישט פאַרשאָטן געוואָרן פון די זאַמדן, וועלכע האָבן אים פאַרמויערט אין זיין געצעלט. ער האָט זיך געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט, אַ דאַנק זיין קאַלטבלוטיקייט און אַ דאַנק זיין דרייסטן קאַמף קעגן דעם מדבר.

דער אוראַגאַן האָט אָנגעהייבן צו ווירבלען פון באַגינען אָן. אָוונטצייט האָט דער ווינט געברענט. ס׳האָט געקאָכט אינדערלופטן. מען האָט געפילט, אַז עס באַוועגט זיך עפּעס אויפן האָריזאָנט, פונקט ווי אַן אומגעזעענע אַרמיי, וואָס קריכט און פויזעט צווישן די גראָזן. עפּעס אַ שווערקייט איז געהאָנגען אינדערלופטן, וואָס האָט געדריקט. דער מדבר האָט געוואַרט אויף אַן איבערקערעניש.

דאָס זאַמד האָט געפּייפט ווי שמייסענדיקע רימענס, גע-
מיאַאוקעט. אומעטום אַריינגעדרונגען מיט זיין אָנממשותדיקן
שטויב, אין די לונגען, אין די געצעלטן אין די מאַגאַזינען,
אין די פּראָוויאַנטן... די זאַמד-בערג האָבן זיך פּאַוואָליע באַ-
וועגט. אין איין אויגנבליק זענען זיי פאַרשוווּנדן געוואָרן און
ווידער אויסגעוואַקסן און אָנגענומען פאַרשידענע פאָרמען: ווי
פּיראַמידן, קאָנוסן, ווי ברייטע רונדיקע פלאַכלענדער, און ווי
צונויפגעפּלאָנטערטע כוואַליעס. דאָרט, וווּ ס'איז געווען די
קלענסטע שטערונג, וואָס האָט געקענט אָפּהאַלטן זייער גאַנג,
קוסטעס, העלצער, פאַרפּוילטע צווייגן, דאָרט האָט זיך דאָס
זאַמד צונויפגעקליבן און זיך געוויקלט ווי אַ קנויל... פאָרמירט
אויסטערלישע קליינע בערגלעך, וועלכע זענען תיכף נעלם גע-
וואָרן... קופּערנע וואָלקנס האָבן אַראָפּגעהאָנגען ווי שמאַטעס,
אָנגעבלאָזן פון היץ. ס'איז געווען שווער צו דערקענען, צי
ס'איז אָנהויב טאָג, צי דער סוף פונם אָוונט... די פאַרוויסטונג
איז דאָרט געהאָנגען ווי אַ קללה... ס'איז געווען אַ מין תפיסה.
אין די שלייפן האָט געקלאַפּט, די לעפלעך זענען ווי מיט
בליי געווען אָנגעגאָסן און אין גאָרגל האָט געשטיקט... פאָדערן,
די מענטשן זאָלן גיין אויף דער אַרבעט איז געווען אַ משוגעת!
אַן אויסגעצויגענער, האָט ער גערופן דעם שלאָף, וועלכער איז
נישט געקומען. ער האָט געוואָלט פאַרשטאָפּן זיינע רעיונות
מיט אַ געדאַנק, אָבער ס'האָט אים דאָרט געדרייט, גלייך ער
וואָלט געווען שיכּור.

אינדרויסן האָט זיך דער ווינט געוואָרפן אויפן געצעלט
און עס געטרייסלט מיט צאָרן, הגם עס איז געווען גוט צוגע-
מאַכט און די פלאָקנס טיף אַריינגעקלאַפּט, ער איז געווען זי-
כער, אַז אָט-אָט לייגט זיך דאָס געצעלט אום אויף אים. די
ליוונט האָט געטראַסקעט, ווי ס'וואָלט זיך געריסן. ער האָט
אָנגעצונדן אַ ליכט, ווייל ס'איז געווען שטאָק פינסטער. אַלע
זאַכן האָבן אויסטערליש געטאַנצט אַרום אים און זיי
האָבן זיך אים פאָרגעשטעלט ווי דורך אַ נעפּל. די שטימען האָבן
געמאַכט דעם איינדרוק, גלייך זיי וואָלטן זיך דערטראָגן פון

גאַנץ ווייט. געזאַנגען, געלעכטערס זענען געווען אויסגעמישט צוזאַמען. ער האָט דערקענט זייער שמייכלענדיקן גוטן הומאָר, וועלכן זיי האָבן אַרויסגעוויזן, נישט געקוקט אויף זייערע שווערע איבערלעבונגען. זייער פעסטקייט און זייער זאָרגלאָזיקייט האָבן אַ סך מאָל צעקלאַפּט זיין ווילן. אין דערדאָזיקער סכנות-דיקער שעה האָט ער געטראַכט אויף וויפל ס'איז נייטיק דער גייסט פון אַחדות, וואָס מען שטעלט איין צווישן מענטשן און אַנפירער, וועלכע מען מאַכט אָפּהענגיק אייגעם פון אַנדערן...

זיי האָבן געדאַרפט קעמפן, דאָס זאַמד זאָל זיי נישט פאַרשיטן און אַז די מאַסט-ביימער פון די געצעלטן זאָלן נישט צעריבן ווערן ווי גראָז... דאָס האָט אים אַריינגעגעבן אַ געדאַנק, אַז ער וואָלט זיי אפשר געדאַרפט באַדראָען, זיי זאָלן אָפּקערן די זאַמדן, וועלכע האָבן געקענט אָפּשטעלן די באַוועגונג פון די באַנען. אָבער דעמאָלט וואָלט מען זיך געוואַקלט, געמורמלט, געבונטעוועט! זיי וואָלטן זיך אפשר אַלע נישט געשטעלט אויפן רוף! אַלזאָ, ער וואָלט געדאַרפט אַריינדרינגען אין די געצעלטן, זיי איינרעדן, זידלען זיי, וואָס אים וואָלט געקאָסט געזונט.

ער האָט אָבער געפילט, גלייך זיין גאַנצער גוף וואָלט אָנגעגאָסן געוואָרן מיט בליי...

זיינע לעפּלעך זענען געווען פאַרשטיינערט, ווי שאָלן. ער האָט געפילט, אַז ער לאָזט זיך אַראָפּ אין אַ ברונעם, ווו ער ראַנגלט זיך אומזיסט, כדי אָנצוכאַפּן זיך פאַרן שטריק, וואָס ער האָט געזען זיך שאָקלען און וועלכער האָט אים געקענט ראַטעווען. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער זיך געחידושט, פאַרוואָס ער געפינט זיך נאָך דאָרט און באַטראַכט זיינע גלידער, גלייך זיי וואָלטן צו אים נישט געהערט. ער האָט געמאַכט איבער זיך אַן אָנשטרענגונג, אָנגעצויגן זיינע מוסקולן און אין אַ געוויסער מאָס באַהערשט זיין גייסט.

ער האָט זיך אויפגעהייבן. ער האָט געזוכט די שטריק מיט וועלכע מען פאַרבינדט דעם אַריינגאַנג אין געצעלט, אָבער ער האָט זיי נישט געפונען. ער האָט באַמערקט, אַז די לייוונט

איז אָנגעצויגן דורך אַ משא, וואָס דריקט זי פון אויסנווייניק, אַז אַלע זייטן זענען אָנגעבלאָזן, אַז דאָס געצעלט ווערט פּאַוואָליע שמעלער אַרום אים און אַז דאָס זאַמד דרינגט אַריין דורך די שפּאַלטן און, סקריפּענדיק, פליסט עס כסדר. ער האָט שוין מער נישט געהאַט דעם שטורעם, גלייך גרויסע בניגים וואָלטן זיך אומגעלייגט. ער האָט מער נישט געהערט דעם ווירבל פון די זאַמדן. די שטימען פון זיינע מענטשן זענען געווען טויט.

די היץ האָט אים געשטיקט... ער האָט פאַרשטאַנען... ער האָט זיך אָריענטירט. איין שניט מיט אַ מעסער און ס'איז געוואָרן אַ גרויסער לאָך אינם לייוונט. זאַמדן האָבן זיך אַריינגעזיפּט.

מיטן קאָפּ פאָרויס, די אויגן צוגעמאַכט, די הענט אויסגעצויגן, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אינם חלל, וואָס האָט זיך פאָרמירט אַרום זיין גוף און געגאַנגען אים איינשלינגען. מיט זיינע פינגער האָט ער געגנישטערט, געגראָבן, געריבן די זאַמדן, וועלכע האָבן אים צעבראָכן די נעגל, פאַרוואונדעט דאָס פנים און, סאַפּענדיק האָט ער זיך דורכגעלייגט אַ וועג... ס'איז געווען פרימאָרגן, אַ פרימאָרגן פול מיט ליכט, בלויקייט און פרישע ריחות.

דער מדבר איז רויק געשלאָפן. די פּעיזאַזשן פון די זאַמד-בערג האָבן בלויז געביטן זייערע ערטער... ער האָט געטאָן דריי פייפן און זיינע מענטשן, וועלכע האָבן אים געזוכט, זענען זיך צונויפגעקומען איינציקווייז, נאָכדעם מחנותווייז, איינגעהילט אין זייערע מלבושים, די קערב אויפן קאָפּ, שלעפּנדיק די לאָפּאַטעס, און מיט זייערע פאַרשטויבטע פנימער האָבן זיי אויסגעקוקט ווי אויסטערלישע פּאַיאַצן מיט טייוולאָנישע באַוועגונגען...

ער האָט אַרויסגעגעבן קורצע שטרענגע באַפעלן. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט מיט די פיס אונטער זיך. דער „טאַבאָר” האָט זיך אויסגעשטעלט אין אַ קייט און, מעלדנדיק זיי, אַז ער איז אָפּגעמאַטערט און קראַנק, האָט ער זיי אַוועקגעפירט צו די

רעלסן. און זיי זענען אים געהאָרכזאַם נאָכגעגאַנגען צווינגענדיק זייערע לידער...

XLIV

משה איז געהרגעט געוואָרן. אויף אַ שוואַרצער טאַבליצע ביים אַריינגאַנג אין דער קאַנצעלאַריע איז געהאָנגען אַ פּאַפּירל, געשריבן אויף אַ מאַשין, ווו ס׳איז געווען דערמאָנט וועגן זיין טויט, מיט דער גלייכגילטיקייט פון אַלע לאַגער-אינפאָרמאַציעס. אין דעמדאָזיקן פרימאָרגן האָב איך זיך אויפגעהייבן מיט דער גאַנצער הימלישער בלויקייט אין מיין האַרצן, נישט פילנדיק די משא פון מיין פאַרשקלאַפטן בגד. אדרבא, איך האָב זיך געשפּירט יונג פריש. אָבער דידאָזיקע ידיעה נאָגט מיך. ס׳פאַלט אָן אויף מיר אַ גוואַלדיקע מרה-שחורה, נישט דערפאַר ווייל דערדאָזיקער מענטש איז שוין נישטאָ — ער שטאַרבט אָפּ מיט יעדן דופק פון מיין האַרצן — נאָר צוליב דער התלהבות, צוליב דעמדאָזיקן כוח, וואָס איז אויף שטענדיק אָפּגעשטאָרבן, פאַר וועמען און פאַר וואָס?

„משה איז געהרגעט געוואָרן, משה איז געהרגעט געוואָרן”! דידאָזיקע פראַזע חזר איך איבער כסדר און זי דרייט זיך אין מיין מעלאַנכאָלישן ווען. דאָך, איבעראַשט מיך נישט זיין טויט. פון דער ערשטער באַגעגעניש אָן האָב איך באַלד געוווסט, אַז ער וועט אומקומען, ווי נאָר ער וועט קומען אין באַרירונג מיטן שונא.

דאָס האָט פּאַסירט ביי די פאָדערשטע פּאָסטנס, וועלכע הענגען איבערן „וואַדי” מעלאַאַה. מען האָט אים געשיקט מיט זיין סערזשאַנט אויף אויספאָרשונגען. ווי נאָר זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן איבער די וויסטע שטעגן, האָט זיי באַגעגנט אַ טערקישער פּאַטרול, וועלכער האָט זיי אַוועקגעלייגט אויפן אָרט.

איך זע איצט, ווי זיינע אויגן גלאַנצן פון פרייד, באַקומענדיק אַזאַ סכנותדיקע שליחות, פּונקט ווי אינם טאָג פון זיין אַוועקפאָר. איך זע זיינע נערוועזע זשעסטן, זיין צונויפגעדריקטן

מויל און דעם אימפעט פון זיין גאַנצן גוף. איך זע אויך, ווי דערדאָזיקער התלהבותדיקער יינגער גוף ליגט אומבאַוועגלעך, ווי אַ פאַרברענטער שטיין, אָדער ווי אַ פאַרדאַרטער קלאָץ. דע־רין איז געלעגן זיין גאַנצע אַמביציע. ער איז געווען איבער־צייגט, אַז זיין טויטער גוף וועט ברענגען נוצן און זיין בלוט וועט צוגעבן כּבוד דעם פאָלק ישראל.

ער האָט זיך געווינטשן אַזאַ סוף, ווי אַ פאַנאַטיקער, מיט אַ מין געוואַלדיקער תּאווה. איין זאַך האָט אים אפשר פאַר־דראָסן, וואָס ער האָט נישט אויסגעהרגעט קיין סך טערקן, וואָס ער האָט אויף זיי נישט אויסגעלאָזט זיין שרעקלעכע שנאה. איצט וועט ער שפּילן די ראָל פון אַ העלד. זיין נאָמען וועט באַפּוצט ווערן מיט קלינגענדיקע פראַזן און וועט דינען אַלס יירונג פון אויפשטאַנד און נקמה.

אַרום מיר, אויף דער זון, שטייען זעלנער און שמועסן וועגן זיין טויט, באַקלאָגן זיך, וואָס זיי האָבן נישט קיין שום פּרטים פון יענער נאַכט-עקספּעדיציע. זיי האָבן אַרומגערעדט וועגן משהס שטאַרקער פּערזענלעכקייט, ווערכער האָט זיי זייער אָפט באַגײַסטערט. שטיל און פאַרטרויערט זענען געוואָרן זייערע שטימען, פונקט ווי דער פאַרשווונדענער משה וואָלט זיך צוגע־האָרכט צו זייער שמועס, און זייער גאַנצע גרופּע פּרעסט זיך צונויף, גלייך זיי וואָלטן געוואָלט באַהעפטן זייערע נשמות, כּדי צו האָבן אַ בעסערע השגה וועגן משהן...

„משה איז געהרגעט געוואָרן, משה איז געהרגעט געוואָרן". דידאָזיקע פראַזע וויברירט אין מיין מוח, ווי אַ טרויעריקער קאַטאַרינקע-געזאַנג אין אַן אָרעמען קוואַרטאַל און איך קען פון איר נישט פּטור ווערן... איך וויל זיך באַפרייען פון דערדאָזי־קער גייסטיקער פאַרבינדונג. איך רוף אַרויס אין מיין דמיון פאַרשידענע אויסשניצונגען פון די טייטלביימער, איך וויל דער־וועקן די טרוימען, וואָס די זאַמדן זענען גורם. אָבער משה וועט תּמיד זיין שטאַרקער פון מיר... זיין אָנוועזנהייט גייט מיך נאָך, ווי מיין שאָטן וואָס ליגט לעבן מיינע פיס. איך בין פאַרמשפּט אַרומצוטראָגן זיך מיט דידאָזיקע ענוים אַ גאַנצן טאָג

און אפשר נאָך מאָרגן אויך. אָבער מיינע רעיונות וועלן זיך נישט אַראָפּלאָזן צו אים אין קבר אַריין, כּדי צו באַקומען שפּייז און זאַפט...

XLV

איך האָב איבערגעלייענט דעם שיר-השירים. און די נאַכט האָט מיך איינגעהילט, די נאַכט, וועלכע איז אומבאַמערקלעך, ווי דער מדבר. די בילדער, וועלכע האָבן אין מיר אַרויסגערופן באַגייסטערטע ווערטער, האָב איך צונויפגעמישט מיט אַזױ זאָס פּנים און קערפּער, און דידאָזיקע באַהעפטונג האָט אין מיר אַרויסגערופן אַן אויסערגעוויינלעכע תּאווה. תּאווה!... מיינע דלאָניעס האָבן זיך אויפגעעפנט, גלייך זיי וואָלטן געגאַנגען אָננעמען צוויי ברוסטן און מיינע אויגן האָבן זיך פאַרטיפט, זוכנדיק די אומבאַשטימטע פאָרמען פון אַ פרוי, וועלכע האָבן זיך באַוועגט אויף די זאַמדן.

ס'האָבן זיך דערהערט וויכע טריט אויף די זאַמדן, לעבן מיין געצעלט. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז עמיצער איז מיר געקומען זוכן, און איך בין שוין געווען גרייט זיך אויפצוהייבן. אַבדעל-לאַטיף האָט זיך באַוויזן מיט ברילן אויף זיינע לייכט-געקנייטשטע אויגן. צווישן די פינגער האָט ער געהאַלטן די בערנשטיינענע פּאַטשערקעס און מעשה-מאַטראָס געקייקלט זיין גרויסן קערפּער.

„קומט שנעל" — האָט ער צו מיר געזאָגט. זיין שטימע האָט געציטערט פון אומגעדולד. זיין פּנים איז געווען שטרענג און אויף זיין מויל האָט געשוועבט אַן אומבאַמערקלעכע איראָניע. ער איז אַוועק, נישט וואַרטנדיק ביז איך וועל אים ענטפערן, ביז איך וועל מיך אויפהייבן, פּונקט ווי ער וואָלט געווען זיכער, אַז איך וועל מסכּים זיין. איך האָב אויסגעלאָשן דאָס ליכט און אַוועק נאָך אים. איך האָב אים גאָרנישט איבערגעפרעגט, און אויך ער האָט געשוויגן.

ער האָט מיך אַוועקגעפירט אין זיין לאַגער. די געצעלטן

האָבן געלויכטן, באַפלעקט מיט באַוועגלעכע שאָטנס. ס׳האָט מיר געחידושט, וואָס איך האָב נישט געהערט דעם אומפאַרמיידלעכן גערויש וואָס מ׳הערט אין אַ לאַגער, איידער מען גיט אַרויס דעם באַפעל: „אויסלעשן די ליכט״. און די אַרבעטער האָבן זיך היינטיקן אָוונט נישט איינגעוויגט מיט זייערע אייגענע מעלאָדיעס. באַלויכטענע דרייעקן האָבן זיך געשפּיצט אויף דער ערד. די ווענטער מיט זייערע שטעקנס האָבן אַרומגעשפּרייזט לענגאויס די שטעכעדיקע דראָטן. אונדזערע טריט האָבן געסקריפּעט אינם זאַמד. אַבדעל-לאַטיף איז געגאַנגען פאָרויס... זיינע ברילן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט. ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז ער געפינט זיך ווייט פון מיר, איינגעהילט אין סודות און אַז אומזיסט שטרענג איך אָן מיינע כּוחות אים נאָכצוגיין.

ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך גיי אָן אַ סוף.

מיר זענען צוגעקומען צו דער „מאַרקיזע״, צום געצעלט, וואָס דינט אַלס קלוב פאַר די אָפיצירן. עס איז געווען צוגעמאַכט. אַ הייזעריקער גראַמאָפאָן האָט געדרייט אַ טייוולאָניש לידל פון די מוזיק-זאַלן, אַ לידל וואָס רופט אַרויס אין אייער זכּרון די מיידלעך, וואָס טאַנצן פלינק אין ראַזאָווע און אין בלויע הייזלעך און מיט זייערע מאָגערע הענט מאַכן זיי די שענסטע באַוועגונגען.

ציטערנדיקע געלעכטער פון שיכּורים, אָפּגעריסענע ווערטער, גלייך זיי וואָלטן זיך געקוילערט אין גאַוער, מיאוסע קללות, די ערגסטע עגיפּטישע זידלערייען, איבערגעדרייטע שטולן. אַבדעל-לאַטיף האָט אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויף זיינע ליפּן און מיר אַ ווונק געטאָן, איך זאָל אַריינקוקן דורך אַ שפּאַלט אינם לייוונט.

אַ שטאַרקער ריח פון בראָנפן און די פלעצלעכע פאַרבלענדנדיקע שטראַלן פון אַ נאַפט-לעמפּל, וואָס איז געהאָנגען אויף אַ דראָט, האָבן מיר אַ שלאָג געטאָן אין פּנים. ס׳האָט מיר אָנגעהייבן צו עקלען.

צוויי אָפיצירן פון דער קאָמפּאַניע, שאָקלענדיק זיך, די האָר צעשויבערט, די אַרבל פאַרשאַרצט, די חיהשע פּנימער

אָנגעגאָסן מיט בלוט — איינער דער קליינער געלער קאָמאַנדיר, דער צווייטער אַן אונטער־אָפיציר, וועלכן איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען, אַ פּראַנט מיט ראָזאָווע באַקן, מיט אויגן פון אַ יינג מיידל, מיט פיינע מאַנירן און מיט אויסגעשניצטע שטריכן — האָבן מיט שפּיצרוטעס און מיט מיאוסע ווערטער געצוווּנגען צוויי אַרבעטער זיך אויסצוטאָן.

„זייערע דינער און זייערע קעפּס־ווייבער", האָט מיר אַבּדעל־לאַטיף אַרייַנגעשושקעט.

זייערע שוואַרצע לאַנגע אויגן מיט צונויפגעדריקטע לעפלעך האָבן געהאַט אַ נעבעכדיקן אויסזען. פאַרשעמט און אויפגערעגט, האָבן די שטימען ביי דידאָזיקע יינגלעך געציטערט. זייערע זשעסטן זענען געווען פול מיט הכנעה און זייערע הענט האָבן זיך אומבאַוועגלעך אַראָפּגעלאָזט. זיי האָבן ספּאַזמירט. מען האָט זיי אָנגעהייבן צו לייגן מיט שטעקנס איבער די הינטנס. די כאַקי־לייוונט פון זייערע אוניפאָרמען האָט געפּלאַצט... זיי האָבן געקרעכצט, קוים זיך געהאַלטן אויף די פיס און, דרייענדיק זיך אַרום טיש, האָבן זיי זיך געוואָלט פאַרטיידיקן. דאָס געצעלט האָט צווישן אירע ווענט אויפגעדריקט דאָס גאַנצע ליכט. דער גראַמאָפאָן האָט כסדר געדרייט דיזעלבע שרייענדיקע און קאָמישע נאָטן.

„קום אַהער מאַהאַמעד". „קום אַהער אַלי", „דו לוסטיקער זשיפּאָ", „דו לוסטיקער ממזר". און קלעפּ מיט די פיס און מיט די פויסטן האָבן זיך אויף זיי געשאָטן פון אַלע זייטן.

זיי האָבן נאָכגעגעבן. זיי האָבן אויפגעבונדן די שנירלעך פון זייערע הויזן, אַראָפּגעצויגן זייערע בלוזעס, זייענדיק שטאַרק פאַריאושט. די אָפיצירן האָבן זיי אָנגעקוקט מיט ציטערנדיקע הענט און מיט שוואַנקענדיקע פיס. מיטאַמאָל זענען זיי געבליבן שטיין נאַקעט. זייערע גלידער האָבן אויסגעקוקט ווי פּאָלירטע בראָנז. קיין שום האָר אויף זייער גאַנצן קערפּער, אַ חוץ דעם ציטערנדיקן קוסטעלע אויף זייערע געשלעכטן, וועלכע זיי האָבן פאַרשטעלט מיט די הענט. פון די פיס ביז צום שטערן האָבן זיך געצויגן זעלטענע ליניעס, וועלכע האָבן זיך

כסדר פאַרייניקט. די מוסקולן האָבן זיך לייכט געשפּילט אונ־טער דער הויט. פון די קלעפּ הזבן לאַנגע פּאַסן אַדורכגע־שניטן זייערע הינטנס. זיי זענען אַלט געווען אַ יאָר אַכצן. מען האָט זיי אויסגעקליבן פון טעלעכע הונדערט מאַן, צוליב זייערע יונגע יאָרן און צוליב זייער שיינקייט. איינגעבויגן, בידערגעשלאָגן זענען זיי געוואָרן קרבנות פון זייערע הערשער, נישט קענענדיק אַנטלויפן און נישט פאַרמסרן זיי.

מיט ברענענדיקע אויגן, תאַווהדיקע נאָז־לעכער, ציטערנ־דיק פון קאָפּ ביז די פיס, האָבן זיך די אָפיצירן געוואָרפן אויף די קיילעכדיקע גופים און געשמיסן מיט הייזעריקע גע־שרייען. די עגיפּטער האָבן זיך אינגאַנצן פאַרלוירן, זענען אומ־געפאַלן, געביסן זייערע ליפּן, געריסן דעם זאַמד, געדרייט זיך פון גרויסע יסורים. די שטעקנס האָבן זיך כסדר אויף זיי אַראָפּגעלאָזט און אויפגעעפנט די אַלטע ווונדן. בלוט האָט זיך געגאָסן טראָפּנסווייז.

משוגע פון אויסגעלאַסנקייט, כאָרכלענדיק און טרייסלענ־דיק זיך פון תאַווה, האָבן זיי אָנגעכאַפּט זייערע פאַרחלושטע קרבנות, אויפגעעפנט די שטיק לייוונט, וואָס האָט צוגעמאַכט דאָס געצעלט און זיי אַרויסגעשטופּט אינדרויסן...

איך האָב זיך אָפּגעטראָגן. אָבער איידער איך האָב זיך אַרומגעקוקט איז שוין אַבדעל־לאַטיף נישט געווען. ער האָט, קענטיק, מיר אַליין געוואָלט לאָזן געניסן פון דער סצענע, וועלכע ער האָט שוין אפשר נישט איינמאָל געזען. אָבער ער האָט דערצו גאָרנישט געקענט העלפן.

XLVI

דעם 31 אָקטאָבער 1918 האָבן מיר באַקומען אַ ידיעה וועגן וואָפנשטילשטאַנד מיט טערקיי.

די בלויע לופט האָט געציטערט פון טויזנטער גאָלדענע שטויבעלעך, וועלכע האָבן זיך באַוויזן און פאַרשוווּנדן געוואָרן פאַר מיינע אויגן. לעגענדאַרע בנינים פון שימערינדיקע וואָלקנס

זענען כסדר צעשמעטערט געוואָרן אויפן האָריזאָנט. דער שאַר־
פער ריח פון די פייגנביימער, וואָס די היץ האָט געבראָטן,
איז אַריינגעדרונגען אין מיין געצעלט. ס'האָט זיך אין מיר
דערמאָנט דערוועקט אַ חשק צו פליקן די פירות פון צווישן די־
קאָזיקע סודותפולע בלעטער און פילן ווי זייער קערנדיקע, זי־
סע לייב פאַרשפרייט זיך אין מיין מויל. איך האָב זיך אויפ־
געהייבן פריער ווי געוויינלעך, אָבער פלוצלונג האָט אַ טרומיי־
טער אָנגעהייבן צו שאַלן, כדי מען זאָל זיך צונויפזאַמלען. די
טרומייטער־קלאַנגען האָבן דורכגעלעכערט די לופט ווי קוילן,
און ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער וואָס בלאָזט, האָט דאָרט
אַריינגעלייגט זיין גאַנצע לוסטיקע נשמה. מען האָט געפילט,
אַז די וויבראַציעס פון דעמדאָזיקן רוף, האָבן אָנגעזאָגט אוי־
סערגעוויינלעכע נייעס. מיר זענען אַרויסגעשפרונגען פון די
געצעלטן, לויפנדיק צווישן וואָלקנס שטויב, וועלכע האָבן זיך
געטראָגן אינדערלופטן.

יעדער שאָטן, יעדער זאַמד-באַרג, יעדע זאַך האָט זיך
איינגעקריצט אין מיינע שוואַרצאַפלען, בעת דער קאָמאַנדיר
האָט מיט באַגייסטערונג געלייענט פאַר אונדז וועגן וואָפנשטיל־
שטאַנד. נאָכדעם ווי ער האָט פאַרענדיקט דעם באַפעל מיט
„גאָט ראַטעווע דעם קעניג", האָבן זיך ווילדע געשרייען גע־
לאָזט הערן פון אַלע זייטן, געשרייען, וועלכע זענען געווען
געפאַנגען אין די לונגען און האָבן זיך באַפרייט, מעכטיקע,
משוגענע געשרייען. מען האָט זיך געקושט, געהאַלדזט, געשפרו־
גען, געדריקט זיך די הענט. היטלען זענען געפלויגן אינדער־
לופטן. אַ שמחה! אַ שמחה, וואָס האָט געוואָלט אויסשניצן איר
אייגענע סטאַטוע, באַקומען לעבן, כדי זי זאָל קענען אַריינ־
זופן די אויסהויכונגען פון די ריחות, די פלאַכטעס ליכט און
דאָס האַרץ פון די ווינטן. די פרייד פאַרפלייצט אונדז, לייגט
אונדז פון די פיס. די שיכּרות פון דערדאָזיקער שמחה איז
נישט ענלעך צו אַלע אַנדערע שיכּרותן, צו דער שיכּרות פון
ווין, פון ליבע, פון רייכקייט פון ליידן. וויאַזוי זאָל מען זי
אויסדריקן, דורך וואָסער שטימע, דורך וועלכן זשעסט? מען

איז ווי אַ ווילדע חיה, וואָס האָט אָקאָרשט צעבראָכן די שטאַנ־
געס פון זיין שטייג און וועלכע צווייפלט נאָך אין איר פריי־
הייט, ווייל די לופט, דער שטח, און דער ווינט דרינגען אַריין
אין איר; און זי ווערט צעטומלט, וואַקלט זיך פאַר דעם גליק און
האַלט זיך אָפּ מיט איר גרויסן שפּרונג צו דער פרייהייט...

אַך, די זעלנער! ס'איז גענוג געווען דידאָזיקע איינציקע
שעה, אַז ס'זאָל אַרויסגעשלאָגן ווערן די גאַנצע העלדישקייט
פון זייער נשמה, ס'איז געווען גענוג, מען זאָל זיי אָנזאָגן,
אַז אינגיכן וועלן זיי זיך ווידער נעמען צו זייער אַלטער
אַרבעט, ווי ס'איז תּיכּף פאַרשוווּנדן געוואָרן זייער גאַנצע
שנאה און זייערע אַלע אַספּיראַציעס.

די קלאַפּערײַ פון די שווערדן, ווערטער, פּאַראַדן, מעדאַלן
פאַרגעטערטע מתים, האָבן פאַרלוירן זייער באַדייטונג. דידאָזי־
קע אַלע אָפּגעטער האָבן זיי אומגעוואָרפן און געטראָטן מיט
די פיס. זיי ווילן אַנדערע דאגות, אַנדערע עגזיסטענצן, כּדי צו
שפּייזן זייער שוואַכע נשמה.

אַנדערע געשרייען האָבן זיך געלאָזט הערן און זיך אויס־
געמישט מיט די געשרייען פון אונדזער לאַגער. ס'האָט זיך
אויסגעדאַכט, אַז דער מדבר איז אָנגעפילט מיט אַן אומבאַ־
מערקלעכן עולם.

די עגיפּטער האָבן געטאַנצט, איינגעבויגנדיק זיך פון לינקס
אויף רעכטס מיט „אללאה"־אויסרופן, וועלכע האָבן צוגעגעבן
אַ ריטם זייערע היסטערישע באַוועגונגען. די בעדואינער זענען
אַרויס פון זייער דאָרף, צוגעקומען צום לאַגער מיט שמייכלען
און מיט פינקלענדיקע אויגן, בעת זייער „קופיא" האָט געפלאַ־
טערט אויפן ווינט. אויפן ים־ברעג האָבן די קראַנקע פאַרלאָזט
די שפּיטאָלן און, אַרויפגייענדיק אויף די זאַמד־בערג, האָבן זיי
אַרויסגעלאָזט הילכיקע געשרייען. אַ גאַנצער פאָלק אַנזאַקן,
וועלכע האָבן זיך געשטופּט לעבן אַ צוג, זענען געווען משוגע
פאַר שמחה. גאַנצע גרופּעס זענען געשטאַנען אויף וואַגאָנעס,
געפאָכעט מיט די ביקסן, געזונגען לוסטיקע לידער אויסגעמישט
מיט הייליקע געזאַנגען. אַנדערע האָבן געבראָכן זייערע באַגנעטן

און זיך פֿאַרשיכּורט מיט זייערע אייגענע געשרייען. פֿלעשער בראָנפֿן זענען אַריבערגעגאַנגען פֿון איין סערזשאַנט צום צווייטן. די אָפֿיצירן האָבן קוים געקענט איינהאַלטן די אָרדענונג און צונויפֿרופֿן די מענטשן, וועלכע האָבן זיך גרופּירט אויף די זאַמד-בערג, לעבן וואָקזאַל.

איך בין צוגעקומען צו מיין געצעלט. עס שנעל פֿאַרביי-געגאַנגען, די הענט פֿאַררוקט טיף אין די קעשענעס, אויס מורא, איך זאָל נישט אָפּטאָן אַמאָל עפּעס אַ נאַרישקייט: צע-רייסן די ליוונט, אויסטאָן זיך נאַקעט פֿאַר אַלעמען אין די אויגן... מעגלעך, אַז איך האָב צו זיך אַליין גערעדט נאַריש-קייטן. איך האָב אַזוי לאַנג געוואַרט אויף דערדאָזיקער צייט, איך האָב אַזוי לאַנג אויסגעקוקט דעם סוף פֿון דערדאָזיקער שחיטה!... און אַט: די יאָרן פֿון פֿאַרשקלאַפּטקייט האָבן זיך פֿאַרענדיקט, די אָקאָפּעס וועלן פּוסט ווערן, וועלן ווערן אויס-געגלייכט מיט דער ערד און תּבֿואה וועט דאָרט וואַקסן. אָבער צי וועט עס שוין זיין גענוג? אָבער וואָס וועלן זאָגן די חורבות, די מתים? צי וועלן זיי אונדז דיקטירן אונדזער גורל און אויפֿזאַמלען אַלע מענטשן, וועלכע האָבן געבלאָנדזשעט, כּדי אונדז אָנצוווייזן דעם וועג? און מיט רחמנות האָב איך אָנגעהייבן צו טראַכטן פֿון זיך אַליין, וואָס ס׳וועט פֿון מיר ווערן, בעת די דעמאָביליזאַציע וועט מיך אַריינשליידערן אין די שטעט... וואָסער קבלת־פּנים וועט מען מיר מאַכן און וואָסער אָרט וועט מען מיר באַשטימען? ווייל איך וועל קומען מיט מיין איינציקן רייכטום: מיט מיין צעבונטעוועטן גייסט. אָבער אויף די אַלע שאלות האָב איך קיין שום תּשובֿה נישט געפֿונען...

אָוונטצייט זענען מחנות זעלנער אָנגעפֿאַלן אויף די שפּייכלערס פֿון דער „אַרמיי און פֿלאָט“ און אויף דער הויז פֿון „J. M. C. A.“ און האָבן זיי צעראַבעוועט. קיין איין פֿלעשל, קיין קעסטל קאָנסערוון זענען נישט איבערגעבליבן. און יעדער לאַגער האָט געהאַט זיין חלק רויב.

מען האָט געשיכּורט אין די געצעלטן. די שיכּורים

האָבן זיך געשאָקלט אין טייטלבוים-וואַלד. די דערפער, וווהין די זעלנער האָבן נישט געטאָרט אַריינשמעקן און וועלכע עס זענען געווען פאַרצוימט דורך שטעכעדיקע דראָטן, זענען איצט געוואָרן אָנגעפילט דורך זיי. אין די געדרייטע געסלעך האָט מען אויפגעבראָכן די צעפוילטע טירן און די אַלטע ווייבער האָט מען אַוועקגעשליידערט אויף די שמוציקע מאַטעס. די איינוווינער זענען אַנטלאָפן געוואָרן אינם מדבר און דאָרט פאַרבראַכט אַ נאַכט, ציטערנדיק פון שרעק.

צען וואַגאָנעס מיט שטאַנגען, וואָס מען האָט צוגענומען ביי די טערקן און האָבן געזאָלט ווערן אַוועקגעשיקט קיין קאַנטאַרע, זענען אויסגעליידיקט געוואָרן. די שטאַנגען האָט מען אַוועקגעשלעפט אויפן העכסטן זאַמד-באַרג, וואָס הענגט איבער על-אריש, זייט ביי זייט מיטן ים.

ווי אַ הילצערנער טורעם האָט זיך דערהייבן אַ הויכער שייטער-פייער. מען האָט דאָרט אַריינגעשליידערט אַלץ, וואָס מען האָט געפונען: פאַפיר און האָלץ, פון געצעלטן און פון שפייכלערס. בעטן, קאַסטנס, שטולן, מאַגאַזינען האָט מען באַגאָסן מיט נאַפט און בענזין און מען אונטערגעצונדן.

די מעכטיקע פלאַמען האָבן געטראַסקעס און זיך געצויגן אינדערהויך... דער מדבר איז באַלויכטן געוואָרן. די שטראָמען וואַסער זענען געוואָרן רויט. דער ווינט האָט געבלאָזן און געוואָיעט. באַלקנס, וואָס דאָס פייער האָט פאַרצערט, זענען איינגעפאַלן מיט גאַנצע וואָלקנס פונקען. אין אַ גרויסן קאַראַהאָד האָבן זיך מענטשן ווי משוגעים אין אומאָרדענונג געדרייט אַרום פייער. די פאַרשוויצטע פנימער זענען באַלויכטן געוואָרן מיט זייערע גרימאַסן. וואָלקנס זאַמד, וואָס דאָס פייער האָט געמאַכט גלאַנצן, האָבן זיך אויפגעהייבן אינדערלופטן. דער גייסט פונם פייער האָט געמאַכט געוואַלדן. שאָטן-סילוועטן האָבן געטאַנצט און אומגעהויער זיך אויסגעצויגן אויף די זאַמדן. די היץ האָט געברענט אין די אויגן. פון אַלע זייטן זענען זעלנער זיך צענויפגעלאָפן. די זאַמדן האָבן געווימלט. ביזן באַגינען זענען די פלאַמען נאָך געווען זייער הויך. דער ים האָט

אָנגעהייבן צו ברויזן. די כוואַליעס האָבן זיך געקוילערט אין פייערדיקע אָפּשפּיגלונגען.

מיטן מאָרגנשטערן האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזט פון די אָנגעפלאַמטע זאַמד־בערג און אַוועק אין אונדזער לאַגער אַריין. מיר האָבן זיך אָנגעקוקט און געשטוינט, וואָס מיר האָבן אַרויסגעוויזן אונדזערע האָפענונגען. מיר האָבן זיך געשעמט, וואָס מיר טראָגן נאָך אונדזערע קנעכט־קליידער.

XLVII

אין צענטער פון עגיפּטישן לאַגער, אויף די ברענענדיקע זונען־שטראַלן, וועלכע האָבן געוויזלט די לופט־בלויקייט און קריסטאַליזירט די זאַמדן, איז געשטאַנען אַ מענטש מיט אַ הוילן קאָפּ, אין אַ העמד, די פיס און די הענט געפּערטלט, איינגעשפּאַרט אין אַ מין טייוולאָנישע פּרימיטיווע קעסטל. ער האָט געשריגן און זיך געדרייט פון יסורים. אים האָט אונטערגעהאַלטן אַ דינער באַלקן, אויף צוויי מעטער פון דער ערד. זיינע פינגער פון די פיס און פון די הענט, וועלכע האָבן זיך געפונען אויסער דעם קלעם, האָבן זיך צונויפגעקאָרטשעט.

דידאָזיקע ענוים האָבן זיך אָנגעהייבן פון באַגינען, זינט די אַרבעטער זענען אַוועק אויף דער אַרבעט. זיינע קרעכצן האָבן זיך פאַרשטאַרקט, בעת ס׳זענען ביי אים אָפּגעשוואַכט געוואָרן די מוסקולן און ס׳האָט אים שטאַרק אָנגעהייבן וויי צו טאָן דאָס לייב פונם הינטן. נאָכדעם, בעת די היץ האָט זיך פאַרשטאַרקט און אים געקלאַפּט אין קאָפּ, האָט ער אויפגעהייבן לאַנגע האַרצרייסנדיקע יללות. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט, איבערגעקערט די פעלדער, אויסגעדרייט זיינע פאַרטרויערטע בליקן אין דער ריכטונג פונם קאָמענדאַנטס געצעלט, בעטנדיק זיך, מען זאָל אים באַפרייען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, געוואַרט אויף אַ זשעסט פון רחמנות און נאָכדעם, אַז די יסורים האָבן אים געמאַטערט, האָבן זיך זיינע

געשרייען פאַרשטאַרקט, און זיך אַוועקגעצויגן ביז צום האָריזאָנט. זיין ברוסט האָט זיך געהייבן אַרויף און אַראָפּ, אַ גרויסער אָדער אויף זיין שטערן האָט זיך געבלאָזן. ער איז געווען שיין און קרעפטיק. צאַרטע שטריכן, אַ טונקעלע הויט, לאַנגע אויגן און לאַנגע ברעמען. זיין פּנים איז צונויפגעצויגן געוואָרן און זיינע ליפּן זענען געווען טרוקן. אַ שווייס האָט געפּערלט אויף זיינע שלייפן, און זיין נאַסע העמד האָט זיך געקלעפּט צו זיין פעסטן רוקן. זיינע געקרייזלטע נידעריקע האָר האָבן געליכטן, ווי שוואַרצע מינעראַלן. ער האָט געשלונגען די שפּייעכץ. אָדמס-עפּל, וואָס האָט זיך געהויקערט אויף זיין האַלדז, האָט זיך כּסדר געהייבן אַרויף און אַראָפּ. זיין האַלדז איז געווען פאַרברענט פון דער זון און זיין הויט האָט אויסגעקוקט ווי אָפּגעבריט. די מענטשן, וועלכע האָבן געדאַרפט האַלטן די ריינקייט אין לאַגער, האָבן אויפגעהייבן ציבעלעשאָלעכץ, ליידיקע קעסטלעך, שטיקלעך ברויט, האָבן דורכגעזיפּט דעם זאַמד, אים פאַרגלאַטיקט, אויסגעגלייכט און אויסגעפּרעסט ווי וועש, אויפגעעפנט די געצעלטן, אויסגעלופטערט זיי, איבערגערעכנט די איינגעלייגטע דעקעס. אַבדעל-לאַטיף איז געווען פאַרטאָן, געלייגט אַן אויג אויף די מענטשן, געגעבן באַפעלן. מיט זיין שטעקן האָט ער אָנגעוויזן אויף די פאַרגעסענע שמוצן, אָדער ער האָט עס אַרויסגעגראָבן פון אונטער דעם זאַמד. פון צייט צו צייט האָט זיך דער סילועט פונם געלן אָפיציר אויסגעשניצט אויף דער שוועל פון דער „קאַנצעלאַריע“, די הענט אין די קעשענעס און די ליולקע צווישן די ציין. ער האָט נאָר געדאַרפט פעסטשטעלן די ווירקונג פון די יסורים און האָט זיך תּיכּף צוריקגעקערט צו זיין פלעשל בראָנפן. די זון האָט געפלאָסן, ווי צעשמאָלצענער מעטאַל. דער שאָטן פונם עגיפּטער האָט זיך צונויפגעקורטשעט.

איך בין אַריין אין מיין געצעלט, ווייל מיין קאָרעקהוט האָט געברענט. אָפּגעמאַטערט פון דער היץ, האָב איך זיך אויסגעצויגן אויף מיין געלעגער און ווי נאָר די לעפלעך האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט, האָט מיין פאַנטאַזיע אָנגעהייבן צו

ארבעטן... אָבער די טעמפּע געוואַלדן פונם מערטירער האָבן געשטערט מיינע פאַרבלאָנקעטע רעיונות. איך האָב זיך אויפ־געהייבן. און איך האָב געזען:

זיין קאָפּ האָט זיך געבאָמבלט אויף אַן אַקסל, זיין פּנים אָנגעגאָסן מיט בלוט, פליגן האָבן געזשומעט אַרום זיין אָפּע־נעם מויל, זיין גאַנצער קערפּער ווייך, ווי דער קערפּער פון אַ פּאַיאַץ און געהאַלטן האָט ער זיך אַ דאַנק די בענדלעך פון זיינע פיס און דורך זיינע אָרעמעס, וועלכע זענען געווען אריינגענומען אין דער פּאַסטקע. דער מענטש איז געפאַלן אין חלשות...

XLVIII

די וואַגאָנעס מיט סחורה טרייסלען זיך און סקריפּען. די אייזנבאַן־ליניע דרייט זיך און שלענגלט זיך צווישן די זאַמד־בערג. דער ווינט, וואָס דער צוג צעשניידט, וואַרפט זיך אויף אונדז מיט אַ שרעקלעכער פייפעריי. די שלעפער, איינגעקאָר־טשעט אונטער זייערע דעקעס, ווי גיגאַנטישע רויפן, וואַרפן זיך אונטער מיטן ריטם פון די רעדער. די נאַכט־קאַלטקייט ענגט איינדערלופטן, ווי איינגענעצטע גאַזע. דער גאַנצער הימל מאַניעט מיט זיין געשטערנטער נאַקעטקייט. ערגעץ ראַלט, מסתם, דער ים זיינע כוואַליעס. די טעלעגראַפישע דראָטן הייבן זיך אויף און לאָזן זיך אַראָפּ מיט אַ משונהדיקער שנעלקייט. האַס־טיקע אָפּהאַלטן. לאַמטערנעס וואַקלען זיך אין די הענט פון באַן־וועקסלערס. רויטע און בלויע סיגנאַלן לעכערן דורך די פינסטערניש. שטילקייט!... שטימען!... די זאַמדן זענען באַהערשט פון דער אייביקייט. ס'אַרא מתיקות! ס'וואָלט זיך געוואָלט זען אויסטערלישע קאַראַוואַנען. עס גיסן זיך שטראָמען שמעקעדיקע ריחות פון די פאַרשידענע צמחים. יינגע טייטלביימער, טרו־קענע קוסטעס וואַרפן זייערע סילועטן. אַ פייף שניידט דורך די לופט, פונקט ווי ס'וואָלט זיך געטראָגן אַ קויל פון אַ בויגן. דער צוג מיטן גערויש פון זיין אייזנוואַרג רירט פון אָרט,

שפּייט מיט רויך, און ס'דאַכט זיך, אַז ער וויל אויפוועקן גאַנצע דורות, וואָס האָבן זיך דאָרט אויפגעזאַמלט... עגיפּטישע אַרבעטער. וועלכע פאָרן מיט אונדז, זינגען. איינטאָניקע, מעלאַנכאָלישע טענער באַהעפטן זיך מיטן באַשטימטן גורל פון דער נאַכט און פונם מדבר. — „קאַם-לײלאַ, קאַם-יאַם". אַך, דאָסדאָזיקע אײביקע ליד, וואָס גייט אונדז נאָך אומעטום. צי זיי גייען אויף אַרבעט, צי זיי קערן זיך אום פון דער אַרבעט, אין זייערע רגעס פון מנוחה אַרום זייערע געצעלטן, תמיד דרייט זיך זייער נשמה אינסטינקטיוו אַרום דידאָזיקע עטלעכע ווערטער, וועלכע דריקן אויס זייערע אַלע געדאַנקען און זייערע אַלע פאַרלאַנגען. דאָס איז אַ רוף צום דאָרף, וואָס שלאָפט צווישן די פייגנביימער, צו דער געליבטער כאַטקע, צום שוועל פון דער טיר, ווו מען פאַרשפּעטיקט אָוונטצייט, צום מעטשעט, צום קאַנאַל, וווהין מען פירט אָנטרינקען די אָקסן! דער געזאַנג צווייגט זיך אין מיר און האָט זיך אַרומגעוויקלט אַרום מיין נשמה ווי אַ שאַל. און איך האָב זיך געלאָזט איינוויגן... עגיפּטישע שטימען שפּרייטן זיך איצט אויס אין מיר, ווי שטיקער טרוימען. די אויגן האַלב צוגעמאַכט, דער געדאַנק צעשוווּמען אין אומבאַשטימטע טענער, האָב איך ביז באַגינען געקוקט אויף די לײדנשאַפטן, וועלכע זענען געפלויגן פאַר מיינע אויגן און אומזיסט האָב איך זיך געוואָלט אָנטשעפּען אָן זייערע לייכטע בילדער.

XLIX

ראַפאַ איז אַ האַרט וואָרט, און בעת איך זאָג אים אַרויס פיל איך דעם טעם פון זויערע גראָזן אויף מיינע ליפּן. און דאָך באַגייסטערט ער מיינע שוואַרצאַפּלען און מיין נשמה! צי דען זשע קען איך שוין פאַרגעסן דיינע פאַלמען, על-אַריש, און דעם קבלת-פּנים פון דיין ליכט און דעמדאָזיקן דראַנג צו דיר, צוליב וועלכן איך בין געוואָרן אויף שטענדיק דיינער? ווייל אַ דאַנק דיך האָב איך דערקענט די ליניעס פון דיינע

זאַמד-בערג און די ליניעס פון אַזיזאַס קערפּער! איך ווייס באמת נישט! ראַפּאַ איז אַריין אין מיר, ווי אַ קדחת, פון וועלכער איך וואָלט נישט געוואָלט פּטור ווערן און וועלכע איך וואָלט איבערגעטראָגן מיט גרויס תאווה. איך לעב איצט אין אַן אַטמאָספער, וואָס האָט זיך אין מיר אַריינגעגליטשט, אַריינ-דרינגענדיק אין האַרצן פונם אָאַזיס, אויף אַזויפיל, אַז איך פאַרגעס פּייזאַזשן, וואָס האָבן זיך אַמאָל אַרומגעוויקלט אַרום מיין נשמה : ון ס'איז פאַרבליבן בלויז מיין פּייזאַזש, ווו איך דריי זיך און ענדער זיך.

צוואָס פּטרן אומזיסטע פראַזן, ווי למשל — אַ האַלב-אָפענער צייטיקער מילגרוים פון וואַנען ס'שיטן זיך קערנער — כּדי אַרויסצווייזן מיין תאווהדיקע ליבע צו דיר, ראַפּאַ! קיין שום ווערט וועט נישט האָבן דאָס ליד אין וועלכן איך וועל דיך באַזינגען! איך דאַרף דיך בלויז טרעפן אַ וואַרעמע און אַ לעבעדיקע. און אויב איך וועל דיך פאַרלאָזן צוליב אַנדערע אָאַזיסן, וועל איך שילדערן, וויאַזוי דו האָסט אויסגעזען אין מיינע אויגן, „צווישן דעם מדבר און דער שטאָט“: געל פון דער זון און בעקרוינט מיט בלויקייט.

אַ גאַרטל פון זאַמד-בערג, וואָס וויקלען זיך פאַנאַנדער לענגאויס דעם ברעג! זיסע זאַמדן, וואָס ליגן אויסגעצויגן ווי אַ צווייטע הויט! קיין שום יאָגעניש, קיין שום שפּרונגען! לי-ניעס פעסטע באַשיידענע. און איבער זיי — די זון מיט אירע לאַסקעס. קליינינקע אָפּגרונטן און טאָלן! דער ים-ברעג איז משופּעדיק. דער ברעג האָט אַ צאַרטע העלקייט, פּונקט ווי דער אויסגעצויגענער גוף פון אַ צפונדיקער פרוי. דער מיטלענדישער ים וואַרפט אים זיין בלויע נשמה, וואָס ציט זיך אַרום אים ווי אַ געליבטע.

די מושלעס! מען הערט זיי רוישן פון גאַנץ ווייט. זיי ווערן אויפגעהייבן דורך די כוואַליעס, און מען באַקומט דעם איינדרוק, ווי אַ ווינט וואָלט געבלאָזן צווישן בלעטער. צווישן די געדרייטע ים-גראָזן ליגן זיי און שימערירן דידאָזיקע פּלאַנצן אָן אַ נאָמען, וואָס לעבן איבער אַלע דאגות פון ים. זיי זענען

געדרייט און געשפּיצט, פֿאַנאַנדערגעבליט אין קנאָספּן, אין לעפֿ־לעך און זענען אַלע ענלעך צו די צווייַדייטיקע וויציקע גע־דאַנקען, אויף וועלכע מען קען זיך אָנשטויסן אין אַ פּאַעמע פֿון אַ נאַרישן פּאָעט. איך גראָב זיך מיט מיינע הענט אין די־דאָזיקע מושלעס, און מיינע פֿינגער ציטערן בײַ די באַרירונגען, גלײַך זיי וואָלטן זיך צוגערירט צו אַנדערע פֿינגער.

און גאַנץ נאַנט לעבן די מושלעס: אַנעמאָנען! איך קריך ביז צו די קני אין זאַמד, איך שפּרייז איבער די שפּועים פֿון די זאַמד־בערג, וועלכע גליטשן זיך אויף מיר און שלעפּן מיך מיט מיט זיך. שטיקער ים פֿינקלען פֿאַר מיינע אויגן, בעת איך גיי באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ. ס׳שווינדלט מיר אין די אויגן פֿונם ליכט, נישט געקוקט אויף מיין שטרויענעם הוט. פּלוצלונג בלייב איך שטיין פֿול מיט צאַרטקייט פֿאַר דער שי־מערירנדיקער רויטקייט פֿון די אַנעמאָנען, וועלכע פֿאַרפֿינסטערן די זון מיט זייער ליכטיקייט. זיי דריקן זיך אין די שפּאַלטן פֿון די זאַמד־בערג, ווו ס׳ציטערן די פֿאַרשימלטע לוזשעס. איך בויג זיך איין איבער זיי, די אויגן צוגעמאַכט, כּדי בעסער פֿילן אין זיך די צאַרטע שמעקעדיקע ריחות און די שימערירנ־דיקע פֿאַרבן, וועלכע זענען אַריינגעדרונגען אין מיין נשמה ווי אַ געבעט.

אַן איבעררעשונג! גלײַך איך וואָלט געפֿונען אַ גרויסע מציאה! צאַרטקייט! גלייך ס׳וואָלט זיך באַוויזן די, וועלכע איך האָב ליב! דאָס צאַפּלען פֿון די אַלע בלימעלעך מיט מיינע אינטימסטע געדאַנקען...

און אַזוי בין איך אַריינגעדרונגען אינם ליכט, ווי מען דרינגט אַריין אין דער נשמה פֿון אַ פֿריינט. דאָס ליכט איז תּמיד פֿאַר מיר געווען ווי מוזיק, עס האָט אָנגעפֿילט מיין האַרץ מיט פֿרייד. עס האָט זיך אַרומגעוויקלט אַרום מיך און איך האָב עס געבויגן ווי ווייכן ליים. נאָר אין ראַפּאַ האָבן מיינע אויגן געלעבט אין דער מלוכה פֿון ליכט. וויזיעס, וואָס ווערן צעשמאָלצן אין דער לופֿט־בלויקייט, וואָס וויברירן ווי געפֿליגלטע וועזנס און וועלכע באַקומען זייערע פֿאָרמען יעדעס

מאָל, ווען איך הייב אויף מיין פּנים צו דיר, אָה ליכט!...

וואָס איז עס פ'אַראַ פאַרגאַנגענהייט, וואָס די זאַמד-בערג וואַרפן צום ליכט, בעת זיי באַוועגן זיך, שימערירן און אין עטלעכע טעג נאָכדעם – ווערן זיי פאַרזונקען אינם תהום פון די זאַמדן? ליימענע וואַזעס מיט צעבראָכענע אויערן, ווו ס'שלאָפט די נשמה פון ריחות! שטיקלעך גלאַזווארג, פילפאַרביקע, פרישע, גלאַנצנדיקע! פאַרזשאַווערטע מעדאַלן, מטבעות, ווו ס'זענען פאַרבליבן בלויז די אומבאַשטימטע קאָנטורן פון פּראָפילן, מאַסיווע אויסטערלישע רינגען, דינע שפּילקעס און צייטנווייז אויך אָפּגעריבענע סטאַטועטקעס, ווו מען קען נאָך דערקענען די פיגור פון אַ נאַקעטער פרוי...

און ווייטער, נאָך די שטראָמען, נאָך די זאַמד-בערג, איז ערד, שוואַרצע ערד, וועלכע גיט וואַסער און ברויט. דאָרט ווו די שוואַרצע ערד הייבט זיך אָן, איז זי נאָך אין קאַמף מיט איר אַלטן שונא, מיט די זאַמדן, נאָכדעם, פּאַוואָליע, שליידערט זי זיי אַוועק, באַפרייט זיך פון זיי, באַוויזט זיך אין איר פולער שוואַרצקייט, פּאַליעט זיך לייכט, גיט זיך אָפּ דעם זאַפט און די וואָרצלען און מיט אירע גרויסע מעכטיקע שפּראָצונגען טראָגט זי אריין פרייד אינם גרויסן טאָל, דאָרט ווו די טרויבןהענגלעך זענען וואַגיק און די זאַנגען זענען העכער פון אַ מענטשן.

דערפאַר, ווי אין מצרים. קאַקטוס-פּלויטן פאַרצוימען די ווייגונגען. מאָגערע איילבערטן מיט קאָנוולסיווע צווייגן. סטאַדעס שעפסן און פּאַסטוכער מיט מאַנטלען און שטעקנס. קעמלען שלעפּן אַלטע סאָכעס. די גראָזן זענען געדיכט און טרוקן. די ערד געשפּאָלטן פון דורשט, פּלאַצט פון דער היץ, וואָס האָט זי דורכגעדרונגען. עס פאַרפּאָלגט מיך אַ ריח, ענלעך צו די ריחות פון אַ פרויען-פּאַכווע.

געפייגרטע מוילאייזלען, די פיס צעדרייט, די אויגן אויסגערונען פוילן אין פאַרשטונקענע קאַלוזשעס. האַרמאַטן-גילזן, ביקסן-קוילן, קאַסקעס, גראַנאַטן, באַגנעטן וואַלגערן זיך צווישן

קוסטעס. די פוסטע אָקאָפּעס שלענגלען זיך, ווי די ליניעס פון אַ דיאַגראַמע. אָבער דאָס לעבן האָט פּאַוואָליע צוגעדעקט די מתים און האָט זיך פאַראייגנט זייערע עצמות. און די מענטשן זענען געקומען זיך ווידער אונטערוואַרפן דעם אומפאַרמיידלעכן געזעץ.

דאָ איז דער גרענעץ און דאָ האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. מעגלעך, אַז פונדאַנען האָבן משה־רבנוס מרגלים באַמערקט דאָס לאַנד, ווו ס'פליסט מילך און האָניק, דאָס לאַנד פון זייער פאַר־לאַנגו! איך באַטראַכט דעם טאָל. זאָל איך זיך אַהין אַראָפּלאָזן מיט אַ צעפלאַקערט האַרץ? אָדער, געבנדיק אַ ווידערשטאַנד דעם נסיון פון די ערינערונגען, זאָל איך זיך אָפּשטעלן דאָ און, אַ באַאומרויקטער, זיך נאָך מיישב זיין?

L

די באַליידיקונגען האָבן זיך פאַרשטאַרקט, לפי ערך ווי מיר האָבן זיך דערנענטערט צום פאַרשפּראָכענעם לאַנד. מען האָט געקענט מיינען, אַז דערפאַר ווייל ס'איז אוממעגלעך צו צעב־רעכן אונדזער גלויבן און ווייל ס'איז היפּשזעכלעך אוממעגלעך אָפּצושטעלן אונדזער מאַרש צו דער זיכערער רעאַליזירונג פון אונדזער אידעאַל, וויל מען לכל־הפחות אונדז אָנטרינקען מיט פּיין.

כדי צו צעברעכן אונדזער אחדות און דעם גייסט פון אונדזער איינהייט, וואָס האָט צעזאַמענגעשמאָלצן פאַרשידענע באַטאַליאָנען, האָט מען אונדז אומעטום צעזייט און צעשפּרייט. עטלעכע אָפּטיילונגען זענען אפילו געוואָרן אָפּגעשיקט קיין מערסינאַ און קיין טשיפּר, נישט געקוקט אויף די פּראָטעסטן פון די מענטשן, וועלכע האָבן געמאָלדן, אַז זיי זענען געגאַנ־גען פרייוויליק דינען אויסשליסלעך אין פּאַלעסטינע.

ערגער פון אַלע האָט מען זיך באַגאַנגען מיט די, וועל־כע זענען געווען אויפן פראָנט פון על־מעלאַהאַ און על־סאַלט. זיי האָבן געמוזט בויען וועגן, גראָבן אָקאָפּעס, באַגראָבן מתים.

זייערע געצעלטן האָט מען תמיד איינגעאָרדנט אויף פעלדן אָדער אין פאַרפעסטעטע ערטער. מען האָט זיי אָפּגעזאָגט אין די גייטיקסטע באַקוועמלעכקייטן, וואָס האָט בולט אַרויסגעוויזן זייערע בייזוויליקע כוונות קעגן אונדז. אין אַן אַרמיי, ווו ס'האָט נישט געפעלט קיין אַמוניציע און קיין באַקליידונג, א. ז. וו... און ווו די דעפּאָען און סקלאַדן זענען געווען איבער־געפּולט, איז דידאָזיקע השערה אַ ריכטיקע.

ווען די זעלנער פון עמק־הירדן זענען געקומען אין לאַ־גער, נאָך זייער נצחון ביי חברון, צעקלאַפּט און אויסגעמאַ־טערט פון דער מאַלאַריע, האָבן זיי דאָרט נישט געפונען קיין איין סאַניטאַר פונם רויטן־קרייץ, ווער ס'זאָל זיך מיט זיי אָפּ־געבן. אומזיסט האָבן זיי גערופן נאָך הילף. ס'איז געווען אין דער תקופה פון שטאַרקע רעגנס. די מענטשן האָבן געמוזט שלאָפן אויף דער נאַסער ערד, האָבנדיק בלויז איין וואָלענע דעקע. אַ סך זענען געשטאָרבן, נישט באַקומענדיק די קלענסטע הילף. איינער פון דידאָזיקע אומגליקלעכע, האָט זיך אין אַ פאַר־צווייפלטן צושטאַנד, איבערגעשניטן מיט אַ מעסער דעם האַלדז.

צוליב דערדאָזיקער סיבה איז די שנאה געוואַקסן און פאַרצווייפלונג האָט זיך פאַוואָליע איינגעפלאַנצט אין יעדערנס האַרץ. ס'זענען אויסגעבראָכן אויפשטאַנדן, ווייל צו אַלע צרות האָט די דעמאָביליזאַציע אונדז געלאָזט אין א זייט. ס'איז פאַר־שוווּנדן געוואָרן די התלהבות פון די ערשטע טעג און איר אָרט האָט פאַרטרעטן אויפרעגונג און שנאה.

נאָכן נצחון און נאָך דער קאָנצענטראַציע פונם מיליטער אויף די אָפּשניטן פונם מדבר און פאַלעסטינע, האָבן מיר גע־האָפט, אַז אונדזערע רכילות־טרייבער, אייגנטלעך אונדזערע שונאים, וועלן אויפהערן דידאָזיקע כיטרע און פיינטלעכע קאַמ־פּאַניע. אָבער ס'הייבט זיך נישט אָן. נישט קענענדיק אָנטאָן קיין רשעות דעם גאַנצן פאָלק, האָבן זיי זיך גענומען איינציק־ווייז צו די זעלנער. די ענגלישע פּאָליציי האָט זיך מיט אונדז באַגאַנגען ווי מיט ממזרים, אָדער ווי זי וואָלט אונדז חושד געווען, אַז מיר ווילן אָפּטאָן געמיינקייטן. אמת גערעדט, האָבן

זיי געהאַט אַזאַ פאַראָרדנונג פון אויבן. זיי האָבן געצוואונגען דעם יידישן זעלנער אַנצווענדן אַלע מיטלען, כּדי זיך אַרויס־צודרייען פון זיי, כּדי צו געניסן פון די עטלעכע פרייע שעהן אויף וועלכע מיר האָבן אַ דערלויבעניש און כּדי מיר זאָלן זיך נישט וואַרפן אין די אויגן, האָבן מיר געמוזט פאַרבייטן אונדזערע צייכנס אויף די צייכנס פון עפּעס אַן ענגלישן פאָלק.

אין די „קאַנטינעס" זאָגט מען אונדז אָפּ צו פאַרקויפן פּראָוויזיע און מען שיקט אונדז אָפּ אין די עגיפּטישע „קאַנ־טינעס", ווו מען קריגט קיינמאָל נישט דאָס, וואָס מען וויל.

יידישע וועכטער ווערן תּמיד געשלאָגן. ענגלישע שיכּו־רע אָפיצירן און זעלנער, וועלכע קומען אין לאַגער נישט צו דער צייט, ווילן נישט אויסהאָרכן דעם „באַריכט" און גייען אַוועק.

אָבער דעם גרעסטן פּאַטש אין פּנים האָט מען אונדז דערלאַנגט פּסח. מיר האָבן באַקומען אַ מעלדונג פון ג. ה. ק. אַז ס'איז אונדז אונטער דער האַרבסטער שטראָף פאַרווערט צו געפינען זיך אין דער הייליקער שטאָט פון 14־טן ביזן 22־טן אַפּריל, פּונקט די צייט ווען ס'פאַלט אויס אונדזער פּסח, מען האָט אויף אַזאַ אופן אָנגעגריפן די לעבעדיקסטע זייט פון אונ־דזערע גלויבנס, היות בײַ די באַדינגונגען, אין וועלכע מיר האָבן געלעבט, האָט געהאַט פאַר אונדז אַ גרויסע באַדייטונג, מיר זאָלן פייערן אין ירושלים דעם יום־טובֿ פון באַפרייונג. ס'איז אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד, און אונדזער פאָלקאָווניק האָט געמוזט אָננעמען די שטרענגסטע מיטלען, כּדי צו דער־שטיקן די אומרוען.

ס'האָט זיך געשאַפן אַזאַ לאַגע, אַז עטלעכע אָפיצירן האָבן געמוזט בעטן, מען זאָל זיי באַפרייען. פון דער צווייטער זייט האָבן די באַפרייטע זעלנער פולשטענדיק פאַרלוירן זייער מוט. אַ טייל זענען נאָך געווען פאַרעקשנט, האָבן זיך נישט געוואָלט אונטערגעגעבן דעם יאוש און איצט, מער פון אַלעמאָל האָבן זיי זיך פאַרטיפט אינם עבֿר, וועלנדיק דאָרט פאַרפעסטיקן

וייער אידעאַל. אָבער דער ברען פונם ערשטן דראַנג, די פיבערהאַפטע התלהבות, דער העפטיקער פאַנאַטיזם, וואָס האָט פאַרוואַנדלט דידאָזיקע יוגנט אין אַ ברויזנדיקן כּוח, האָט מער נישט עקזיסטירט. די פלאַמען, וועלכע האָבן געפלאַקערט אין דידאָזיקע באַגייסטערטע נשמות זענען, קענטיק, אויף תּמיד אויסגעלאָשן געוואָרן.

די ראַסע פון גייציקע הערשער האָבן אונדז אויסגענוצט, אויף וויפל מיר זענען זיי געווען נויטיק. זי וועט אונדז קיינמאָל נישט באַטראַכטן ווי פרייע קינדער פונם לאַנד יהודה און מיר וועלן תּמיד זיין אירע שטייער־צאָלער. ווי איז צו אונדז! מיר האָבן פאַרלאָזט אונדזערע היימען, וועלכע האָבן געטליעט ווי האָפנונג־פייערלעך אַרום דער גאַנצער וועלט און מיר זענען נאָכגעגאַנגען דידאָזיקע מענטשן פון צפון, פונקט ווי די פעלקער זענען אַמאָל נאָכגעגאַנגען די מעכטיקע גזלנים און זיך פאַרקויפט צו זיי! ווי איז צו אונדז! מיר זענען געוואָרן קליין, מיר, וועלכע האָבן געהאַט אין רשות די גאַנצע ערד, ווו מיר האָבן געקענט פאַנאַנדערוויקלען אונדזער נשמה!...

LI

אַ סוף צו מיינע וואַנדערונגען אינם מדבר און צו מיין שאָטן, וואָס האָט זיך באַוועגט קרום פאַרויס און צו וועלכן איך האָב געשמייכלט. אַ סוף צו דער פוילקייט, וואָס האָט מיך ווייך געמאַכט און מיך אויסגעצויגן אויף די ברענענדיקע זאַמדן, ווו פאַרגעסנקייט האָט צוגעמאַכט מיינע אויגן־לעפלעך, פונקט ווי איך וואָלט איינגענומען אַ שלאָף־געטראַנק.

איך וועל זיך שוין מער נישט אויפכאַפּן מיט פרייע אָפענע געדאַנקען און פילן אין מיין גאַנצן וועזן די לעבנסלוסט, וואָס מען פילט בלויז אין וואַקאַציע־פרימאָרגנס, בעת די אלול־זון זיפּט זיך דורך די פאַרהאַנגען.

מיין געצעלט, אָפן צום האָריזאָנט, גלאַט און ריין, ווי אַ לעבן אָן שאָטנס, וועט מיר שוין מער נישט אויסטיילן די

צאַפּלעניש פון איר לייוונט, די איינזאַמקייט, וואָס קרעפּטיקט און דערהייבט די נשמה.

און חוצדעם, וועל איך שוין נישט קענען מער אַנטלויפן פון די וויזיעס, וועלכע האָבן פּאַרמירט אין מיר אַ גאַנצן געביט פון אכזריות און ליידן, און וועלכע פאַרפאָלגן מיך, זינט די מלחמה איז פאַר מיר געבליבן שטיין אַ נאַקעטע, זינט איך האָב אויפגעהערט צו גלויבן אין איר גערעכטיקייט, אין איר ישועה.

אונדזער אָפּפאָר פון על-אריש איז פאַר מיר געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ. דאָרט איז דיווירקלעכקייט געווען האַרב און אומברחמנותדיק. מען האָט געדאַרפט אָנפאַלן אויף איר און זי צעשמעטערן. אָבער איך בין געווען זייער וויניק צוגעגרייט צום דאָזיקן קאַמף, ווייל אַלע פּרוזשיגעס פון מיין ענערגיע זענען פאַרזשאַווערט געוואָרן. די ענערגיע וואָלט זיך געוויס אַנטוויקלט ביז צו דער העכסטער מדרגה, ווען מען וואָלט אונדז פון אָנהייב געשטעלט פנים אל פנים מיט די שוועריקייטן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך שפּעטער אָנגעשטויסן.

מען האָט באַקומען דעם איינדרוק, אַז ס'איז פאַר זיי געווען קנאַפּ די באַליידיקונג, וואָס זיי האָבן אונדז די גאַנצע צייט געהאַלטן אין אַ זייט, ווי אַ שעדלעכן עלעמענט, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום שייכות מיטן נצחון, נאָר גיכער מיט מפלה – האָבן זיי זיך נאָך געוואָלט אין אונדז נוקם זיין, הלמאי מיר האָבן אָפּגעוואָרט אונטער די טייטלביימער ביז דער שטורם וועט פאַרבייגיין, פּונקט ווי צוליב אונדזער שולד וואָלטן מיר דאָרטן געוואָרט. און נאָכדעם, בעת מען האָט כסדר דעמאָביליזירט די אָקופּאַציע-זעלנער, האָבן מיר זיי געדאַרפט פאַרבייטן צוזאַמען מיט אינדוסן און מיט די „בריטישע מערב-אַפריקאַנער”.

איך האָב מיט קנאה געקוקט, ווי די לאַנגע צוגן לויפן צווישן די זאַמד-בערג, נישט מיט קיין זעלנער, נאָר מיט פרייע מענטשן, וועלכע פאָרן אין זייער היים. זייערע געלעכטערס און

זייערע געזאָנגען האָבן אין מיר איבערגעלאָזט אַן אומבאַשרייבלעכע באַאומרויקונג, אַ מין אויסמיש פון חשק, פרייד און קנאה.

אונדזער אויפגאַבע איז געווען זייער אַ שווערע. מיר האָבן געדאַרפט אַכטונג געבן אויף דער אָרדנונג אין לאַנד, באַוואַכן די אַמוניציע-סקלאַדעס, דעם לאַגער פון די געפאַנגענע, באַגלייטן דעם מלחמה-שלל, אָפּהיטן 150 טויזנט רעלסן און פאַרשידענע אַנדערע לאַגער-מכשירים. מען האָט אונדז אויסגעשטעלט לענגאויס אַן אייזנבאַן-ליניע, פון זעקס ביז צען מאַן אויף אַ פּאָסטן און פאַררוקט אין דערפער, ווייט אָפּגערוקט איינער פון צווייטן.

די בעדואינער, די גזלנים האָבן אונדז קיין רגע נישט געלאָזט צורו. מיר האָבן נישט געטאָרט צומאַכן די אויגן, און נישט איינמאָל האָבן די פּאַטרולן געמוזט באַנוצן דאָס געווער. זיי האָבן געראַבעוועט די שפּייכלערס מיט היי, די „קאָנטינעס", צעבראָכן די וואַסער-ציסטערנעס און צייטנווייז זיך דערקליבן צו אונדזערע געצעלטן. נישט איינמאָל האָבן מיר דורכגעפירט רעוויזיעס אין די דערפער, געסטראַשעט און אַרעסטירט. דאָס פעלד פון אונדזער טעטיקייט איז געווען זייער גרויס. אויף דרום האָבן מיר פאַרנומען דעם גאַנצן מדבר סיני, אויף צפון, פּאַלעסטינע, ביז באר-שלום און אויף מזרח — ווייטער נאָך באר-שבע און נאָכן אַראַבישן מדבר.

קאַטאָרזשנע אַרבעט אויף דער בייסנדיקער זון און אויף די זאַמדן!... שטיין אויף דער וואַך אינמיטן נאַכט, ווען די פיין דריקט אייך ביים גאָרגל און טשעפּעט זיך איין אין אייער קערפּער, ווי אַ גרויסע פלעדערמויז!... נסיעות צווישן חיפה און קאַנטאַרע, אין וואַגאָנעס פאַר בהמות, וווּ ס'האָט אַרויסגעטרייסלט פון אונדז די קישקעס!... קאָנוואָירן צופוס טערקישע און דייטשע געפאַנגענע אויף ווייסע וועגן, וווּ שוויס און שטויב ווערן צונויפגעקנאָטן אויפן קערפּער!...

אָבער וואָסער ווערט האָבן געהאַט דידאָזיקע ליידן, דחקות, פּראַצע אין פאַרגלייך מיט דער זעלבסטאָפּפערונג,

וועלכע ס'זענען געווען גרייט צו שטעלן די, וואָס האָבן גע-וואָלט מאַכן אויפלעבן די הערשאַפט פונם פאָלק-ישראל? די-דאָזיקע אַרבעט פון אַ זשאַנדאַרם און אַ פּאָליציאַנט, צי הייסט עס נישט דינען דעם אַלטן אידעאַל? אָבער ווען מען אַרט עס... די לעצטע וואַנט פונם בית-המקדש איז נאָך אַ וואַנט פון כּבוד פאַר דעם, וואָס האָט ליב זיין גאָט. קיין שום קלאָגע-רייען, קיין שום אַנטמוטיקונג, נאָר אַ פעסטער ווילן און אַ ווייכע נשמה... דער גאַנצער ערנסטער כּוח פונם פאָלק האָט זיך פאַרפילפאַכט, זיך אָנגעשטרענגט אַ דאַנק דער באַרירונג מיטן געליבטן לאַנד און אַ דאַנק דעם דורשט פון זעלבסט-אָפּפערונג, וואָס עס האָט געטראָגן אינם משך פון אַזויפיל דורות. איצט האָבן זיי אָן שום טענות-ומענות געקענט זעטיקן זייער לאַנג-דורותדיקן דורשט.

ווייל פון איצט אָן איז עס זייער באָדן און זייער לופט. זייערע טריט קלינגען אויף היימישע וועגן און דאָס ברויט, וואָס זיי עסן — זענען די פרוכטן פון זייער לאַנד... איצט זענען זיי שוין מער נישט קיין וואַנדערער. די געטאָס האָבן זיך פאַרברייטערט און זיך אויסגעמישט מיט די שטעט. דער ייד, וואָס האָט זיך געשראָקן און געציטערט, האָט אויפ-געהייבן הויך זיין קאָפּ, ווייל ער האָט געוווּנען זיין פאָטער-לאַנד.

מיר איז נישט אויסגעקומען קיין סך צו ליידן פון שינוי אינם לעבן פון אונדזער פּאָלק, ווייל איך האָב נישט גענומען קיין אַקטיוון אָנטייל אין דער אויפגאַבע, וואָס מיר האָבן געדאַרפט אויספירן. איך האָב זיך נישט געאיילט צו קריכן אין פייער און האָב נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויס התמדה אין מיין אַרבעט. איך האָב נישט געפונען קיין שום פאַרדינסט, מיט וואָס איך זאָל קענען שטאָלצירן און ווען מען וואָלט מיך געצוווּנגען צו זיין טעטיק, וואָלט איך דערצו אַרויס-געוויזן קנאַפּ התלהבות. איך האָב באַשלאָסן נישט צו רעאַגירן אויף דער בייזוויליקייט פון מיינע שעפן, וועלכע האָבן מיר געמאַכט אויפמערקזאַם אויף מיין גלייכגילטיקייט צום

ציוניסטישן אידעאַל, ווייל פאַר אַזעלכע זאַכן איז מען מכבד מיט די שווערסטע אַרבעטן.

דורך אַן אומגעריכטן צופאַל בין איך אַריינגעפאַלן אין קאַנצעליאַריע פון גענעראַל-שטאַב. ס'איז געווען אַ געצעלט, פול מיט פאַפירן, פאַרמוליאַרן, קאַרטעס. מיט איין וואָרט, איך בין געוואָרן אַ שרייבער. אַלע באַוועגונגען פונם פולק האָבן זיך צענטראַליזירט ביי מיר אויף אַ קאַרטע, אָנגעשטאָכן מיט שפילקעס מיט קאָלירטע קעפלעך. איך האָב זיך זייער שנעל צוגעכאַפּט צו מיין נייעם אַמט, ווו איך האָב זיך באַטראַכט פאַר אַ פריווילעגירטן. איך האָב זיך נישט שטאַרק געדאַגעט, וואָס איך זיץ געבויגן איבער די פאַפירן. צי האָב איך דען, דורך דער עפענונג פון מיין געצעלט נישט געהאַט פאַר זיך אַ גאַנצן טאָג קליינע זאַמד-בערגלעך מיט צאַרטע אויסבויגונגען, וואָס ווערן באַגילט אינדערפרי און באַשפרינקלט אינאָוונט? צייטנווייז שטעלט זיך אַוועק אַ פויגל און איך הייב אָן צו טראַכטן וועגן זיינע פליגל, מיט וועלכע ער קען שוועבן צווישן די זון-שטראַלן. עפּעס הער איך שטימען פון בעדויאינער. איך שפּיץ אָן מיינע אויערן צום עכאָ, און אַ לאַנגע צייט דאַכט זיך מיר, אַז ער קלינגט נאָך אינעווייניק איבער מיין גאַנצן וועזן. איך בין איינער אַליין. אין די פרייע שעהן איז מיר פאַרווערט צו פאַרלאָזן מיין געצעלט. דידאַזיקע פאַרשפּאַרונג דריקט מיך, ווייל ס'ווילט זיך מיר זען מענטשן, זען בלויז, ווי עס גלאַנצן אַ פּאָר אויגן, ווי ס'באַוועגט זיך אַ פּנים.

איך וואַרט מיט אומגעדולד אויף דער דעמאָביליזאַציע. עס קוועלט מיך די אומזיכערקייט, וואָס וואַרט אויף מיר, דאָרט אין די שטעט. איך פיל אַן עקל צו זיך אַליין, בעת איך דערמאָן זיך וועגן מיין פאַראַדאָקסאַלער לאַגע אינם דאָזיקן פולק, וועלכער שטעלט מיט זיך פאַר אַן אידעאַל פון וועלכן איך בין אַ קעגנער. אָט דאָסדאָזיקע לעבן פאַרצווייפלט מיך, נאָגט מיין נשמה.

דער פולקאָווניק איז לאַנג, טרוקן, קאַרג אויף ווערטער,

מיט אויגן טיף פאַרזונקען צווישן געדיכטע בלאָנדע ברעמען. ער קומט נאָך אָוונטברויט אונטערשרייבן עטלעכע פּאַפּירן, קוקט איבער דעם טאָג-ראַפּאָרט, גיט אַרויס טעלעפאָנישע באַפעלן, גיט מיר עטלעכע אָנווייזונגען און גייט אַוועק אין קלוב, ווו אַ גרופּע אָפיצירן וואַרטן אויף אים ווי אויף אַ „האַנט" צום ברידזש.

קומענדיק אין די טונקעלע שעהן, שטעלט דערדאָזיקער מענטש אָפּ אויף אַ ווײַלע דעם לויף פון מיינע געדאַנקען. פון זיין גאַנצן וועזן טיילט זיך אויס אַן איבערפלוס פון ענערגיע, קלאָרע בליקן, וועלכע פאַרצערן יעדע וואַקלעניש, שוואַכקייט, לאַנגווײַליקייט. ער האָט מיר עטוואָס דערמאָנט משהן, אָן זיין התלהבות, אָן זיינע באַוועגונגען, אָן זיינע ווערטער. בעת ער איז נעלם געוואָרן, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז ער שלעפט מיט זיך מיט אַ גאַנצע אַטמאָספערע פון רויקייט און חכמה.

און אויף אַזאַ אויפן האָבן זיך די טעג אומפאַרענדלעך געצויגן, און איך האָב זיך מיט הכנעה צוגעקוקט, ווי זיי ווערן פאַרשווונדן, ווי ס'פליסט די צייט. דאָך האָב איך מיט מער האָפענונג און מיט מער זיכערקייט געוואַרט אויף דער שעה, וואָס וועט מיר צוריקגעבן מיין ציווילן לעבן און מיין שרעקלעכע ביטערע צוקונפט.

LII

פּאַלעסטינע!... דאָס געפונענע פאָטערלאַנד!... מען האָט זיי געמאַניעט, און זיי האָבן זיך אָנגעהאַנגען אין דער אילוזיע, גלייך מען וואָלט זיי געגעבן מן פון הימל... פּוסטע חלומות!... מען האָט געשלאָגן אין די קוואַלן פון זייער האַרץ און אַלע היפּוכדיקע שטראָמען זענען אַרויס. זיי האָבן גאַרנישט געזען, גאָרנישט פאַרשטאַנען... ס'איז פאַר זיי געווען גענוג די הבטחה-פראַזע „פּאַלעסטינע איז געווונען", אַז זיי זאָלן זיך אָפּגעבן מיט אַלע זייערע כּוחות.

אומעטום איז דערזעלבער יאָגד אויפן מענטשן, אומעטום

עקספּלואַטירט מען די ריינסטע און די הייליקסטע געפילן פון פאָלק. מען גראַבלט זיך אויף אַלטן באָדן, ווו ס'איז באַגראָבן כעס, שנאה, קנאה און אידעאַל, וואָס כמעט אַלע ראַסן באַקומען בירושה; מען גראָבט עס אַלץ אַרויס און מען פאָכעט דערמיט, ווי מיט שטורקאַצן, כדי עס אַרויסרופן אין די הערצער פון די, וועלכע האָבן עס פאַרגעסן אָדער געשפּייזט דערמיט זייערע ווייטע זכרונות.

כדי דער דערפאָלג זאָל זיין אַ געזיכערטער, האָט מען צוערשט אויסגעזוכט צעקלאַפּטע אויסגעמאַטערטע פעלקער, וועלכע זענען צעזייט און צעשפּרייט, וועלכע ווערן אַכזריותדיק באַהאַנדלט און טראָגן נאָך אין זיך די נאַרישע האָפענונג. מען וואַקלט זיך, מען דרייט זיך אויף אַלע זייטן און מען זאָגט: זייט אונדזערע, גיט אונדז אייער בלוט און אייערע געהירן, מיר וועלן אייך דערפאַר געבן וואָפן, אַמוניציע, און אייער היימלאַנד וועט צו אייך געהערן און איר וועט מער נישט זיין קיין שקלאַפן און איר וועט זיין מיט אַלע מענטשן צוגלייך. די טראַנזאַקציע איז געמאַכט. מען שליסט זיי איין אין דער אַרמיי, וועלכע פאַרגרעסערט זיך, און די קוילן און די שראַפּנעלן האָבן נייע שיס-פּונקטן.

דאָסזעלבע איז מיט די יידן. זיי ווילן אַראָפּטרייסלען פון זיך די משא פון לאַנגע דורות, וואָס דריקט זיי, זיי ווילן זיך בונטעווען קעגן די כּוחות, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט זייערע גורלות, זיי ווילן זיך שטעלן מיטן פּנים צום שונא, מיט איין שפּרונג ווילן זיי פאַרריכטן דעם דורכגעלאָפענעם וועג, כדי זיך צוריקצוקערן אין דער היים פון זייער פרעכטיקער פאַרגאַנגענהייט. און כדי מען זאָל בעסער קענען דערגרייכן דעם ציל, ווערן זיי שקלאַפן... ישראל האָט אויף זיך גענומען אַ באַלעבאָס, ישראל האָט אַראָפּגעבויגן דעם שטערן, ישראל האָט אויסגעשטרעקט די הענט צו די קייטן!... אַן אומגליק!... זיי, וועלכע האָבן זיך קיינמאָל נישט געקענט אונטערוואַרפן אונטער קיין שום געזעץ און הויפּטזעכלעך קיינמאָל זיך נישט געקענט באַפרייען פון זייער אינדיווידואַליזם, האָבן זיך איצט נישט

געקענט אָפּזאָגן פונם יאָך, נאָר אדרבה, אויסגעשטרעקט צו אים די הענט.

דער באַלעבאָס!... דידאָזיקע הערמעטישע איינזייטיקע ראַסע, וועלכע מאַכט אַן אומגעהויערע מחיצה צווישן זיך און די באַזיגטע פעלקער!... די אַלע, וועלכע זענען נישט פון איר נאַציאָנאַליטעט, פון ריינעם שטאַם, זענען פון אַ נידעריקערער מענטשהייט!... די גאווה האָט אַוועקגעלייגט אויף זיין פּנים דעמדאָזיקן שטרענגן חותם. וואָס שטויסט אייך אָפּ און נעמט צו ביי אייך די פּריוויליקייט פון געפילן און זשעסטן. ס'אינ־טערעסירט אים בלויז דאָס, וואָס קען פאַרברייטערן די גרע־נעצן פון זיין מלוכה.

ער וואַרפט זיך אַן און שטעלט אַוועק אַ פוס ביי אייך, פונקט ווי ער וואָלט געהאַט די געזעצלעכע רעכט. און אויב איר שטוינט פון דערדאָזיקער פרייער האַלטונג, דרייט ער אויס דעם קאָפּ, גלייך ס'וואָלט גאָרנישט פּאַסירט. ווילט נישט אַריינ־דרינגען אין זיין נשמה! זי וועט זיך אַוועקגליטשן צווישן איי־ערע פינגער, ווי פליסנדיק וואַסער, נישט צוליב איר בייגעווי־דיקייט און נישט צוליב איר ראַפינירטקייט, נאָר צוליב איר פעסטן ווילן. זי וויל זיך נישט לאָזן דורכדרינגען, כּדי איר סוד זאָל בלייבן פאַר איר אַ כּוח און פאַר אייך אַן אייביקע נייגעריקייט, וואָס איז קיינמאָל נישט באַפרידיקט.

זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, דידאָזיקע ראַסע, פון איר אינדזל צו די גאָלדענע ברעגעס פון מיטללענדישן ים. די אַלטע פעלקער, וועלכע אַזויפיל דורות האָבן פּאַסאָנירט, האָבן זיך פאַר איר געבויגן. זי האָט באַהערשט דאָס, וואָס ס'איז כּמעט פאַרבליבן פון אַלע טויטע ציוויליזאַציעס, מיטן ציל צו געפינען אַן אָפּזאַץ־מאַרק פאַר אירע באַוואָלנע סחורות און זיך פאַרזיכערן די רייכטימער פונם באַזיגטן לאַנד. פאַר די מענטשן, וואָס וווינען אין זייערע קאָלאָניעס זאָרגט זי נישט. וואָס גייען איר אָן זייערע געדאַנקען, זייער נשמה, זייערע שטרעבונגען? זיי זענען „פאַרביקע".

און מיר, וועלכע זענען דאָ זעלנער פון „אָ. ה. מ.ס."

זענען מיר דיזעלבע „פרעמדע“ ווי עגיפטער, אינדזסן, אָדער ווי די בריטישע מערב־אַפריקאַנער, הגם ס'איז געווען צווישן אונדז אַ סך רוסן און פּאָליאַקן, וועמענס עלטערן האָבן שוין אַמאָל געוווינט אין לאָנדאָנער געטאָס. דאָס מינדעסטע, וואָס מיר האָבן געקענט פאָדערן פון די, וועלכע האָבן זיך פייערלעך אונטערגענומען צו פאַרטיידיקן אונדזער זאַך: מען זאָל אונדז באַהאַנדלען ווי גלייכע און מען זאָל אונדז אָן שום שטערונג דערלויבן צו אָטעמען מיט די ריחות פון אונדזער ערד.

אָבער די קללות, וואָס אונדזערע נביאים האָבן אונדז אַמאָל געוואָרפן, וועלן מיר נאָך הערן, אַפילו ווען מיר וועלן אויפגעריכט ווערן פון טרויעריקן גלות. די באַליידיקונגען, וואָס האָבן אונדז תמיד פאַרפאָלגט און וועלכע מיר האָבן געהאַפט נישט צו הערן מער אונטער „אונדזער הימל“, האָבן מיר זיי געהערט קלינגען אויף די ליפּן פון אונדזערע אייגענע ברי־דער: „שמוציקער ייד“...

„טאָמי“ *) מיידט אונדז אויס און האַסט אונדז. ער טשע־פּעט זיך אָן דער קלענסטער זאַך, כדי אַרויסצוווייזן זיין אַנ־טיסעמיטיזם. אויב זעלנער פון „יידישן באַטאַליאָן“ געפינען זיך צופעליק אויפן זעלבן וועג, אינם זעלבן צוג מיט אַנדערע ענג־לישע זעלנער, טייטלט מען תיכף אויף זיי מיטן פינגער און מען איזאָלירט זיי.

אָבער דידאָזיקע אַלע באַליידיקונגען, וועלכע זענען בלויז סימנים פון אַ באַזונדערן גייסט־צושטאַנד, וואָלטן אונדז אַזוי שטאַרק נישט באַאומרויקט, ווען ס'זאָלן נישט ווערן אָפּגעטאָן אַנדערע ערגערע מעשים. בעת די יידישע באַטאַליאָנען זענען אָנגעקומען קיין מצרים, האָט דע־ גענעראַל־שטאַב פון דער „עגיפּטישער עקספּעדיציע“ בולט אַרויסגעוויזן זיין פיינטלעכע שטעלונג בנוגע דידאָזיקע זעלנער. אָבער די אינסטרוקציעס פון לאָנדאָן און באַלפורס דעקלאַראַציע האָבן נישט איבערגעלאָזט קיין שום ספק איבער די כוונות פון זיין מאַיעסטעטישער

*) דער ענגלענדער.

רעגירונג. פאַרשידענע מינים שטערונגען האָט מען אונדז אַוועקגעשטעלט אויפן וועג, כדי אונדז אָראָפּשלאָגן פון מוט. אונדזערע אָפיצירן איז אויסגעקומען צו פירן אמתע קאַמפן, צו באַנוצן פאַרשידענע שפיצלעך, כדי אַרויסצוקריגן פאַר זייערע מענטשן אויסשטאַטונג, פּראָוויאַנט און אַפילו באָדן פאַר אַ לאַגער. מען האָט אונדז פאַרווערט צו טראָגן דעם „מגן-דוד", אַלס צייכן פון אונדזער פאָלק, און ערשט שפּעטער, נאָך פאַרשידענע אינטערווענצן, האָבן מיר באַקומען דערויף אַ דערלויבעניש.

דידאַקטיק וואַקלענדיקע כיטריצע פּאָליטיק האָט זיך פון טאָג צו טאָג אַלץ מער בולטער אויסגעשניצט און ענדלעך איז די שנאה, וואָס מען האָט אונדז אַרויסגעוויזן, שוין מער פאַר קיינעם נישט געווען קיין סעקרעט.

צוערשט האָט מען געוואָלט צונעמען ביי אונדזער פאָלק זיין „קאַמפּס-כאַראַקטער" און פאַרוואַנדלען אים אין עפּעס אַן „אַרבעטער קאָרפּוס". דערדאַזיקער פּרווו האָט געזאָלט זיין אַ טויט-קלאַפּ פאַר דער נשמה פון אונדזער פאָלק, וועלכער האָט געהאַט די אויפגאַבע צו שלאָגן זיך אויפן פּאַלעסטינער פראָנט, צוזאַמען מיט אַנדערע מיליטער-טיילן. ס'איז זיי נישט געלונגען. ס'האָט פּאַסירט דעמאָלט, ווען מען האָט אונדז אָפּגעהאַלטן אין קאַנטאַרע, אין על-אַריש און אין ראַפּאַ, כדי מיר זאָלן ווי צום שפּעטסטן אָנקומען קיין פּאַלעסטינע און פאַרלויפיק אונדז דעמאָראַליזירן דורך אומטעטיקייט און איינזאַמקייט.

LIII

איך האָב זיך נישט באַשלאָסן אַריבערצושפּרייזן די גרענעץ. דאָך האָב איך אָפטמאָל געהאַט די געלעגנהייט. מיין פּאָלקאָווניק האָט בשום אופן נישט געקענט אויסטייטשן די סיבה פון מיין אָפּזאָג. ער האָט געוואָלט אַרויסקריגן פון מיר אַ דערקלערונג דורך קונציקע רמזים; אָבער איך האָב זיי תמיד אויסגעמיטן, נישט פאַרגעסנדיק, אַז אים איז באַקאַנט מיין שטעלונג

צום ציוניזם. זיין איינציקער ציל איז געווען — מיך אַרויפצופירן אויפן שטרייט־געביט, ווו ער פילט זיך שטאַרק אין זיינע רעכט פון אַן עלטסטן, כדי ווירקן אויף מיר, איך זאָל תשובה טאָן. ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז ס׳איז אַ כבוד פאַר מיר צו קענען טרעטן די ערד פון פאַלעסטינע, צו וועלכער אַ סך אַנדערע האָבן זיך צוגעלייגט מיט זייערע ליפּן. אָבער באַטראַכטנדיק דעם טאָל, האָט אַ געוואַלדיקע מרה־שחורה באַהערשט מיין גאַנצן וועזן, אַ מרה־שחורה, וואָס איז געקומען פון מיין טיפער נשמה און פון וועלכער איך האָב נישט געקענט אַנטלויפן. איך בין געווען ווי איינער, וואָס שטייט איינגעבויגן איבער אַן אָפּ־גרונט, פאַרכישופט פונם פוסטן רוים. און איך האָב נישט גע־קענט...

דאָך, האָב איך שטאַרק חשק געהאַט צו זיין צווישן די איילבערטן. די ביבלישע לאַנדשאַפטן, וועלכע איך האָב גע־טראָגן אין זיך, האָבן געוואָלט אָננעמען זייערע אמתע פאַרשי־דענע צורות, אונטער די געוועלבן פון זייער הימל. איך האָב געוואַרט אויף עפּעס אַ בת־קול, אויף אַ צייכן. אָבער דער האָ־ריזאָנט איז פאַר מיר געווען געשלאָסן, ווי אַ סודותדיק וועזן. איך האָב זיך אַליין געשטעלט טויזנטער שאלות. איך האָב גע־וואָלט וויסן, וויאַזוי וועט רעאַגירן מיין נשמה ביים קאָנטאַקט מיט די שפּורן פון מיין ראַסע, און בעת איר אַמאָליקער גע־דאַנק וועט אַרויסשטראַלן פון די קברים. איך בין אָבער געווען זיכער, אַז איך וועל אין זיך נישט געפינען דידאַזיקע אינער־לעכע וואַרימקייט, וואָס רעגט אייער בלוט, בעת איר קומט אין באַרירונג מיט אַלטע זאַכן, און אייער גאַנצער וועזן דערשפּירט, אַז איר זענט פעסט דערמיט פאַרבונדן. און מער ווי אַלעמאָל איז מיר דאָ געוואָרן קלאָר, אַז ישראל האָט אָפּגעווייכט פון זיין גורל דערמיט, וואָס ער טרוימט תמיד צוריקצוקערן זיך אינם לאַנד פון זיינע אבות. ווייל זיין גורל איז ערגעץ אַנ־דערש. זיין גורל איז אין דער ברייטער וועלט. דער שמאָלער האָריזאָנט איז נישט פאַר זיין פאַרנעם.

אָבער איינמאָל, בעת איך האָב זיך געפילט שטאַרק

אויסגעשעפּט, בעת ספקות האָבן מיך גענאָגט, האָב איך אָנגע־
הייבן צו לעכצן נאָך אַ ביסעלע אינערלעכער מנוחה. מיט
שנעלע, פעסטע טריט האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזט אינם טאָל,
פאַר װעלכן איך האָב זיך אַזױ פיל געשראָקן. דער לעצטער
עטאַפּ, װו מײן צעבונטעװעט האַרץ האָט זיך געדאַרפט אײנ־
בויגן, װערן הכנעהדיק און זיך אויפעפענען פאַר דער ליבע
צום געװונטשענעם לאַנד!... אָבער װאָס נענטער איך בין צוגע־
קומען צום ציל, װאָס איך האָב זיך אַמאָל געװונטשן, אַלץ
װײטער בין איך פון אים אַװעק מיט מײן האַרץ, דורך די
אמתן, װאָס איך האָב זיך אײנס ביי אײנס דערװאָרבן, װוי־
נענדיק אונטערן געצעלט. איך בין געװען אין שטאָט װי אַ
פרעמדער, װאָס גייט פאַרביי. מיך האָט נישט גערירט די װאַנט
פונם צעשטערטן בית־המקדש. ס'האָט אין מיר נישט אויפגע־
לעבט דער מערקװירדיקער עבר. איך בין נישט געפאַלן כורעים
פאַר עפּעס אַ פּלעצלעכער אַנטפּלעקונג. מײנע הענט האָבן נישט
געריסן די ערד.

מײן גײסט האָט זיך דערהייבן העכער פונם הר־הזתים,
העכער פון די הרי־מואב און האָט זיך געקענט פאַרשיכורן
מיטן פּראַכט פונם װעלט־בילד, װו דאָס אַלטע פאָלק האָט
געשאַפן געדאַנקען־הײמען און הײמען פון ליבע.

און איך האָב זיך צוריקגעקערט קיין ראַפאַ, שטאַרק צו־
פרידן, װאָס איך האָב אײנגעהיט און אויסגעשניצט אין זיך
די זיכערקײטן פון מײן נשמה, אין זײערע בעסטע פאָרמען.
איך האָב דערװײטערט פון זיך די סענטימענטאַלע אײנפלוסן
פון די קברים און די מעגלעכע באַגײסטערונג פון מײן גאװה,
װאָס האָט געקענט אָנצינדן מײן אילוזיע און טראַכטן, אַז איך
בין אײנער פון די שליחים, װאָס האָט געבראַכט דעם צעזײטן
פאָלק אין גלות די הבטחות פון דערלײזונג.

דער טאָל שרעקט מיך נישט מער. איך באַטראַכט אים
מיט אַ רויקײט און מיט אַ מתיקות פון די, װעלכע זענען צו־
געװױנט צו אַ געליבטן האָריזאָנט. איך גלעט אין זיך אַלע

לאַנדשאַפטן, מיט וועלכע איך האָב זיך באַרייכערט, לאַנדשאַפטן פון באַגילטע ווייַנגערטנער, קאָלאָניעס צווישן מאַנדלביימער און עקאַליפטוסן, טאָלן ווו ס׳וואַקסן אַרבוזן און אַנדערע זאַכן, ווו די זון שטראַלט צווישן איילבערטן, ווו דער אָוונט פאַרשפּעטיקט זיך אויפן שוועל פון די הייזער פון די יידישע קאָלאָניסטן, ווי אַ פאַרטראַכטער בעטלער מיט צוגעמאַכטע אויגן.

איך דריי איצט אויס מיין פנים צום ים, אָדער צו קאַנטאַרע, וויל פון דאָרט דערוואַרט איך דאָס וואָרט, וואָס וועט מיך באַפרייען און וועט מיך צוריקקערן צום פלאַמענדיקן לעבן, וואָס דערהייבט זיך איבער די מתים. איך מוז פאַרווירקלעכן מיין טריב יידיש לעבן, וואָס האָט אין זיך דעם אינסטינקט פון אַ מוראַשקע אָדער פון אַ בין: כסדר איבערצובויען, צו וועלן תמיד געפינען האָניק, קערנער, נישט געקוקט דערויף, וואָס דער בינשטאָק אָדער דאָס נעסט זענען צעשטערט. איך ווייס עס, און דאָך וועל איך זיך קיינמאָל נישט אָפּזאָגן צו גיין אַהין, פונוואַנען ס׳בלאָזט דער העלדישער ווינט, און איך וועל אַריינפּרעסן אין אַנדערע אַרמייען, אָבער איך וועל נישט הרגענען...

LIV

ניין, איך זאָג אייך אויף אַן אמת, אַז נישט פּאַלעסטינע איז אייער פאָטערלאַנד.

איך ווייס גאַנץ גוט, אַז אַ סך וועלן מיך פאַרוואַרפן מיט שטיינער, אַ סך וועלן מיך פאַרשעלטן, וויל איך לייקן אָפּ דורות פון יללות און דורות פון האָפענונג.

אָבער וואָסער ווערט האָבן מיינע פראַזן אין פאַרגלייך מיט דער התלהבות פון זייערע הערצער? וואָסער צורה האָבן מיינע ווערטער זייט ביי זייט מיט זייערע שטראַלנדיקע פנימער?...

זאָלן זיי מיך פיינט האָבן, ווי מען האָט פיינט אַ זונה, זאָלן זיי זיך אָפּקערן פון מיר, ווי מען קערט זיך אָפּ פון אַ קרעציקן, איך וועל שטענדיק זאָגן דאָס, וואָס מיין האַרץ האָט געפילט און ס׳גייט מיר גאָרנישט אָן, צי מען הערט מיך, צי ניין.

דאָך טראָג איך אייך צו אַן אַנדער רוים, וואָס איז דויערהאַפטער פון די וואָס איר זוכט, איר אייביקע וואַנדערער, איר פאַרפאָלגטע, איר טרוימער און אַפילו איר באַנקירן און פינאַנסיסטן!...

איך וואָלט געוואָלט אייך אַנטפּלעקן, פאַר אייך אַליין, ווייל פונקט ווי טרויבן ווייסט איר נישט פון דער שטאַרקער געזונטער שיכּרות, וואָס פליסט אין אייערע געהירן.

אַך!... באַווייזן אייך די מעגלעכקייטן, וואָס איר טראָגט אין אייער אינגעווייד, ווי שטילע וואַסערן!... אויס גאווה האָט איר פאַרריסן אייערע קעפּ, און יעדערער פון אייך האָט זיך אָנגעלענט, כּדי צו טראַכטן וועגן אייער אייגענער קעניגרייך. אָבער איר זענט ווי די, וואָס ווערן אַנטשלאָפן יעדן אָוונט, נישט זעענדיק, אַז אונטער זייער געלעגער ליגן גאַנצע אוצרות.

איך פאַרברייטער דעם באַגריף פונם יודאַיזם, איך באַפריי אים. דער באַגריף שוועבט איבער אַלע צייטן און איז דאָס, וואָס די מענטשהייט האָט פאַרלאַנגט, אַז דער מענטש זאָל זיין.

ווייל איר זענט בלויז מענטשן, אַך, איר יידן!... ווייל איר האָט קיינמאָל נישט קיין פאָטערלאַנד, ווייל אייער פאָטערלאַנד איז תּמיד געווען די ערד, נישט קיין צעפּיצלטע אויף קליינע שטיקלעך, נאָר די גאַנצע פרייע ערד, מיט מענטשן, חיות, צמחים, וואָס געפינען זיך אויף איר.

און אַזעלכע זענט איר פאַרבליבן אין די גילגולים פון חיות, נישט געקוקט אויף די קעגנערישע ראַסן, וועלכע זענען אויפגעשטאַנען קעגן אייך...

די יינגע ענערגיע וואָס איר פטרט ביי היינטיקן טאָג, כּדי זיך צוריקצוקערן אינם לאַנד פונוואַנען איר זענט פאַרטריבן געוואָרן איז אַ פאַרקריפּלונג פון אייער אידעאַל און אַ שרעקלעכע אַנאָמאַליע.

אַך! נישט דערפאַר, ווייל איך צווייפל אין אייער דערפאָלג! קען מען מען צווייפלען אין אייערע אונטערנעמונגען, בעת אייער נשמה מאַכט זיי אויפלעבן און באַהערשט זיי?

יאָ, די קוואַלן פון לעבן זענען אַזוי לעבעדיק און אַזוי פּאַראייביקט אין אייך, אַז זיי זענען נאָך אין אייך אומבאַרירט, גלייך זיי וואָלטן געווען פאַרחתמעט, נישט געקוקט אויף דער דורותדיקער אָפּנוצונג אויף שלאַכטן און ליידן.

אָבער זאָגט, צי האָט איר געקעמפט און געקלאָגט, כדי צו דערווערבן דאָס, וואָס מאַכט אייך קלענער? כדי צו וווינען אין קליינע געצעלטן, אונטער איילבערטן, האָט אייך דען געלוינט צו פאַרלאָזן אייערע פּאַסטנס, וווהין ס׳דערגרייכן צו אייך די גערוישן פון הויכע געדאַנקען און וווּ איר נעמט אָנטייל אין דער פאַרשענערונג פון דער וועלט?

אייערע ליידן, אייערע קאַמפן, אייערע טרערן האָבן אייערע נביאים שטאַרק באַגערט פאַר אייך, זיי האָבן עס פאָרויסגעזאָגט, כדי ס׳זאָל געשאַפן ווערן דער איינציקער גלויבן פון ליבע.

די גאַנצע אייערע טרויעריקע בענקשאַפט נאָכן פאַרלוירענעם ירושלים איז בלויז אַ פּראָטעסט פון אייער גאַנצן וועזן קעגן דער אומגערעכטיקייט, דאָס איז אַ רוף פון אייער גאַנצן וועזן, כדי ס׳זאָל אין אַ העלן טאָג אויפלעבן די פיינע אוטאָפּיע פון פעלקער-פאַרברידערונג.

ניין, איך זאָג אייך אויף אַן אמת, אַז נישט פּאַלעסטינע איז אייער פאָטערלאַנד!...

איר זענט דאָס צעשפּרייטע קערנדל, וואָס גיט אַרויס זעלטענע שניטן און איר זענט אויך די פאַרזייער מיט גרויסמוטיקע זשעסטן.

אין אייך ברויזט דער משיח-גלויבן, דער גלויבן, וואָס פלאַקערט, און דעריבער זענט איר עולה-רגל, דעריבער וואַנדערט איר אָן אויפהער, איר אונערמידלעכע טרעגער פון גרויסע מענטשהייטס-פּרינציפּן!

איר דרינגט אַריין אומעטום, גלייך דער צאַרטער ווינטל, נישט געקוקט אויף פאַרמאַכטע טירן, נישט געקוקט אויף גרענעצן! ווייל אייער וואָרט מוז זיך פאַרשפּרייטן, ווייל דאָס פאָדערט אייער גורל.

די קלה, וואָס מען האָט געוואָרפן פון בית־המקדש, איז אַן אויפפאָדערונג, וועלכע איר ווילט אומבאַוווסטזיניק דורכפירן אין לעבן, ווי אַ נאַטירלעכע קראַפט.

יאָ, איר זענט די שערבלעך פון אַ צעבראָכענער אַמפאָרע, ווו ס'האָט זיך געפונען דער תמצית פון אַן אידעע, וואָס איר האָט פאַרשפרייט מיט אַ ברייטער האַנט.

איר זענט די באַפרייטע, נישט געקוקט אויף די צופעליקע טראַדיציע־קייטן, נישט געקוקט אויף די געטאָס, נישט געקוקט אויפן תלמוד און דער תורה.

ס'איז געגנוג פאַר אייך, איר זאָלט באַקומען ערגעץ־ווו אַ באָדן צו באַאַרבעטן, אין וועלכן ס'איז נישט קלימאַט, אַז אייער לעבן זאָל אָנגעשטרענגט ווערן, ווייל די אידעע פון אַ פאָטערלאַנד איז אין אייך טויט. איר קוקט אויף אַ פרעמדן, ווי אויף אַן אייגענעם ברודער, מיט די זעלבע אויגן, וואָס מאַכן נישט קיין אונטערשייד צווישן מענטשן פון פאַרשידענע קאָלירן, פאָנען און צווישן פאַרשידענע אַנדערע סימנים פון זייער גלויבן.

איר האָט תמיד געגלויבט אויף אַלע נייע באַאָבאַכטונגען פונם גייסט, איר האָט תמיד גענומען אָנטייל אין אַלע באַוועגונגען, וועלכע האָבן אויפגעהייבן פעלקער, כדי אַראָפּצושאָקלען פון זיך דעם יאָך פון די אַלטע איבערגלויבנס און צו באַשטראָפן די סאָציאַלע אומגערעכטיקייטן, ווייל איר זענט תמיד אומרויק.

איר זענט די איינציקע, אין וועמען עס וויברירט דער ריינער טרוים, וואָס איז דורכגעווייקט מיטן בלוט פון רעוואָלוציעס און וועלכע האָבן זיך יעדעס מאָל באַוועגט אויף אַ טרעפּ פאָרויס צו דער תקופה, ווען מען וועט אויפהערן מיט שנאה צו קוקן אויף איינאַנדער.

זאָלן מיינע ווערטער אייך נישט פאַרבלענדן. איך בין נישט באַגייסטערט פון אייער הערשאַפט, אויף וועלכער איר האָפט. איר זענט דינער, איר זענט שקלאַפן.

זאָל מען אייך פאַרפאָלגן, זאָל מען אייך הרגענען! בלייבט

צעזייט ווי רינגען פון אַ קייט, וועלכע זענען אומבאַמערקלעך פאַרבונדן מיט איינאַנדער, ווייל דערין שטעקט אייער כוח און דאָס איז אייער אויפגאַבע.

ניין, איך זאָג אייך אויף אַן אמת, אַז נישט פּאַלעסטינע איז אייער פאָטערלאַנד!

LV

איך וואַרט אויפן צוג. ער וועט באַלד אָנקומען צווישן די זאַמד-בערג. עס דאַכט זיך, אַז ער שפּאַלט זיי. אָך, דידאָזיקע סאָפּענדיקע פּייפן קען איך גאַנץ גוט, די שטראָמן צעפּלוישטע רויכן האָב איך נישט איינמאָל געזעען און די סקריפּערייי פון די טאָרמאַזן, די שטופּערייי פון וואַגאָנעס האָב איך אַזויפיל מאָל געהערט!... במשך פון מיין גאַנץ זעלבנעריש לעבן האָבן זיך דידאָזיקע אומבאַשטימטע געררוישן, אַזוי צו זאָגן, געלייגט אויפן אייגנטאָניקן פאָדעם פון מיין לעבן, האָבן דאָס לעבן באַגלייט און געשאַפן אַ ממשותדיקן פּייזאַזש. און די גאַנצע אַטמאָספער, וואָס די רגילות האָט געשאַפן אַרום מיר, וואָלט פאַרלוירן אירע האַרמאָנישע ליניעס, ווען נישט דערדאָזיקער פּייזאַזש...

דער צוג!... וואַרטן אויפן צוג אינם מדבר, הייסט וואַרטן אויף דער פּאָסט און אויף צייטונגען אין פאַרחתמעטע פּאַקעטן, וואָס מען טוט אַ וואָרף דעם זעלבנער, וועלכער וואַרט אויפן וואָקזאַל; דאָס הייסט וואַרטן אויף פריש וואַסער פון קאַנטאַראַ, אויף פּאַפּיראָסן; דאָס הייסט באַקומען פונם מאַשיניסט, פון זיין לאָקאָמאָטיוו אַראָפּ פאַרשידענע ידיעות, וואָס ער האָט אַליין אויפגעזאַמלט אויף יעדער סטאַנציע.

מיין „קיט" געפינט זיך דאָ, אין אַ לאַנגן זאַק פון שוואַרצן לייוונט, אַן אויפגעוויקלטע דעקע און מיין ביקס. איך האָב זיך אָנגעגרייט עסנוואַרג און אַ לאָגל מיט וואַרעמע טיי. איך בין איינער אַליין. ביידע געצעלטן, וואָס פאַרמירן די קאַנצעלאַריע פון סטאַנציע-שעף, זענען נאָך צוגעמאַכט... ס'הייבט זיך אָן

דער באַגינען... דער דאָפּלטער אָפּדרוק פון מיינע טריט האָבן אויפן פייכטן זאַמד אָנגעצייכנט אַ שמאָלע געדרייטע סטעזשקע, וואָס הייבט זיך אָן ביי די זאַמד-בערג, און פאַרשטעלן מיין לאַגער.

„איך פאָר אַוועק, איך בין דעמאָביליזירט". איך חזר זיך כסדר איבער דידאַזיקע קליינע פראַזע, איך שטרייך זי אונטער, גלייך איך וואָלט געוואָלט בעסער באַגרייפן איר באַדייטונג. איך דריי זי אַהער, איך דריי זי אַהין, ווי אַן אבן-טוב, וועלכן איך קען בשום אופן נישט אָפּשאַצן. מיין נייע לאַגע איבערראַשט מיך נישט. און דאָך האָב איך פריער אַרויסגעוויזן גרויס פרייד, בעת איך האָב געטראַכט וועגן דער רגע פון מיין באַפרייונג!... איצט קיין שום איילעניש, קיין שום אומגעדולד! איך קוק אויף מיין אָפּפאָר אַזוי, ווי ס'קוקט איינער, וואָס מאַכט טאָג-טעגלעך דיזעלבע נסיעה. און דאָך זענען געווען טעג, בעת איך האָב זיך פאַרשאָלטן דאָס לעבן און גערייט זיך אויפן בויך פון אויפרעגונג, ווייל איך בין געווען אַ זעלנער, וואָס האָט פיינט געהאַט זיין געווער!... זינט איך האָב זיך אָפּגעטיילט פון משהן און מיין באַוווסטזיין האָט זיך אויפגעוועקט פון די שרעקלעכע געשעענישן, איז נישט אַריבער קיין טאָג, איך זאָל נישט שרייען פון פאַרצווייפלונג. אָבער איצט בין איך צו אַלץ גלייכגילטיק.

אפשר די פלוצלעכע ענדערונג, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין די באַדינגונגען פון מיין לעבן און מיין אומפעיקייט זיך שנעל צוצוגעוווינען דערצו, האָבן פאַרטריבן און פאַראַליזירט אַלע אַנטפּלעקונגען פון מיין האַרצן; אָדער ס'איז אפשר געשען אַ דאַנק מיין פלוטעוואַטער נאַטור, וועלכע איז תמיד אומבאַפרידיקט און זוכט תמיד נייע סיבות צו האָפן און צו קרעכצן? מיין גאַנצע אינדיווידואַליטעט מיט אַלע מיינע אָנשויאונגען, וועלכע איך זע זיך באַוועגן מיט דער פּינקטלעכקייט פון אַ זייגער, זענען באַהערשט געוואָרן דורך אַן אַנדער איך.

איך פאָר אַוועק, איך וואַרט אויפן צוג. וואָס קען שוין זיין מער פשוט? איך ליג אויסגעצויגן אין מיין גאַנצער לענג,

און די באַגינען־פרישקייט פונם מדבר נעמט אָטייל אין די בילדער, וואָס אַנטשטייען אין מיר און פּלאַצן ווי זייף־בלאָזן... איך האָרך דעם ים רוישן, גלייך איך וואָלט געהאַלטן אַ ים־שאָל ביים אויער. איך באַטראַכט, ווי די זאַמדן כוואַליען זיך און אויך די קוסטעס פון אויסגעטרוקנטע גראָזן.

אָבער נישט געקוקט אויף מיין רויקן אויסזען נאָגט אין מיר אַ טיפע האַרבסט־מעלאַנכאָליע, ווי בעת מען דערמאָנט זיך פון דער פאַרגאַנגנהייט. צוערשט איז זי אומבאַמערקלעך דידאָזיקע מעלאַנכאָליע, נאָכדעם פאַרברייטערט זי זיך, ווי אַ טינט־פלעק, ווערט בולט און אונטערטעניקט אַלע מיינע אַנדערע געפילן. איז עס, אַלזאָ, דער סוף? וועל איך שוין מער קיינמאָל נישט האָבן צו טאָן מיט דידאָזיקע פּייזאַזשן, מיט די פּייזאַזשן, פון וועלכע מיין נשמה האָט באַקומען איר שפּייז און זיך מאָדולירט לויט איר אייגנאַרטיקייט און ערנסט?... איך לאָז דאָ איבער מיין אַלטע פעל, אַ גאַנצן באַרג קאַמפן, ווייטיקן, ליידן און, דורכפאָרנדיק דעם גאַנצן פראָנט, וועל איך קענען צו זיך זאָגן, אַז איך האָב זיך באַנייט אונטער דעם שאָטן פון אייערע פּאַלמען, על־אַריש, און צווישן אייערע זאַמדן, ראַפאַ!... קיין שום חרטה, קיין שום חשק אָפּצולייגן דעם אַוועקפאָר, צו פאַרבלייבן דאָ, אַפילו אָן די זעלנערישע בגדים. קיין שום זאַך, חוץ דאַנקבאַרקייט, אַ מין הכנעהדיקע דאַנקבאַרקייט, וואָס איך וואָלט געפילט צו אַ באָבען, וועלכע וואָלט מיך איינגעוויגט, וויסנדיק, אַז איך וועל זי קיינמאָל נישט אָנזען, ווייל זי וועט שטאַרבן.

אָבער דידאָזיקע מרה־שחורה וויקלט זיך אין מיר, ווי אַ טעפּיך, און לאָזט איבער אָרט פאַר פּיין, וואָס נאָגט מער פון אַ ווונד... אַלע אומזיכערקייטן, אַלע דאגות, אַלע פּלאָגן דערהייבן זיך, ווי אַ געשפּענסט אויפן וואַסער, ווו ס'וואַקסן די שעדלעכע גראָזן... איך שטעל זיך כסדר שאלות. איך בין אָן געלט. איך מוז זיך אָבער אַראָפּלאָזן פונם שיפּוע. וואָס קען איך דערוואַרטן דערפון, וואָס געפינט זיך דאָרט „הינטער מיינע

פלייצעס״, — דידאָזיקע אומבאַשטימטקייט, ווהין איך בין אוועק-געוואָרפן געוואָרן און בין אַ סך שוואַכער פון אַ קינד?

אָבער דאָרט ביים שיפּוע הויבן אָן די רעלסן צו רוישן פון די רעדער, וואָס קויקלען און גליטשן זיך פונדערווייטנס... דער צוג!...

LVI

איך בין אַרויפגעקראָכן אויפן וואַגאָן, געוואָרפן אַן אויג אויף מיינע וועג-חברים און, אַוועקלייגנדיק מיינע פּעק, האָב איך זיך אויסגעצויגן.

דער וואַגאָן איז געווען אַ פּלאַטפאָרמע, מיט אַ דאַך, צו-נויפגעקלאַפּט פון ברעטער, ווייט אָפּגערוקט איינער פון צווייטן. די פּאָדלאָגע איז געווען געלעכערט, געשפּאָלטן אויף אַזויפיל, אַז מען האָט געזען די גלאַטיקע רעלסן, די פלעצלעכע פונקען און די שפּאַלן, איינגעשמירט מיט אייל און קוילן, וועלכע זענען געפלויגן, גלייך ס׳וואָלט געווען אַן אומענדלעכער ליגנדיקער לייטער.

אין אַ זייט האָט זיך געפונען אַ גרופּע ענגלישע זעלנער פון „א. ס. ג.״ און פון „ר. ע.״ זיי האָבן זיך אויסגעשפּרייט מיט זייערע זאַכן, כדי צו פאַרנעמען וואָס מער אָרט, כדי זיי זאָלן זיך ביינאַכט קענען אויסציען ברחבות, אַז קיין שום נייע פּאַסאַזשירן זאָלן זיי נישט שטערן. די פּנימער רויט, פריש געראַזירט, די קנעפּ און די ספּראָנטשקעס אויסגעפּאָלירט, זענען זיי געלעגן אויסגעצויגן אין דער לענג און אין דער ברייט, האָבנ-דיק אַלע מעלות, וואָס כאַראַקטעריזירט אַ געזונטן גוף און אַ נשמה אָן פּאָדערונגען און אויפברויזונגען... זיי האָבן זיך מיר קעגנגעשטעלט מיט אַ מין אָפּשטויסנדיקן פיינטלעכן כוח, וואָס האָט פאַרוויגט יעדע דערנעענטערונג מיט זיי.

ס׳איז געווען קלאָר, אַז אין זייערע אויגן האָב איך נישט געהאַט קיין שום פּאַרצוגן, נישט געקוקט אויף מיין ראַנג, און, אַפילו אַלס מענטש, האָבן זיי מיך נישט געהאַלטן פאַר זייער

גלייכן. מיין אַנקום האָט זיי לגמרי נישט אינטערעסירט. מיט אַ פאַרהיילִיקטער ערנסטקייט האָבן זיי געמאַכט טיי, מיטן וואַ־סער, וואָס זיי האָבן געבראַכט פון לאָקאָמאָטיוו. די ברוינע טעפּלעך אויפגעהייבן, האָבן זיי אַהין אַריינגעקוקט, באַטראַכטנ־דיק דידאָזיקע אַרבעט, גלייך ס׳וואָלט געווען אַ וויכטיקער טאַט אין זייער לעבן.

אין אַ צווייטן ווינקל פונם וואַגאָן, פּונקט ווי זיי וואָלטן געווען אָפּגעטיילט מיט אַן אומבאַמערקלעכן פּראַנט, וואָס ס׳איז פאַרוועדט עמעצן אַריבערצושפּרייזן, האָבן זיך געדריקט צוויי אינדוסן פון די בריטישע מערב אַפריקאַנער און איין עגיפּטער. זייערע זאַכן זענען געווען פאַררוקט אין אַ זייט. דערזעענדיק מיך, האָבן זיי מיר אַ ווונק געטאָן מיט זייער גאַנצן פּנים, מיט אַ פרייען ברודערלעכן פּנים, איך זאָל זיך צוזעצן לעבן זיי און זיין זייער גאַסט.

זיי האָבן באַמערקט, אַז מיין הויט איז ברוין און מיינע אויגן שוואַרץ. זיי האָבן דערקענט, אַז איך בין פון זייער ראַסע. זיי האָבן נישט געקענט קיין טעות האָבן. זיי האָבן געזען, אַז איך האָב נישט געהאַט קיין אויסוואַל און געמוזט זיין פון זייערע. גראָבע ליפּן און אַ פלאַכע נאָז, דינע ליפּן און אַ גלייכע נאָז, פולע ליפּן און אַ קרומע נאָז, ווייזן באַלד ווער זיי זענען, ווייל איין נשמה מאַכט זיי אויפלעבן,— אַ נשמה, וואָס איז אין אַן אָריענטאַלישן שמעלץ-אויוון צונויפ־געגאָסן געוואָרן פון זון, אפּיקורסות, שמוץ און צאַרטקייט.

זיי האָבן מיך פאַרבעטן אָפּצועסן מיט זיי פרישטיק, מיט אַזאַ העפלעכקייט און מיט אַזאַ גאַסטפריינטלעכקייט, אויף וועל־כער ס׳איז שווער אָפּצוזאָגן. דער אינדוס האָט מיך גערופן „טאַהיב״, דער בריטישער מערב אַפריקאַנער — „ברו־דער״ און דער עגיפּטער האָט כסדר צו מיר געשמייכלט מיט זיינע ווייסע בלאַנקענדיקע ציין.

אָבער גלויבט מיר, ס׳איז פאַר זיי געווען גענוג, איר זאָלט קומען צו זיי מיט אַ פשוט מענטשלעכער נשמה, נישט גרויסנדיק זיך דערמיט, וואָס איר פאַרנעמט אַ מער פּריווילִיגירט

אָרט פון זיי אויפן סאָציאַלן באָדן. און איר באַקומט דעמ־זעלבן קבלת־פנים. און נישט בלויז דערפאַר, ווייל איין און די־זעלבע זון האָט פאַסאָנירט אונדזערע וועזנס, נאָר ווייל אינ־סטינקטיוו האָט עס מיך אַליין אַ צי געטאָן גיכער צו זייער געזעלשאַפט, ווי צו דער געזעלשאַפט פון די בלאָנדינען מיט די בלויע אויגן.

דער מדבר האָט אונדז אָנגעשטעקט מיט זיינע טרוימען, ענלעך צו די טרוימען, וואָס פאַרגנבענען זיך אין אונדזער וועזן און וועלכע הייבן אָן צו לעבן און פאַנאַנדערוויקלען זיך, בעת מיר קומען אין באַרירונג מיט אַ פאַפּיראָס, מיטן מונד־שטוק פון אַ ליולקע, מיטן ריח פון קאַווע, מיט די איינטאָ־ניקע געזאַנגען פון אַ פלייטע, מיט די פּאַריאַושטע טענער פון „יאַ לייל", אָדער מיטן צויבערדיקן בלויען שאָטן פון אַ וויינ־שטאָק. דער גאַנצער אָריענט איז אויסגעוואָקסן, ווי אין אַ כּישוף. מיר האָבן זיך באַפרייט פונם וואַגאָן, פון דער שנעל־קייט און פון דער צייט... יעדער איינער פון אונדז האָט זיך באַהעפט מיט די פייזאַזשן פון זיין לאַנד און מיט אומבאַש־טימטע בליקן, פונקט ווי מען לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ געדריי־טער ליניע, האָבן זיי נאָכגעקוקט די וויזיעס, וואָס זיי איז געפעלן. ווען מיר זענען געקומען צו זיך פון דערדאָזיקער שיכּרות, האָבן מיר זיך אָנגעקוקט מיט אַ שמייכל. ס'האָט זיך צווישן אונדז געשאַפן אַ מין גייסטיקע פאַרייניקונג, אַ מין אָפּמאַך.

די אַנדערע האָבן איצט געזונגען מיט אַ פאַלצעט־שטימע, צוקלאַפּנדיק צום טאַקט מיט דער קאָלבע פון זייערע ביקסן. נאָכדעם ווי זיי האָבן אויפגעגעסן די שטיקער שינקע, די איינגעמאַכטס און אויסגעטרונקען דעם טיי, האָבן זיי דערפילט אַ נויטווענדיקייט צו מאַכן זיך משוגע און צו ריטשען. זייער געוויגענער הומאָר, וועלכע איז די גאַנצע צייט געווען אין גלייכגעוויכט, איז אויפגעטרייסלט געוואָרן צוליב דער שפּאָר ביסל שפּייז, וואָס זיי האָבן אַריינגעכאַפּט. אַזוי זענען זייערע

פרימיטיווע אינסטינקטן אין התחלה־צושטאַנד אין דידאָזיקע פעסטע קערפּער.

דער צוג, באַשרייבנדיק אַ קרומע ליניע, איז אַריין צווישן הויכע זאַמד־בערג און אויפגעהאַלטן זיין שנעלקייט. עגיפּטישע אַרבעטער האָבן פאַרריכט די אייזנבאַן. זיי זענען געווען אויסגעשטעלט ביי ביידע זייטן פונם צוג. די לאַפּעטעס, לאָמען און קערב האָבן גערוט. עטלעכע האָבן געשנאָרט פּאַפּיראָסן, אַנדערע זענען געלאָפן פון וואַגאָן צו וואַגאָן, האָפנדיק עמיצן צו באַגעגענען פון זייער דאָרף. די ענגלישע זעלנער האָבן פון זיי חוזק געמאַכט, געריצט זיך מיט זיי, געשטופּט, מיט שנאה אין די באַוועגונגען און אין דער שפּראַך, אויף וואָס זיי זענען גרויסע ספּעציאַליסטן, ווען זיי ווילן געבן אָנצוהערן זייערע קאָלאָניאַלע תושבים, אַז זיי זענען קנאַפּע מחותנים מיט איינאַנדער.

דער צוג האָט פאַרשטאַרקט זיין שנעלקייט... איצט זענען מיר געפאָרן אין אַ פלאַכן טאָל, וועלכער האָט שימערירט פון אַלע זייטן. דער ים האָט זיך געוואַקלט און זיך געהייבן צום האָריזאָנט, אָן איין כוואַליע, אָן איין קנייטש... אָבער אויס אַנטציקונג, אויס באַצויבערונג! דער צופלוס פון די ערינערונגען איז אַוועק. די באַרימעריי פון דידאָזיקע ענגלישע זעלנער האָט אונדז אַריינגעגעבן גאַנץ אַנדערע געדאַנקען. מיר האָבן זיך נישט געחידושט, ווייל מיר זענען דערצו געווינט געווען. אָבער בעת מיר זענען זיך אַזוי דאָרט געזעסן, יעדער איינער טראָגנדיק די משא פון זיינע ערינערונגען, האָבן מיר פונקט דעמאָלט שאַרף און בולט אַרויסגעזען די אומגערעכטיקייט בנוגע אונדז. יעדער איינער פון אונדזער גרופּע האָט באַטראַכט אויפן צווייטן די באַוועגונגען פון זיינע אייגענע רעפלעקסיעס. ס'איז געווען גענוג, איינער זאָל אַרויסזאָגן אַ וואָרט מיטן שפּיץ פון די ליפּן און יעדער פון אונדז האָט באַלד משיג געווען, וואָס ער טראַכט אין זיך. אָבער וואָסער ווערט האָבן די פראַזן, בעת אַרום אונדז, אַרום פינף וועזנס מיטן זעלבן גורל, ציטערט די שטילקייט מיט דער פולער פאַרביטערונג פון זייערע נשמות.

דער אינדוס, דאָס פּנים אַראָפּגעלאָזט, זיצנדיק אין דער פּאָזע פון זיין לאַנד, האָט דורך זיינע האַלב־צוגעמאַכטע אויגן געוואָרפן אויסטערלישע בליקן; דער בריטישער מערב־אַפריקאַנער האָט אויף זיין קורצן שטערן, ביי די ברעמען, געהאַט צוויי קנייטשן, וועלכע האָבן געדריקט איינער דעם צווייטן; דער עגיפּטער האָט געקוועטשט זיינע צונויפגעקרייצטע מאָגערע פינגער, אַז ער האָט זיי שיער נישט צעבראָכן. און איך, בעת דער צוג האָט זיך דערנענטערט צו על־אַריש, האָב איך, דאָרט אין וואַגאָן געזעסן דעם גאַנצן אָריענט אַ צעבונטעוועטן, וואָס דונערט, צעברעכט די קייטן און ווערט אויפגעוואַכט.

סוף